י. יאָהאַנסען.

# אין נאכט און שניי

## אונטער ‎86° 14′

יידיש: י. ש—ר אָ.

Юрьевская Еврейская
библиотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 1509
107
1509
Juudi usu kogudus
Tartus
valitsus
הנהגת
עדת ישראל

פארלאג / ב. שימין /

ווארשע. 1921.

Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1942:258

DRUK. SZ. SIKORA i I. MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

Юрьевская Еврейская библіотека имени Д-ра Л. [illegible]ова
№ 107

# פאָרוואָרט.

צוויי מענטשן זיינען ארויס פונם ליבן און ווארימן „פראַם", וואָס האָט געקעמפט מיט די אייזבערג נישט ערגער ווי די לייט פון דער עקספעדיציע, און זיך געלאָזט גיין אהין, צו יענעם ערדווינקל, וואו קיין מענטשלאכער פוס איז דארט נישט געשטאנען און וואו קיין מענטשלאך אויג האָט דאָרט נישט געקוקט.

צוויי מענטשן זיינען ארויס פונם „פראם" אויפן באוועגלאכן אייז, און בשעת זיי מאכן דעם ערשטן שריט אין יענער ריכטונג, וואָס פירט, צום טונקעלן און סודותפולן צפונפּאָל, גייט אייך, דעם לייענער, וואָס זיצט אודאי אין א רוהיק צימערל מיט דעמדאָזיקן בוך אין דער האנט, ארייבער א שוידער איבערן לייב. דער מאָמענט איז אזא שרעקלאכער, אזא אימהדיקער, אז אויך דער לייענער ציטערט־אויף מיט דעם בוך אין דער האנט, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט געשטאנען צוזאמען מיט די צוויי מענטשן אויפן באוועגלאכן פאררעטערישן אייז און וואָלט, ווי זיי, געמאכט א שריט אין דער ריכטונג צום צפונפּאָל.

דאָס איז א שריט אין טויט אריין. אין בעסטן פאל — א שריט אינם אָפּגרונט פון יסורים, איינזאמקייט און פיין.

צוויי מענטשן — נ א נ ס ע ן און י אָ ה א נ ס ע ן.

דער ערשטער איז אן אויסגעצייכנטער נאטורפאָרשער, געאָגראַף און פּאָלאַריזנדער, און דער צווייטער האָט בלויז פארמעגט א שטארקן ווילן און א ווארימן גלויבן. אוןביידע האָבן זיך פאראייניקט. און ביידע זיינען אוועק אין דער ריכטונג פון די שרעקלאכסטע סודות.

װאַנטער אן אייביקן נאכטהימל, אויף א באָדען פון באוועגלאכן
אין שניי, דערוויטערט פון דער גאנצער לעבעדיקער וועלט, זיינען
דאָזיקע צוויי מענטשן פונקט ווי פארלאָרענע צוויי שווארצע פינטע
אין אן אומענדלאכן ים, געגאנגען פאָרויס און פאָרויס, פונקט ווי
גאנצע מענטשהייט וואָלט זיי געשיקט אין א ג״טלאכער שליחות פון או
ערד צו א צווייטער. יעדער טראָט זייערער איז אן אויסדרוק פון איב
מענטשלאכער גבורה, פון אומנאטירלאכער שטארקייט, פון אומבאגר
לאכן גלויבן, פונקט ווי די גאנצע מענטשהייט אויף דער ערד וואָלט
זאמענירט דורך זיי די גאנצע סומע פון מענטשלאכן גלויבן און גבורד

א בוך האָט פארגליווערטע קאלטע בוכשטאבן. די גרעסטע ל
ווערן צוגעדעקט מיט זיי, און זיי באוועגן זיך נישט. אין יאָהאנסענס
אָבער, אין דידאָזיקע פשוטע ווערטער פון אן איינפאכן, אָבער שטא
מענטשען, אָטעמען די אותיות ווי לעבעדיקע, ווייל יעדע שורה איז
געזאפּט מיט אומגעהערטער מסירת-נפש און מענטשלאכער שיינקייט.
איז א בוך, וואָס מאכט קלאפן דעם לייענערס הארץ, ווי א לעבעדי
מענטש וואָלט אייך דערציילט אן אויסערגעוויינלאכע זאך, און, עפנט
עס איינמאָל אויף, ליגט מען עס שוין נישט אוועק, ביז מען לייענט
איבער מיט איין אטעם, מיטן גאנצן בלוט.

און דער געדאנק, מיט וועלכן עס ענדיקט זיך דאָס בוך, ווערט ז
דער לעצטער געדאנק פונם לייענער:

„ווייט זיינען איצט די אייזבערג פון מיר, — שרייבט יאָהאַנסען,
אָבער עס וועלן קומען אנדערע ־ענטשן, מעגלאך דרייסטערע, ווי
און זיי וועלן אויסרייסן נאָך א גרעסערן סוד פון יענעם ערדווינקל, ו
ליגט אין די געפאנצע־טע אָרעמס פ־ן נאכט, אייז און שניי...״

ק.

157

# קאַפּיטל איינס.

אין פרילינג 1893 האָבֿן מיר, די טיילנעמער פון דער עקספּעדיציע, אָנגעהויבֿן זיך צוזאַמענקומען אין כֿריסטיאַנע. אויפֿן שיף „פראַם,” וואָס איז געשטאַנען דעמאָלט ביי אַקערס שיפּספאַבֿריק און וואָס אויף איר האָבֿן מיר אונזער ווייטע רייזע געדאַרפט מאַכן, האָט אונז געדאַרפט אויסקומען אַלעמען צוזאַמען לאַנג צו לעבֿן און טיילן זיך דאָרט מיט פרייד און לייד. מיר האָבֿן איינער דעם אַנדערן נאָך גאָרנישט געקענט, דען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען פון פאַרשידענע קאַנטן פון אונזער לאַנד, און אָט האָבֿן מיר נייגעריק באַטראַכֿט איינע די אַנדערע. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבֿן אַלע פעסט געגלויבט אינם גוטן ערפאָלג פון דער אונטערנעמונג און, באַגריסנדיק זיך, האָבֿן מיר איינער דעם אַנדערן געוואונשן אַ גליקליכֿע רייזע צום צפון-פּאָל, כאָטש יעדערער פון אונז האָט דערביי געהאַט זיין אייגענע מיינונג וועגן דער פראַגע, ווי לאַנג ס׳מוז דויערן, ביז מיר וועלן אַהינקומען. די פון

אונז, וואָס זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אויפן אייז-ים, האָבן מיט אַ פאַרנומענעם אָטעם געהערט דאָס, וואָס עס האָבן דערציילט וועגן די אייזמאַסן און זייער געוואַלטיקער קראַפט יענע לייט, וואָס זענען שוין דאָרט געווען.

ביזן אָפּפאָרן איז איבערגעבליבן נאָך עטליכע מאָנאַטן, און אָט די צייט איז מען געווען פאַרנומען מיט אַלערליי הכנות צו דער רייזע. וואָס נאָנטער ס'איז אונטערגעקומען די צייט פון אָפּפאָרן, אַלץ הייסער איז די אַרבעט געגאַנגען. אויפן שיף זענען די פאַבריקאַרבייטער אַרומגעלאָפן, ווי די בינען אין אַ בינשטאָק. מען האָט דאָ געזען מאַשיניסטן, סטאָליאַרעס, בויער, שיפס-מייסטערס א. אז. וו. דער שיפס-קאַפּיטאַן יול און איך — מיר האָבן על-פּי-רוב זיך געפונען אויף דער אינזל טאָר, וואו מיר האָבן אַדורכגעקוקט די קעסטלאַך מיט פּראָוויאַנט און צוזאַמענגעשטעלט די רשימות וועגן זיי; אַזויאַרום וועט אונז שפּעטער לייכטער זיין אָנצולאָדעווען זיי אויפן שיף אין די פאַר זיי באַשטימטע ערטער אין זיין אונטערשטן טייל (טריום). דאָ איז אויך געווען פעדער הינדריקס פון טראַמסע, וועלכער האָט אַזוי פלייסיק געאַרבעט אַרום די קאַסטנס מיט די סובאַרעס פאַר די הינט, אַז ס'האָט פון אים שוויס גערונען. פון לאָנדאָן איז אָנגעקומען נאָך אַ טראַנספּאָרט מיט אַ זעלכע סובאַרעס, און די באַלאָדונג פון שיף האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן זיך.

איך דערמאָן זיך: ווען דאָקטאָר נאַנסען איז אויף דער שיף געקומען און האָט דערזען דאָרט דעם גאַנצן באַרג קאַסטנס, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר זיי ערגעץ וואו אַן אָרט געפינען, האָט ער זיך פשוט דערשראָקן. אַזויפיל זאַכן, וואו מען וועט עס אַלץ איינשטעלן? ס'האָט זיך אָבער געפונען אַן אָרט פאַר אַלץ. ס'איז פּראָסט נשתומם צו ווערן, וויפיל זאַכן מען האָט געקאָנט אַרויפנעמען אויפן שיף! און די שיף איז טאַקי נישט געקומען צוריק פון דער עקספּעדיציע מיט ליידיקן: ס'איז געבליבן פּראָוויאַנט אַזויפיל, אַז ס'וואָלט געקלעקט אויף נאָך אַ צווייטער עקספּעדיציע.

אין האָב צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן יול צוזאַמענגעשטעלט אַ מין מאַפּע, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעוויזן גענוי דער אָרט אין טריום, וואו ס׳געפינט זיך יעדער קאַסטן מיט דעם אָדער יענעם סאָרט פּראָוויאַנט, כּדי ס׳זאָל נישט אויסקומען לאַנג צו-זוכן, ווען מיר וועלן זיין אויפן אייז-ים און מען וועט עט-וואָס דאַרפן האָבן פון פּראָוויאַנט. די קוילן האָט מען צוזאַמענגע-לייגט אין אונטערשטן טייל פון טריום און איןביידע זייטן פון דער מאַשין-אָפּטיילונג. די אייזערנע קעסלען מיט פּאַראַפין האָט מען פּאַנאַנדערגעשטעלט אין יעדער שיפס-אָפּטיילונג. אַ טייל פּאַראַפין, נישט דעסטילירט, האָט געדאַרפט דינען צו באַ-הייצונג.

דעם גרעסטן טייל פּראָוויאַנט האָט מען אַנידערגעשטעלט אויף אַ גרעסערן פּלאַץ פון טריום. מען האָט אויסגענוצט יעדעס ווינקעלע: וואו מ׳האָט קיין קאַסטן נישט געקאָנט שטעלן, האָט מען אַריינגעשטעלט אַן אַנדער זאַך — אויף דער וויטער רייזע קאָן דאָך אַלץ צונוץ קומען. דער פּראָוויאַנט איז באַשטאַנען פון אַלערליי קאָנסערוון: פון פלייש, פיש, פרוכטן און ירקות. דאָס אַלץ האָט מען אונז צוגעשיקט פון פאַרשידענע לענדער — פון נאָרוועגיע, דענעמאַרק, אַמעריקע און אייסטראַל-יע, — חזיר-קאָטלעטן, ראָסטביף, שפּעפּסנפלייש, רויגן, מאַק-רעל, געטריקנטע פיש, פיש-מעל, געטריקנטע גרינוואַרג, מאַר-מעלאַדע, רייז, שאָקאָלאַד, גרויפּן פון האָבער און מאַיס, געבאַקן ברויט, בולקעס, מעל, צוקער, קאַווע, אַלערליי סאָרטן פּעמיקאַן, בוליאָן און פיל אַנדערע עסנוואַרגן. און אַלץ איז געווען גוט און פריש, ווי מען קאָן נאָר פאַרלאַנגען.

די אויפגאַבע צו באַלאָדן די שיף איז געלעגן אויף דאָק-טאָר נאַנסען. ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, ס׳הייסט, אויס-געצייכנט. אונזער אָנפירער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אַ געהעריק-גוטער צוגרייטונג און דע-ריבער האָט ער נישט געזשאַלעוועט דערויף עטליכע יאָר פלייסיקער אַרבעט. קאַפּיטאַן סווערדרופּ האָט אים פלויסיק גע-

האָלפּן. דערדראָזיקער מאַן איז זיך עניוותדיק-שטיל אַרומגעגאַנגען אויפן שיף. אַלץ האָט ער געהאַט אויפן אויג, ווייניק גערעדט, אָבער פיל געטאָן.

און אָט איז, ענדלאַך, געקומען דער טאָג פון אָפּפאָרן: דעם 24-טן יוני 1893 האָבן מיר אָפּגעאַנקערט דאָס שיף און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

ס'איז געווען אַ גרויער, פאַרנעבלטער טאָג, אָבער אויפן האַרצן איז ביי אונז געווען ליכטיק: מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס מיר האָבן, ענדלאַך, זיך דערוואַרט די מינוט, ווען מען האָט געקאָנט זאָגן, אַז די עקספּעדיציע האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין. אַ המון מענטשן האָט זיך פאַרזאַמעלט צו זען, ווי מיר וועלן אָפּפאָרן, און דאָס אַרויסקלייבן זיך איז פאָרגעקומען נישט אַזוי גיך, ווי ס'רעדט זיך. אין דער לעצטער מינוט האָט מען, ווי געוויינלאַך זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט דאָס אָדער יענץ. אַזוי, למשל, האָבן מיר געוואַרט אויף אייז פאַר אונזער קיך און האָבן זיך נישט דערוואַרט.

— מיר וועלן עס שפּעטער אַליין באַקומען — האָט דער קעכער ענדלאַך אויסגערופן.

דאָקטאָר נאַנסען איז געקומען אויפן „פראַם" אין דער לעצטער מינוט פאַרן אָפּפאָרן. ווי נאָר ער איז אַרויף אויפן שיף, האָט די מאַסיווע גרויסאַרטיקע שיף זיך געלאָזן אין וועג אין דער באַגלייטונג פון פיל שיפן, אויף וועלכע ס'האָט געשפּילט מוזיק און מען האָט געשריען הוראַ! מיר האָבן תחילת נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָ די שמחה — מיר האָבן דאָך נאָך גאָרנישט געהאַט אויפגעטאָן, מיר האָבן זיך דאָך ערשט געקליבן אין וועג אַריין.

יעדער פון אונז האָט אָבער פאַרשטאַנען, ווי גרויס עס איז זיין פליכט צו טאָן זיין אויפגאַבע בשלימות, כדי אַז אָט די אַלע פריינט זאָלן זיך שפּעטער נישט שפּירן אנטטוישט.

אמת, צווישן די גרויסע מאַסן באַגלייטער זענען געווען נישט ווייניק אויך אַזעלכע, וואָס האָבן גערעכנט, אַז מיר וועלן שוין צוריק נישט קומען...

אין „הארטן” האָבן מיר זיך באַוואָרגט מיט פולווער און האַר־מאַטן צו סאַלוטירן. דער „פראַם” איז געגאַנגען פינף מייל אַ שעה און די מאַשין האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט. אין רעקווויק, אויף אָרטשערס שיפספאַבריק, האָבן מיר אַרויפגענומען אונזערע שיפלעך.

בייטאָג האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, און די כוואַליעס האָבן אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן טרייסלען די שיף, אַז פיל פון אונז האָבן באַקומען סימנים פון ים־קרייענק. מיר זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, ווייל דאָס שיף איז געווען שטאַרק באַלאָדן; אָבער די שטימונג איז ביי אונז געווען אַן אויסגעצייכנטע; מען האָט געשטיפט, זיך געוויצלט, באַזונדערס ווען מען האָט זיך געזעצט עסן מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע. איבערהויפט האָט מען געשמועסט וועגן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן אויפן צפון־פאָל.

נאַנסען האָט אונז מכבד געווען מיט מוזיק, און דער קעלער האָט זיך געקלאָגט, אַז מיר זענען זולל־וסובאס.

— הלואי זאָל אונז קלעקן קאַווע ביז טראַמסע — האָט ער גע־טענה׳ט.

אַלע זיינען פריילאַך און מונטער, און דער „פראַם” גייט זיך דערווייל אַלץ ווייטער און ווייטער צום ציל. מיר איילן לאַנגזאַם און, ווי מען זאָגט, איז עס דאָס בעסטע.

די נאַכט אויפן 28־טן איז געווען זייער אַ שווערע. די כוואַליעס זענען אַפילו געווען נישט מי־יודע־ווי גרויס, אָבער די שווער באַלאָדענע שיף האָט שטאַרק געטרייסלט מיט אירע קיילעכדיקע אַרויסשטאַרצנדיגע זייטן*). אַרום לינדעסנעס האָבן מיר

*)לויט נאַנסענס פלאַן, האָט מען די שיף בכיון געבויט מיט אַזעלכע זייטן. ווען די מאַסן אייז וועלן אָנהויבן פרעסן די שיף פון די זייטן, זאָלן זיי עס נישט קאָנען צוזאַמענפּרעסן און פאַרניכטן, נאָר די שיף זאָל זיך אַרויסגליטש פון זיי און בלייבן ליגן אויפן אייז. אין די פריערדיקע עקספּעדיציעס זענען כמעט

געמוזט צו פאַרלייכטערן די משא פון שיף און מיר האָבּ אַריינגעוואָרפן אין ים עטליכע ליידיקע קעסלען פון פאַראַפין אויפן שיף האָט זיך געהערט אַזאַ קראַכן, אַז ס'האָט אָנגענומען אַן אימה.

איך מיט פעטורסן זענען געשטאַנען אין דער מאַשין-אָפּטיילונג, וואו עס איז געווען איינג און הייס און ס'האָט אימהדקיק. גע-טרייסלט

דעם 28-סטן יוני אין אָוונט האָבן מיר פאַראַנקערט די שיף ביים ים-אויסגוס גער. אויף צומאָרגנס זענען מיר ווידער אַרויס אין ים מיט אַלע זעגלען און מיט אַ פולן דאַמפגאַנג. אויפן ים איז געווען שטיל.

דעם 3-טן יולי האָט מען אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס עסן אויפן לאָמפ פרימוס, אָנשטאָט צו מאַכן פייער אין קיך.

אין בערגן האָט מען אונז אויפגענומען מיט אַ פייערליכן קבלת-פנים. דאָ האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט געראָיכערטע פיש. אַרום מיטאָג-צייט האָבן מיר זיך פאַראַנקערט נעבן סטאַדט, צוליב דעם געדיכטן נעבל. דאָ האָבן מיר אונטערגענומען אַ יאַגד אויף ווילדע קאַטשקעס. דעם 5-טן האָט ס'ווערדרופ איבערגענומען דעם פאָסט פון אַ שיפסקאַפיטאַן. ביז אים איז סקאָט האַנסן געווען קאַפיטאַן אויפן „פראַם."

דעם 7-טן האָבן מיר זיך אָפגעשטעלט ביי רעכוויק. דאָ האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבן אַ הייסע אַרבייט: מען האָט איבער-געלייגט די קוילן אין דעם פראָוויאַנט. ווייל ביז דאַן פלעג איך שלאָפן אין איינעם פון די שיפלעך, וואו איך פלעג אַריינ-קריכן אין אַ שלאָף-זאַק און זיך איינדעקן מיט אַ הירשנפוטער.

דעם 12-טן יולי זיינען מיר געקומען קיין טראָמסע. ס'איז גע-פאַלן אַ שניי מיט אַ האָגל, פונקט ווי אינמיטן ווינטער. אין

---

דאָס רוב שיפן צודריקט געוואָרן אין דיקן און פעסטן אייז, אָבער נאָנסען „פראַם" איז געבליבן גאַנץ. בשעת אַ שטורמווינט אויפן אָפענעם ים, געפינט זיך אָבער אַזאַ שיף אין זייער אַ שווערער לאַגע, ווייל זי טרייסלט זיך שטאַרקער.

(דער איבערזעצער)·

טראָמסע איז אונזער חבר אַמונדסען שיער נישט דער׳הרג׳עט געוואָרן. ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער שטיקער קוילן, וואָס ער האָט אַריינגעוואָרפן אין טריום. ער האָט זיך שטאַרק צו-שלאָגן דעם קאָפּ. אָבער ער האָט זיך בלויז אויסגעלאַכט דער-פון, נאָכדעם ווי מען האָט אים דאָס בלוט אָפּגעוואַשן און פאַר-נייט דעם קאָפּ. אַזוי איז ער זיך געגאַנגען מיט אַ פאַרבונדע-נעם קאָפּ ביז אין שפּעטן ווינטער אַריין אויפן אייז-ים. אַמענטש פון אייזן!

פון טראָמסע האָט מען נאָך מיט אַ צייט פריער אַרויסגעשיקט פאַר אונז קיין כאַבאַראָוו אַ שיף מיט קוילן. אין וואַרדע האָבן די וואַסער-טויכער באַטראַכט אונזער שיף אין זיינע אונטער-וואַסער-טיילן און אָפּגערייניקט זיי פון די צוגעשטאַנענע מושלען, וועלכע שטערן אין שווימען. דאָ האָבן מיר זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיט אונזער פאָטערלאַנד נאָרוועגיע. לכבוד אונז האָט די אָרטיגע באַפעלקערונג געמאַכט אַ באַל. דעם 20-סטן יולי, 4 אַ זייגער אינדערפרי, האָבן מיר זיך, ענדלאַך, געלאָזן אין ווייטן וועג אַריין. איך בין אַריינגעקראָכן אינם באַאָבאַכ-טונגספּאַס, כדי צו וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף דאָס ליבע פאָ-טערלאַנד: ווען וועלן מיר עס ווידער זען!

---

## קאַפּיטל צוויי.

דעם 24-סטן האָט מען אויפן „פּראַם" געפּייערט האַנסעס געבורסטטאָג: צו פרישטיק האָט מען דערלאַנגט מאַרמעלאַד, די מיטן—די שענסטע מאכלים און ס׳זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס. אויף צומאָרגנס האָבן מיר אויפן האָריזאָנט דערזען די אינזל נאָוואַיאַ זעמליאַ. במשך פון טאָג האָבן מיר גערעכנט צוקומען צו איר; אָבער צוליב דעם נעבל האָבן מיר זי פאַרלאָרן פון די אויגן. דעם 27-סטן יולי האָבן מיר צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט מיטן אייז. ער שטויסט זיך אַלץ ווייטער אָן אונזער שיף און טרייבט אונז ווייטער. אין דער מאַשין אָפּטיילונג איז שוין נישט אַזוי הייס, ווי פריער, היינט איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שטיקל אונאָרדנונג: ס׳האָט זיך צובראָכן דער קוימען און די פּאָמפּעס האָבן שלעכט געאַרבעט; אָבער נישקשה: מען האָט אַלץ באלד פאַרריכט און ס׳איז נישט אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן.

ס'איז שיין צו זען, ווען די צפון-זון ציגט זיך אָן אויפן האָריזאָנט איבערן ים מיט אַ בלוט-רויטער ליכטיקייט און אין דערווייטן זעען זיך די בלויע אייזבערג, און די גאַנצע לופט אַרום איז אַ בלויע. דער „פראַם״ פליט פאָרווערטס. ער פאָלגט דעם רודער און שנייט מיט זיין שאַרפער ברוסט דאָס אייז. יאָ אויפן „פראַם״ מעג מען זיך פאַרלאָזן. שווער איז אָבער געווען דעם רודערמאַן. דאָס אייז איז נישט תמיד אַבעלן נאָכ־צוגעבן. טיילמאָל באַגעגנט מען גאַנצן אייז-פעלדער פון פאַר־שידענע געשטאלטן אין פאָרמען: בלויע, גרויע און גאָר ווייַ־סע, שפּיציקע בערג, ערטערווייז געפלאַצטע; טייל פון זיי זייַ־נען באַדעקט מיט ערד אויף טייל שווימט אַ קאָלוזשע נישט־געזאָלצן וואַסער. דאָס זיינען גאַנצע בערג. שווערע, דיקע און אונבאַוועגלאַכע...

דעם 29-סטן יולי, האַלב זיבן אין אָוונט, האָבן מיר זיך פאַר־אַנקערט ביי כאַבאַראָוו. דאָ איז צו אונז געקומען אַ מענטש, וועלכער איז געפאָרן קיין סיביר איינקויפן פאַר אונז הינט. ער האָט געהייכן טראָנטהיים. פון אים האָבן מיר זיך דער־וואוסט, אַז דער ים קאַר האָט פון 4-טן יולי זיך באַפרייט פון אייז; מיר וועלן, אַלזאָ, קאָנען דאָרט אַדורכגיין און איינשפּאָרן זיך וועג צום צפון.

באַלד, ווי מיר האָבן זיך נאָר פאַראַנקערט, זיינען געקומען סאַ־מאָיעדן צו אונז אויפן שיף אָנגעטאָן אין הירשן-פעל. זיי זייַ־נען מאוס און שמוציק די רוסישע סוחרים, וועלכע וואוינען דאָ. זעען אָבער אויס זער גוט אין זייערע לאַנגע קאַפּטאַנען מיט די היטלען פון הירשן-פוטער. זומער וואוינען זיי אין כאַ־באַראָוו און פירן אַ טויש-האַנדל מיט די סאַמאָיעדן, ביי וועל־כע זיי נעמען-צו די פוטערוואַרגס און גיבן זיי דערפאַר בראָנפן און טאַבאַק. די סאַמאַיעדן האָבן דידאָזיקע ביידע זאַכן זער ליב און זיינען גרייט צו פאָרן וויאָרסטן-יווייט אויף זייע־רע הירשן אין הינט, כדי צו באַקומען אַביסל בראָנפן און טאַבאַק. די רוסישע סוחרים נוצן עס אויס פאַר זיך און פאַר־דינען דערביי אַ סך געלט, פאַרקויפנדיק זייער פוטערוואַרק צו

הויכֿע פרייזן אין דערהיים אום ווינטער. אויף זומער קומען זיי צוריק קיין כֿאַבאַראָוו.

אייניגע פון אָט די רוסן זיינען געקומען צו אונזער דאָקטאָר אויף קוראַציע מאַנכֿע פון זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף רעוו-מאַטיזם, אַנדערע אויף טויבליכֿקייט. אַריינגעקומען צו אונז, האָבן דידאָזיקע הערן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע אויבער-קליידער און די היטלען, איבערלאָזנדיק זיי אויף דער פּאָד-לאָגע אין סאַלאָן. דערביי אָבער האָבן זיי אונז אויך איבער-געלאָזן אַ גוטע ירושה—די דריטע מכה... דען באַלד נאָך אונ-זער אָפּפאָרן פון כֿאַבאַראָוו און האָבן מיר זיך געכֿאַפּט, אַז מיר האָבן נייע קאַמעראַדן, וועלכֿע מיר האָבן בכלל נישט גע-וואונשן צו האָבן...

בשעת׳ן שטיין ביי כאַבאַראָוו בין איך מיט פּעטערסן אַריינגע-קראָכֿן אין מאַשין-קעסל אָפּצורייניקן אים פונם זאַלץ, וואָס האָט זיך אינעווייניק אָפּגעזעצט פונם ים-וואַסער. דאָס איז אַ שווערע אַרבייט, ווייל פון קעסל זיינען מיר אַרויס צוריק, ווי עכֿטע קוימען-קערער שוואַרץ און שמוציק, נישט ערגער, פון די סאַמאָיעדן. נאַנסען האָט אונז אַזוי אָפּפאָטאָגראַפירט.

נאַנסען, סווערדרופ און הענזריקסן זיינען אויף אַ שיפל אָפּגע-פאָרן באַטראַכֿטן דאָס אייז אין ים קאַר. ס׳האָט זיך אַרויסגע-וויזן, אַז דאָרט איז פאַרהאַן גענוג אייז, אָבער אונזער שיף וועט קאָנען אַדורכֿגיין מיטן ברעג. אויפן וועג האָבן זיי דער-שאָסן פיל פויגלען און איין ים-הונט. אין כֿאַבאַראָוו האָבן מיר איינגעאָרדענט אַן עלעקטערישן גלעקל פון באַאָבאַכֿטונגס-פּאַס צו דער מאַשין-אָפּטיילונג, כדי דער באַאָבאַכֿטער אויפן ים זאָל תיכּף קאָנען מעלדן דעם מאַשיניסט, וואָס ער ברויך. מיר האָבן אַלץ געוואַרט אויפן שיף, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען קוילן פאַרן „פראַם“ און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

דעם 3-טן אויגוסט האָבן מיר זיך ענדלאַך געלאָזן אין וועג-אַריין. אויפן ים האָט געהערשט אַ נעבל. נאַנסען איז געפאָרן פאָראויס מיט אַ שיפל און האָט געמאָסטן די טיף פון ים.

זונטיק, דעם 6-טן אויגוסט האָבן מיר צוליב דעם נעבל, זיך

פאַראַנקערט נעבן אַן אייז-באַרג, נישט ווייט פון די ברעגן פון יאַימאַלאַ. נאַנסען, סווערדרופ. סקאט האַנסען און הענדריקסן זיינען אַרויס אויפן ברעג. דאָס וואַסער איז דאָרט געווען אַזוי נישט טיף, אַז אונז איז אויסגעקומען צושלעפן דאָס שיפל אויף זיך. מיר האָבן זיך געלאָזן אויף יאַגד נאָך קאַטשקעס און האָבן באַמערקט שפורן פון סאַמאָיעדן. באַלד האָבן מיר דער-זעען אַ „טשום״ (אַ ביידל פון סאַמאָיעדן). מיר זיינען צוגע-גאַנגען פאָרזיכטיג, ווייל מיר האָבן זיך עטוואָס געשראָקן פאַר די סאַמאָיעדישע הינט, וועלכע וואַרפן זיך אויף מענטשן. באַלד האָבן מיר אָבער דערזעען, אַז דאָס ביידל האָבן אויפגעשטעלט אונזערע אייגענע חברים, וועלכע זיינען אַוועק פריער פון אונז. האָבן מיר זיך איינגעאָרדענט אין ביידל, אויפגעקאָכט דאָרט קאַווע, אויסגערויכערט אַ לילקע און גענעכטיגט. אויפן „פראַם״ זיינען מיר געקומען ערשט אויף מאָרגן.

דעם 8-טן אויגוסט איז צו אונזער „פראַם״ צוגעשוואומען אַ שיפל מיט צוויי סאַמאָיעדן. זיי האָבן, ווי עס שיינט מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שיפל, ווייל דאָס אייז וואָלט זיי שפּע-טער געקאָנט שטערן אומצוקערן זיך צוריק צום ברעג. איינער פון זיי איז געווען אַ זקן, דער אַנדערער אַ יונג יונגל. מיר האָבן זיי געגעבן פראָוויאַנט, און זיי האָבן אונז אָנגעוויזן, אַז אויפן ברעג געפינען זיך נאָך סממאָיעדן. בענטסן האָט זיי געגעבן סולכאַרעס,—פאַר מענטשן און הינט, אָבער זיי האָבן אַלע תיכף אויפגעפרעסן אָן שום אונטערשיד. דערנאָך האָט בענטסן זיי געגעבן אַ פודעלע זאַפּאַלקעס, דערביי האָט ער איינע אָנגעצונדן. די סאַמאָיעדן האָבן געקוקט דאַרויף מיט דער גרעסטער פאַרוואונדערונג. דער יונגער סאַמאָיעד האָט אויך אָנגעצונדן אַזאַפּאַלקע, אָבער באַלד האָט ער זי פאַר-לאָשן און זי באַהאַלטן אין פודלע, כדי נאָכאַמאָל אָנצוצינדן!... פון גרויס דאַנקבאַרקייט האָבן די סאַמאָיעדן געשאַנקן בענטסן אַ פאָר הירשן-שטיוול. נאָכדעם האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט צוריק אין זייער שיפל, און מיר האָבן לאַנג באַאָבאַכטן, ווי זיי זיינען אַדורכגעשוואומען דורכן אייז אויף זייער שוואַך

שיפעלע.

צוליב דעם, וואָס דאָס אייז האָט אונז נאָך אַלץ געהאַלטן גע-בינדן ביים ברעג. זיינען טייל פון אונז ווידער אַרויף אויפן ברעג, כדי צו באַקענען זיך בעסער מיט דער אינזל און באַקומען דאָרט פוטערוואַרג ביי די סאַמאָיעדן. אַנ-דערע ווידער, האָבן אָנשטאָט דעם, זיך גענומען זאַמלען די אָרטיגע צמחים. מיר האָבן דערזעען פון ווייטן עפּיס מענטשן אָבער יענע זיינען זיך געשווינד צולאָפן. אויף דער אינזל האָבן מיר איבערגענאַכטיקט און פאַרבראַכט דעם אָוונט, ווי אונזער שטייגער איז געווען, זער פריילאַך. אויף צומאָרגנס זיינען מיר געקומען צוריק אויף אונזער „פראַם"; טייל פון אונז האָבן גע-בראַכט דערשאָסענע פויגלען, אַנדערע אָנגעזאַמעלטע צמחים, מאַנכע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן דער פאָרם פון דער אינזל. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, איז דער אינזל אויף דער מאַפּע פאַר-צייכנט נישט ריכטיק: 8-מייל ווייטער צו מערב.

## קאַפּיטל דריי.

אויף צומאָרגנס זיינען מיר אַריינגעקומען אין דער געגנט פון ווייכן אייז, און מיר זיינען געגאַנגען מיט דאַמף און מיט אַלע זעגלען. ביי דער מאַשין איז געשטאַנען אַמאָל העטערסן, אַמאָל איך. מיר האָבן דערזעען, אַז די האָר זיינען ביי אונז שטאַרק אָפּגעוואַקסן און גענומען זיך אָפּט שערן איינער דעם אַנדערן. דעם 12-טן אויגוסט האָט מען אויפגעהערט צו הייצן די מאַשין און מיר זיינען געגאַנגען נאָר מיט דער הילף פון די זעגלען—דער „פראַם" איז געגאַנגען אויסגעצייכנט, צו אונזער גרויסער פרייד. ס'האָט זיך געוואָלט איינשפּאָרן קוילן, ווייל מיר האָבן פאָראויסגעזעען, אַז דאָס קאָן אונז שטאַרק צונוצט קומען.

דעם 13-טן אויגוסט האָבן מיר געהאַט אַ געגן-ווינט, און אונז איז אויסגעקומען צו לאַווירן און צו גיין לאַנגזאַם. בשעת עס טרייסלט די שיף בילן אָן אויפהער די הינט. און מען האָט דאַריבער זיי געמוזט אַריינברענגען אין אַן אונטערשטע אָפּטיילונג פון שיף. טייל פון זיי האָבן שטאַרק געליטן פון ים-

קראַנקייט. בכלל אָבער פילן זיך אויף די הונט זײַער גוט און זיינען געוואָרן גאָר היימיש מיט אונז.

דעם 16-טן אויגוסט איז געוואָרן אַ העסלאַך וועטער, און הינט האָבן שטאַרק געליטן. דאָס פּאַראַפין-שיפל האָט זיך שיִ נישט אָפּגעריסן און אַריינגעפאַלן אין ים, ווייל די שטאַרקייטן, מיט וועלכע עס איז געווען צוגעבונדן, האָבן פון שטאַרטרייסלען זיך געבויגן, ווי דינער דראָט. מיר האָבן דאָס שיִ געמוזט צובינדן פעסטער מיט קאַנאַטן.

יעדעס מאָל, ווען ס'הויבט-אָן טרייסלען, ווערט ביי אונז לו בעדיק אויפן שיף: די ביקסן טאַנצן אויף די ווענט, דער טי און שטולן טאַנצן אויף דער פּאָדלאָגע אין זאַל, דאָס געפּע אין קיך קלינגט, אָבער צושפּרינגט זיך אויף אַלע זייטן. אַרו טר מאַשין מוז מען זיין פּאָרזיכטיק, כדי נישט אַריינצופאַל ַיטן קאָפּ אין אויוון.

דעם 18-טן פרי האָט סווערדרופּ אַנטדעקט אָן אינזל, וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן סווערדרופּ, נאָכן אַנטדעקער. אָ אָוונט האָבן מיר ווידער דערזעען ערד. דאָס זיינען מסתמא די נחלאות, וואָס ליגן ביי דעם האַפן דיקסאָן.

מאָנטיק, דעם 21-טן, האָבן מיר זיך פאַראַנקערט ביי די קעל-מאַנשע אינזלען; מען האָט זיך געמוזט באַזאָרגן מיט נישט-גע-זאַלצן וואַסער פאַרן מאַשין-קעסל. מיר האָבן, אַגב, באַמערקט, אַז אויף דער אינזל זיינען פאַראַן הירשן. האָט זיך אָנגע-הויבן אַ לויפעניש; מיר קאָנען כמעט אַלע שיסן, און יעדע-רער איז אַראָפּ אויפן ברעג, צו באַטייליגן זיך אין יאַגד. אויפן שיף זיינען געבליבן נאָר 5 מענטשן. די הירשן זיינען געווען זער שרעקעוודיק, און ס'איז אונז דאַריבער אויסגעקומען צו קריכן אויף אַלע פיר, כדי צו צוקומען צו זיי נענטער אַזוי, אַז זיי זאָלן אונז נישט באַמערקן. זיי אָבער האָבן שוין פון דערוויטנס אונז דערשמעקט און זיינען זיך צולאָפן ווי אַ פייל פון בויגן. מיר זיינען ווידער געקראָכן אויף אַלע פיר צווישן קושאַקעס, כדי צוצוקימען אַזוי נאָנט צו די הירשן, אַז אונ-

זערע קוילן זאָלן זיי דערגרייכן; אָבער קיין ערפאָלג האָבן מיר נישט געהאַט.

איך בין געוועזן מיט הענדריקסן צוזאַמען. מיד און הונגעריג, האָבן מיר ענדלאַך זיך צוגעזעצט אויסרוען. פלוצלונג האָט הענ־דריקסן אויפגעהערט צו רויכערן זיין לולקע און אַ זאָג געטון: „אַ בער!" און ווירקלאַך, לענגאויס דעם ברעג איז געגאַנגען אַ בער מיר האָבן פאָרזיכטיק זיך צוגעלייגט, אָבער דער בער האָט־אונז דערשמעקט און האָט זיך געלאָזן גיין גלייך אויף אונז. מיר האָבן זיך צוגעצילט און אויסגעשאָסן ביידע מיטאַמאָל. אָבער אונזערע ביקסן האָבן זיך פאַרהאַקט אין די קוילן זיינען נישט אַרויס. מיר האָבן ווידעראַמאָל אויסגעשאָסן און פאַרוואונדערט דעם בער אין פאָדערשטן פוס. האָט זיך דער בער געלאָזן לויפן צום ים. האָבן מיר ווידער געשאָסן און געטראָפן, אָבער ער איז נאָך געשווינדער געלאָפן. הענדריקסן האָט אויסגערופן: „שיס נישט, נאָר לאָמיר לויפן נאָך אים!" איך האָב אָנגעלאָדן מיין ביקס ־ך געלאָזן לויפן און אויסגעשאָסן, פאַרוואונדניג דעם בער. איצט איז ער שוין אַנידערגעפאַלן.

—„משמשות אַ סוף" — האָב איך געזאָגט צו הענדריקסן, וועל־כער איז נאָרוואָס אונטערגעקומען.

—„ניין—האָט הענדריקסן באַמערקט — אַזוי לייכט כאַפט מען נישט אַ ווייסן בער!" דער בער איז אויפגעשטאַנען. זיך איבער געקערט אויף דער אַנדערער זייט, און הענדריקסן האָט אים פאַרוואונדערט אויך אין דער אַנדערער זייט. ענדלאַך איז ער צוגעקומען צו אים גאָר נאָנט און אַריינגעהאַקט אים אַ קויל אין קאָפּ אַריין. איך האָב געזאָגט. אַז דאָס איז שוין גאָר אי־בעריק; הענדריקסן אָבער האָט דאַרויף געענטפערט: „דו קענסט נישט דידאָזיקע שדים: דאַכט זיך שוין גאָר פאַרטיק און מיט־אַמאָל מאַכט ער דיר פלטה, פייל פון בויגן." מילא, אַז הענ־דריקסן זאָגט מוז איך אים גלויבן. ער האָט שוין אין זיין לעבן דערשאָסן 40-50 ווייסע בערן און איך האָב דאָ געהאַט פאַר זיך דעם ערשטן ווייסן בער. האָבן מיר דעם בער אָפּ־געשונדן און זיך געלאָזט גיין זוכן די חברים. מיטאַמאָל—מען

שיסט. מיר קומען צו נענטער—אַ גרויסער הירש מיט אַ צושאָ-
סענעם פוס לויפט גלייך אויף אונז מיט זיינע הערלאַכע-פּאַר-
צווייגטע הערנער. האָבן מיר זיך צוגעלייגט צו דער ערד, דער
הירש איז אונטערגעקומען נענטער! אָבער אָט האָט ער אונז
דערשמעקט און האָט זיך געלאָזט לויפן, אונטערשפרינגנדיק
צום ים. איין פוס, דער צושאָסענער האָט זיך דאַרבײ גע-
שאָקלט אין דער לופטן. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן, אָפּצו-
שניידן אים דעם וועג, אָבער דאָ האָבן זיך דערהערט עטלאַכע
שאָסן און באַלד דאַרויף האָבן מיר דערזעען, ווי נאַנסען האָט
זיין מעסער אַריינגעזעצט דעם הירש אין נאַקן. נאַנסען האָט
דעם טאָג שוין געהאַט דערשאָסן צוויי הירשן. מיר האָבן אים
דערציילט פון אונזער בער. דאָס איז געווען אָ גליקלאַכע
יאַגד. באַלד האָבן מיר זיך פאַרזאַמעלט ביי די שיפלאַן, מיד
פון שווערע טריט אויף דער ווייכע לאָנקע.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז סווערדרופּ, יאַקאָבסן און סקאָט-
האַנסען וועלן צוריק-אָפּפאָרן צום „פראַם“ און אונטערקומען
מיט אים נענטער, און דערווייל וועלן מיר מיטן שיפל אַרויפ-
נעמען דעם בער מיט די הירשן. אונטערגעקומען צום אָרט,
וואו דער דערשאָסענער בער איז געלעגן, האָבן מיר דערזעען
אַ צווייטן בער, וואָס איז זיך געשלאָפן רויק נישט ווייט פון
ים. ער איז געווען אַ ווייסער און אַ זויבערער. מיר האָבן אים
אויפגעוועקט אויף אַ זייער נישט דעליקאַטן אופן: מיר זיינען
שטיל אונטערגעקומען צו אים אויף אַ ביקסן-שאָס און יעדער
פון אונז האָט אים מכבד געווען מיט אַ קויל אין שטערן און
עטלאַכע קוילן אין אַנדערע טיילן פון קערפּער. אַזוי אַרום האָב
מיר אים געגעבן אַ טיפערן שלאָף. דאָס איז געווען אַ שיינער
בער מיט לאַנגע האָר, וואָס זענען נאָך פייכט געווען פון באָדן
זיך פאַרן שלאָף אין ים-משמעות. ער האָט ביים ברעג ים גע-
וואַרט אויף די פיש, וועלכע קומען-צו נאָענט און האָט געהאַט
אַ גוטן מיטאָג. מיר האָבן טאַקי געפינען נעבן אים שיריים פון
זיין מיטאָג—ביינער פון פיש.

האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט און בשעת מיר האָבן זיך געטענטלט מיט די בערן, האָט דער ווינט איבערגעקערט אונזער שיפל אויף אַ זייט און אָנגעפילט עס מיט וואַסער, די ביקסען און דאָס ברויט זיינען פאַרנעצט געוואָרן. ערשט נאָך פיל מי איז אונז געלונגען אַרויסצושלעפּן דאָס שיפל אויפן ברעג, דערביי זיינען מיר אַלע גוט דורכגענעצט געוואָרן. די חלקים פון די בערן האָבן מיר מיט שטריק צוגעשלעפּט צום שיפל, אַריינגעלייגט זיי דערין און געלאָזן זיך צוריק צום „פראַם“.

אָבער אויך דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע אַרבעט: דער ווינט און דער שטראָם פונם וואַסער איז געווען געגן אונז און מיר האָבן כמעט זיך נישט גערירט פון אָרט. פלוצלונג האָבן מיר באַמערקט אויפן ברעג נאָך אַ בער. נאַנסען האָט זיך געכאַפּט פאַר דער ביקס און געצילט, אָבער געשאָסן האָט ער נישט, ווייל די כוואַליעס האָבן אונז צושטאַרק געטרייסעלט, אַז מען זאָל קאָנען טרעפן אין ציל. האָבן מיר דעם בער געלאָזט צורו.

מיר האָבן אַלע געאַרבעט מיט די רודערס. אַזוי זיינען מיר געפאָרן לענגויס דעם ברעג, ביז מיר זיינען אויסגעקומעןו געגנאיבער דעם „פראַם“. איצט האָבן מיר זיך געלאָזן גלייך צ אים. אונזער שיפל איז אָבער געווען שטאַרק באַלאָדן, דער ווינט איז געווען גרויס, די כוואַליעס האָבן אַלע ווייל פאַרגאָסן אונזער שיפל. דער שטראָם האָט אונז יעדע מינוט אַוועקגעטראָגן צוריק און מיר האָבן ווידער געמוזט אַרבעטן, זייער אָנגעשטריינגט מיט די רודערס, כאָטש מיר זיינען געווען טויט-מיד. לסוף זיינען מיר אָבער פאָרט צוגעקומען נענטער צום „פראַם“. פון דאָרט האָט מען אונז צוגעוואָרפן שטריק, וועלכע מיר האָבן אונטערגעכאַפּט. אַ שטריק קאָן אָבער פּלאַצן אויך. ווידער האָבן מיר זיך געכאַפּט פאַר די רודערס און מיט גרויס מי זיינען מיר אַרויף אויפן „פראַם“ מיט אונזער שווערן באַגאַזש. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז געווען—אַראָפּצעוואַרפן פון זיך די נאַסע מלבושים, אָנטון פרישע, טרוקענע, דערוואַרימען זיך און לעגן זיך אין בעט אַריין!

דער ווינט איז געוואָרן שטילער אַ ביסל. מען איז ווידער אָפּגעפאָרן צום ברעג נאָך די דערשאָסענע הירשן. ווידער אַרבעט און ווידער געקעמפט אויפן זעלבן אופן.

דעם 22-טן האָבן מיר זיך געפּרובט אַרויסצורייסן פון ים-דורכגאַנג און דעם שטאַרקן שטראָם, וואָס איז ענלאַך געווען צו אַן אמתן קעסל-גרוב. מען האָט אָנגעהייצט די מאַשין, אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. מיר האָבן זיך געמוזט פאַראַנקערן. אויפן ים האָט געהערשט אַ שטורם און אַ קעלט. צו מיטאָג האָבן מיר געגעסן בערנפלייש. זייער געשמאַק. באַזונדערס האַלט מען שטאַרק פון אַ ברישן האַרץ. דאָס איז אַ גרויסע פּאָרציע. צוויי בערנהאַרצער קלעקן געווינג אויף אַ מיטאָג פאַר 13 פּערזאָן.

דעם 24-טן האָבן מיר ווידער אויפגעהויבן דעם אַנקער און געפּרובט מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער פאַראָווער מאַשין אַרויסצורייסן זיך פון ים-דורכגאַנג. דעם מאָל האָט אונז אָפּגעגליקט, און מיר האָבן מיט אַלע זעגלען זיך געלאָזט קיין צפון. אויף צומאָרגנס זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען 7 אינזלען, וועלכע האָבן נישט קיין נאָמען. מיר האָבן ווידער געהאַט אַ מיטאָג פון בערנפלייש. בראָטן פון בער געפעלט אונז נישט ווינִיקער פון בעסטן בעפשטיק אין „גראַנד-האָטעל".

דער ווינט געגן אונז איז געוואָרן שטילער. דעם 27-טן אויגוסט זיינען מיר געשוואומען צווישן אינזלען, וועלכע זיינען נישט פאַרצייכנט אויף נאָרבענשעלדס מאַפּעס און מיר האָבן אויך נישט געוואוסט, ווי דער באָדן פון ים זעט דאָ אויס. עס איז דעריבער אונז אויסגעקומען נאָכאַנאַנד צו מעסטן די טיפקייט פון ים. די הינט שפּירען זיך, משמעות, שוין פיל בעסער אויפן ים, ווייל זיי זיינען געוואָרן פיל פריינטלאַכער.

דעם 28-טן אויגוסט וועלן מיר גוט געדענקען: אין דער מאַשין-אָפּטיילונג איז געוואָרן אַן אמתע בהלה. מיר האָבן געהייצט מיט שוואַרצן אייל, האָבן מיר באַמערקט—באַצייטנס—אַז דער אייל עסט-אויף דאָס אייזן און דער קעסל שטייט אין געפאַר צו פּלאַצן. דער הייסער דאַמף וואָלט אויך אָפּגעבריט מיך און פּעטערסענען. מיר האָבן דעריבער באַלד אויפגעהערט

דערמיט צו הייצן.

היינט נאָכמיטאָגצייט האָבן מיר מיטן אַנקער זיך פאַר־טשעפּעט ביי אַ גרויסן אייזבאַרג אויף וועלכן ס'איז געווען אַ קאַלוזשע נישט קיין געזאַלצן וואַסער. דאָס וואַסער האָבן מיר שוין ווידער גויטיק געהאַט פאַר אונזער קעסל. אויסערדעם האָבן מיר אין דער קאַלוזשע אויסגעוואַשן אונזער וועש און אָנגעטרינ־קען אויך די הינט. אין דער לעצטער צייט האָט שוין אונז שיר נישט פאַרפעלט זיס־וואַסער אויפן „פראַם".

## קאַפּיטל פּיר.

29-טער אויגוסט. נישט אַלץ גייט, ווי ס'ווילט זיך. מיר האָבן פאַרלאָרן העכער אַ מעת-לעת; מיר האָבן זיך געוואָלט אַדורכרייסן דורכן געדיכטן אייז-פּאַס, אָבער נישט דאָרט, וואו מען האָט געבּרויכט. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאָרויס איז שווער אַלץ צו וויסן. פון פאָרנט איז געווען אַן אייזפעלד, פון אַן אַנ-דער זייט—לאַנד. וואָס פאַר לאַנד איז עס געווען, צי אַן אינזל, צי אַ קאָנטינענט, האָבן מיר נישט געקאָנט דערגיין; פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט זיך געעפנט פאַר אונז דער ים, וואו מיר וואָלטן אפשר געקאָנט האָבן אַ פרייען דורכגאַנג. ס'איז אונז דעריבער אויסגעקומען צו גיין צוריק צום ברעג און וואַרטן דאָרט אויף אַ גוט וועטער. אַרום איז אַ געדיכטער נעפל און מיר מוזן וואַרטן. איינער פון אונזערע הינט איז היינט אַוועק-געפאַלן און עטלאַכע אַנדערע זיינען קראַנק געוואָרן... פאַר זיי איז זייער שווער דאָס לעבן אויפן קאַלטן פייכטן דעק פון שיף, וואו זיי מוזןליידן פון אַלערליי ענדערונגען אין וועטער. ווען זיי וואָלטן צווישן זיך געלעבט פריינטלאַך, וואָלט מען זיי גע-קאָנט אַראָפּנעמען פון קייט און אַריינפירן אין ערשטן שטאָק; אָבער די הינט רייסן זיך שטענדיק, פונקט ווי מענטשן, נישט פאַרשטייענדיק זייער אייגענעם נוצן.

איינער פון אונזערע חברים איז געווען אויף דער יאַגד און האָט דערשאָסן עטלאַכע פּאָקן.

דעם 30־טן אויגוסט האָבן מיר זיך פאַראַנקערט אין אָפּע-

נעם ים ביי טאַימיר. צוויי הינט זיינען ווידער אַוועקגעפאַלן: דאָק טאָר בלעסינג האָט זיי געפּאַלמעסט און דערקלערט, אַז די סבה פון זייער טויט איז דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעגעסן מיט בערישן פעטס אָדער אַנדערע גיפטיקע זאַכן.

צוזאַמען מיט נאַנסען און סווירדרופ האָב איך מיך אַרויס-געוועצט אויפן ברעג און מיט אַ פּאָר הינט האָבן מיר זיך גע-לאָזט אויף יאַגד אויף די בערן. מיר זיינען געגאַנגען נאָך די בערנשפּורן, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בערן זיינען אַוועק אין ים און אַנטרונען געוואָרן. אויפן דעק פון אונזער שיף ליגן בערג פרישע פלייש, פעטס און פעל.

ביי טאַימיר זיינען מיר געשטאַנען ביזן 2-טן סעפּטעמ-בער. מיר האָבן געאַרבעט אַרום דעם קעסל און דער מאַשין, געריייניקט אונזערע ביקסן און צוגעריכט צוימלאַך פאַר אונזערע הינט, כדי מען זאָל זיי קאָנען לאָזן לויפן איינער הינטער דעם אַנדערן. ביינאַכט ווערט קאַלט, און מיר דעקן זיך איין מיט הירשנפעל.

מיטן ים-דורכגאַנג גייען מיר צום דרום-מערב: אפשר וועלן מיר דאָרט געפינען אַ דורכגאַנג אין פרייען ים. דעם 3-טן סעפּ-טעמבער האָבן מיר זיך פאַראַנקערט פריער אין איין אָרט, נאָכ-דעם אין אַ צווייטן.

דעם 4-טן און 5-טן האָבן מיר — איך, נאַנסען, יול און נאָרדאַ זיך אַוועקגעלאָזט מיטן שיפל אויסצוגעפינען אַ פרייען וועג אין ים. 17 שעה כסדר האָבן מיר געהאָרעוועט מיט די רודערס גאָרנישט האָבנדיק מיט וואָס צו דערהאַלטן די כחות אויסער טרוקענע סוכאַרעס, ווייל פוטער האָבן מיר פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך, און אַ ביסל געטריקנט הירשנפלייש. דעם ערשטן שפּיץ, ביי וועלכן מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר אַ נאָ-מען געגעבן „אָן בוטער״. (קאַפּ סמערלעז) אַרבעטנדיק אין שיפל מיט די רודערס, האָבן מיר כסדר געמאָסטן די טיף פון ים. ערטערווייז איז אונז אויסגעקומען אַריבערצושלעפּן דאָס שיפל אויף זיך איבערן אייז. מיר האָבן דערשאָסן פינף פּאָקן. מיר האָבן געהאַט מיט זיך פּוסשליטעלאַך, אויבערשטע, וואַרימע

קליידער, ברעזענט (דיקער לייוונט) אויפצושטעלן אַ געצעלט; אין זאַך אָבער האָט אונז געפעלט—עסנוואַרג, וואָס מיר האָבן אין איילעניש פֿאַרגעסן צו נעמען.
מיר האָבן געזען פיל שפּורן פון הירשן און בערן, אָבער ס'האָט אונז געפעלט צייט צו גיין אויף יאַגד.
ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן מיטן שיף דורכגיין אַ היבשן מהלך אין ים-דורכגאַנג, אָבער דער וועג אין פרייען ים איז דאָך געווען פֿאַרשפּאַרט דורך די אייז-פעלדער.
מערקווירדיק! ווי נור מיר פאַרלאָזן אונזער „פראַם" צו מאַכן אַ שטיקל נסיעה מיט אַ שיפל צוליב עפּיס אַ צוועק, הויבט זיך אָן אַ שלעכט וועטער און ס'קומט אונז אויס צו אַרבעטן מיט די לעצטע כחות, אַרויפצוקריגן זיך צוריק אויפן „פראַם", הונגעריק, דורכגענעצט און האַלב פאַרשלאָפן. מיר האָבן געאַרבעט מיט אַלע כחות, אָבער אונז האָט זיך געדאַכט, אַז דער „פראַם" איז נאָך אַלץ ווייט פון אונז און מיר רירן זיך נישט פון אָרט.
מיר האָבן שוין אָנגעהויבן שמועסן, אַז ס'וועט אונז אויסקומען איבערצונעכטיקן אויף איינער פון די אינזעלן, אָבער צום גליק האָבן מיר דערוויף זיך נישט באַשלאָסן. ווי נור מיר זיינען אויפן „פראַם" אַרויפגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם-ווינט. מיר זיינען נאָך געשטאַנען אויףביידע אַנקערס; דאַן האָבן מיר זיך געפרובט אַרויסצורייסן אין פרייען ים אַריין, אָבער אָן ערפאָלג. אונזערע באַאָבאַכטונגען שטימען בכלל נישט איין מיט נאָרדענשעלדס מאַפּע.
דעם 7-טן האָבן מיר אָבער געהאַט הצלחה! מיר האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן אין אַ ברייטן אייז-פעלז, וועלכער האָט געהאַט פֿאַרשפּאַרט פאַר אונז דעם וועג צום אָפענעם ים אַרויס.
נאַנכען און סווערדרופ זיינען געשטאַנען אינם באַאָבאַכטונגס-פּאַס. דאָס עלעקטרישע גלעקל, וואָס האָט זיי פֿאַרבונדן מיט דער מאַשין, האָט געהאַלטן אין איין קלינגען; די אַנקערס האָט מען גרייט געהאַלטן אויף יעדן פאַל; איינער פון אונזערע לייט האָט געהאַלטן אין איין מעסטן די טיף פון ים. מיט איין וואָרט: מען האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, און דער „פראַם" האָט

זיך אויסגעצייכנט, דען ער האָט אונז געראַטעוועט פון דער נויט, צו בלייבן אַ גאַנצן ווינטער ביי דער אינזל טאַימיר, און דאָס וואָלט אפשר פאַרצויגן אונזער עקספעדיציע אויף אַ גאַנצן יאָר.

אין אָוונט האָט אונז ווידער אָפּגעשטעלט דער אייז, און מיר זיינען געשטאַנען ביזן 9-טן. נאַכסען איז אַרויס אויפן ברעג און האָט דערשאָסן אַ הירש. מיר אַנטדעקן אַלץ נייע אינזלען און ים-אויסגוסן, וועלכע נאָרדענפעלד האָט נישט באַמערקט.

היינט, שבת, דעם 9-טן, האָבן מיר זיך ענדלאַך אַרויס-געקריגן פון אייז און מיר גייען שטאַרק פאָרויס, מיט דער גאַנ-צער דאַמף-קראַפט און מיט אַלע זעגלען, צו 9 מייל אין אַ שעה. יאַקאָבסען האָט, ווי עס זעט אויס, פאַרשפּילט זיין געוועט מיט מיר, ערקלערנדיק, אַז מיר וועלן אין דעם יאָר נישט אַרומגיין דעם לאַנד-שפּיץ טשעלוסקין.

אויפן שיף איז אונז זייער באַקוועם. גוטע מאכלים איז פאַראַן לרוב. מיר האָבן פרישע הירשנפלייש, בערנפלייש, פּאָקן און מיר פאַרשפּאָרן אָנצורירן אונזערע זאַפּאַסן פון דער היים. נאָכן מיטאָג פאַרזאַמלען מיר זיך ביים שטורמאַן, וואו מיר רוי-כערן און שמועסן געמיטלאַך. די וואַך איז איינגעטיילט צווישן אַלעמען גלייך; בשעת אייניקע פון אונז שטייען אויף דער וואַך, מאַכן אַנדערע באַאָבאַכטונגען.

זונטאָג, 10-ער סעפּטעמבער. ענדלאַך איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונזער עקספּעדיציע. צוליב די אייז-פעלדער, וואָס מיר האָבן געהאַט באַגעגנט אָפּט אין די לעצטע דריי וואָכן, האָבן מיר גערעכנט אַז ס'וועט אונז אויסקומען דאָ צו האַלטן ווינטער, און מיר האָבן נאָר געטראַכט, וויאַזוי צוצוקומען צום שפּיץ טשעלוסקין. היינט ביינאַכט, אַרום 4 אַ זייגער, זיינען מיר טאַקי צוגעקומען צו אים. דאָס איז פאַר אונז געווען אַ פייערלאַכע געשעעניש. מיר האָבן באַלד אויפגעהויבן אונזער פאָן און סאַלוטירט מיט אונזערע האַרמאַטן. אין באַלויכטענעם זאַל האָט מען דערלאַנגט אַלעמען אַ מין משקה, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „טשע-לוסקינער פּונש". די שטימונג איז געווען גאָר אַ יום-טובדיקע.

יאַקאָבסאָן שיינט ממש, כאָטש ער האָט זיין געווער פאַרשפּילט. דעם 12-טן סעפּטעמבער זיינען נאַנסען, יאָל און הענדריקס געווען אויף דער יאַגד אויף ים-פערד. אויף איין שטיק אייז איז געלעגן אַ גאַנצע סטאַדע פון ים-פערד. וואָס פאַר אַ בהלה ס'איז געוואָרן צווישן דידאָזיקע ריזן, ווען נאַנסען האָט אויסגעשאָסן און הענדריקס האָט זיין האָקן געוואָרפן אויף זיי, ווי נאָר דאָס שיפעלע איז צום ברעג צוגעקומען! די ים־פערד האָבן באַלד זיך אַ לאָז געטון צום ים. דערהרגעט האָט מען נאָר צוויי פון זיי. נאָכמיטאָג האָט מען דערשאָסן נאָך צוויי.

דעם 15-טן, 16־טן און 17־טן זיינען מיר על-פּי-רוב געגאַנגען נאָר מיט דער דאַמף-קראַפט, טיילמאָל אָבער אויך מיט זעגלען, ענדערנדיק די ריכטונג, לויט דער לאַגע פונם אייז. דעם 18-טן האָבן מיר זיך געלאָזן גיין צום צפון־מערב פון די ניי-סיבירישע אינזלען, וועלכע מיר האָבן נישט געקאָנט, צוליב דער פינסטערניש. אויף דידאָזיקע אינזלען האָט באַראָן טאָל איינגעאָרדנט פאַר אונז אַ שפייכלער מיט פּראָוויאַנט; אַ דאַנק אים האָבן מיר אויך הינט באַקומען.

## קאַפּיטל פינף.

19-טער סעפּטעמבער. מיר האָבן דערגרייכט ביזן 76-טן גראַד צפונברייט. מיר גייען ביי אַ גינסטיקן וועטער מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער דאַמפמאַשין אין אָפענעם ים, גלייך צום צפון.

די שטימונג איז ביי אונז אַלעמען אַן אויסגעצייכנטע און מיר שווימען אין אַזעלכע ערטער, וואו קיינער איז נאָך נישט געווען. די איינציקע פראַגע, וואָס באַשעפטיקט אונז, איז: ווי ווייט וועט אונז געלינגען אַדורכצורייסן זיך פאָרויס, איידער מיר וועלן פאַרהאַלטן ווערן דורכן אייז. נאָרדאַל האָט היינט אַריינגעוואָרפן אין ים אַ פלאַש מיט אַ בריוו אַהיים.

דעם 20-טן האָבן מיר שוין געהאַלטן ביי 77 גראַד מיט 44 מינוט צפונברייט. צום אָוונט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אייזפעלד און מיר האָבן געמוזט ענדערן אַביסל דעם קורס; אָבער דאָך גייען מיר צום צופן. טיילמאָל שטערט אונז שטאַרק דער נעפּל.

אויפן ים זעט מען פליען פיל פויגל. צי געפינט זיך נישט ערגעץ וואו דערביי אַ לאַנד? דעם 21-טן זיינען מיר ווייטער געגאַנגען צום צפון, ביז די אייזפעלדער האָבן אונז אָפּגעשטעלט. די נעפּלען שטערן אונז זייער. מיר האָבן היינט געמאַכט אַ נישט-אָנגענעמע ענדעקונג: די רוסן אין כאַבאַראָוו האָבן אונז איבערגעלאָזן געסט, וועלכע בייסן זיך זייער. מיר האָבן אויסגעטאָן אַלע מלבושים אַריינגעלעגט זיי אין אַ קעסל און אַריינגע-

לאָזט אין אים אַ דאַמפּשטראָם. דער קעסל האָט אָבער נישט אויס־געהאַלטן און געפּלאַצט, און אָט איז אונז אויסגעקומען נאָכצויאָגן זיך אויפן דעק פון שיף נאָך די בייסנדיקע חיהלאַך. ס'איז געווען אַן אינטערעסאַנט בילד!

דעם 22-טן אַרום 4 בייטאָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אייזפעלד 78 גראַד מיט 54 מינוט צפונברייט, ווייט־ווייט פון דער ציוויליזירטער וועלט. דאָס וועטער איז שען. מיר האָבן אַרום זיך אַ פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע: בערגאייז פון פאַרשידענע געשטאַלטן און פאָרמען ציען זיך אַזש ביזן האָריזאָנט. צווישן זיי זעען זיך דאָ און דאָרט בלויע פּאַסן; דאָס איז דער אָפּענער ים. אַ פייערלאַכע שטילקייט הערשט אַרום; נור טיילמאָל הויבן־אָן בילען די הינט; משמעות, זיי האָבן דערשמעקט אַ בער, אָדער אַן אַנדערע חיה.

שבת, דעם 23-טן האָבן אַלע זיך גענומען אַרבעטן אין קוילן־שפּייכלער. ווי עס שיינט וועלן מיר שוין דאָ פאַרבלייבן איבערן ווינטער. די טעמפּעראַטור האַלט 7—8 גראַד צעלזיוס. דער אייז ווערט אַלץ דיקער. מעגלאַך, אַז ער דריקט שוין אונזער שיף פוןביידע זייטן.

ס'ווערט אַלץ קעלטער און קעלטער. אָט האָבן מיר שוין 7—8 גראַד פראָסט. מיר האָבן דערזען הינטערן שיף אַ בער. נאַנסען און סווערדרופּ האָבן זיך געכאַפּט פאַר די ביקסן, אָבער דער בער האָט נישט געוואָלט האָבן מיט אונז צו טאָן און איז אַנטלאָפן. דעם 25-טן האָבן מיר שוין זיך געהאַט פאָלקאָם איינגעאָרדנט צום איבערווינטערן. דעם 29-טן סעפּטעמבער האָבן מיר געפייערט דאָקטאָר בלעסינגס געבורטסטאָג מיט אַ שענער סעודה און מוזיק. דעם 30-טן האָבן מיר אָפּגערייניקט דעם שניי אַרום דעם שיף און אויסגעהאַקט דעם אייז אַרום אים. מיר אַרבעטן געשמאַק און די אַלגעמיינע שטימונג איז אויסגעצייכנט.

## קאַפּיטל זעקס.

זונטאָג דעם 1-טן אָקטאָבער האָבן מיר געהאַט דעם ערשטן רו-טאָג, ווייל ביז איצט פלעגן מיר זונטאָג אַרבעטן, ווי אין דער וואָכן. אונזער לאַגע איז שוין איצט קלאָר: מיר ווינטערן אין די אייזפעלדער.

סקאָט-האַנסען, בלעסינג און איך האָבן געאַרבעט אויפן אייז: מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ באַאָבאַכטונגס-סטאַציע, וועלכע האָט גע-מוזט זיין וואָס ווייטער פון שיף, כדי די אייזנטיילן פון דער שיף זאָלן נישט האָבן קיין איינפלוס אויפן מאַגנעט פון קאָמפּאַס, צוציענדיק אים צו זיך. פּלוצלונג האָט פאַר אונז זיך באַוויזן אַ בער. נישט האָבנדיק מיט זיך קיין ביקס, האָבן מיר נור געוואָלט געבן אַ צייכן אונזערע חברים אויפן שיף. ס'איז אָבער געווען צו ווייט און אויפן שיף האָט מען אונז נישט געזען. דאָקטאָר בלעסינג האָט דעריבער געוואָלט לויפן צו דער שיף נאָך ביקסן, דער בער אָבער האָט נישט געוואַרט און זיך געלאָזט גיין גלייך אויף אונז. ער איז משמעות געווען הונגעריק און האָט געוואָלט פאַרזוכן אונזער פלייש. די לאַגע איז געוואָרן ערנסט. ווי נור בלעסינג האָט זיך געלאָזן גיין צו דער שיף, האָט דער בער אים פאַרשטעלט דעם וועג... מיר האָבן אָנגעהויבן שרייען. סקאָט-האַנסען האָט זיך געכאַפּט פאַרן אייזערנעם דראָנג, איך — פאַר דער האַק. בלעסינג איז צוריקגעקומען צו אונז און מיר האָבן זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע פון פאַרטיידיקונג. דער בער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, מיר האָבן אָנגעהויבן גיין היג-

טערוויילעכטס צוריק. דאַן האָט דער בער אָנגעהויבן לויפן צו אונז. אָבער פון שיף האָט מען שוין אונז באַמערקט. נאַנסען און סווערדרופ זיינען שוין געלאָפן צו אונז מיט געלאָדענע ביקסן. נאַנסען האָט אויסגעשאָסן, און דער בער איז געפאַלן; נאָך איין קויל אין קאָפּ—און אַ מעשה מיט אַן עק.
דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער בער. ביי אים אין מאָגן האָבן מיר קיין סימן פון שפּייז נישט געפונען אויסער אַ שטיקל גרויע פּאַפּיר פון שיף, וואָס ער האָט אויפן ניכטערן האַרצן איינגעשלונגען. פון דעם מאָל אָן איז שוין קיינער פון אונז נישט אַרויס פון „פראַם" אָן אַן אָנגעלאָדענעם ביקס.
דעם 4-טן אָקטאָבער האָבן מיר געמאָסטן די טיף פון ים: ער האָלט 800 פוס און דער גרונט איז פון בלויען ליים. פאַרנאַכט האָט הינטערן שיף זיך צובראָכן דער אייז און דער ים איז געוואָרן פריי צום מערב-זייט. דאָס אייז-פעלד האָט זיך אַ ריר-געטון און מיר צוזאַמען מיט אים. אַ וואונדערלאַך געפיל נעמט אַרום, ווען מען שטייט ביינאַכט אויף דער וואַך, מען הערט, ווי די אייז-קריעס קריכן איינע אויף די אַנדערע מיט אַ שרעקלאַכן טרייסקען, בשעת אַרום איז שטאָק-פינסטער.
צומאָרגנס האָבן מיר דערזען אַ בער צווישן די קריעס אייז. נאַנסען האָט אים דערשאָסן, כאָטש ער איז געווען ווייט פון אונז און האָט זיך געלאָזן אַנטלויפן. צו מיטאָג האָבן מיר אַלזאָ געהאַט אַ פרישן בערישן ביפשטעק, וועלכער איז זייער געשמאַק.

די באַאָבאַכטונגען דערוויזן אונז, אַז מיר זיינען ביים 78-טן גראַד מיט 47 מיט אַ האַלבע מינוט צפונברייט. (1163 ווי אַרסט פון פּאָל) דעם רודער פון שיף האָט מען אַראָפּגענומען און אַרויפגעבראַכט אויפן דעק. איצט גיין מיר אויפשטעלן אויפן שיף אַ ווינט-מיל כדי זי זאָל אונז אויסאַרבעטן עלעקטריציטעט אויף באַלייכטונג.
מיט די הינט איז גאָר נישט אויסצוהאַלטן: ווי נאָר מען לאָזט זיי אַראָפּ פון קייט, הויבן זיי אָן רייסן און בייסן איינאַנדער. איין הונט האָבן זיי אַזוי צוריסן און אויפגעפרעסן. בכלל זיינען

זיי אָבער אונז זייער נוצלאַך.

דער אייז שפּאַרט אויף אונז מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט און שלעפּט די שיף צו דרום-מערב. די טיפקייט פון ים האַלט דאָ נור 150 קלאַפטער.

נעכטן האָט דער אייז שרעקלאַך געשפּאַרט אויף אונזער שיף און זיך געבראָכן. דער „פראַם" האָט שרעקלאַך געציטערט אין אַלע זיינע זייטן, אָבער געשיידעט האָט עס אים נישט. די קראַפט פון אייז איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ דיקער קאַנאַט פון שיף האָט געפּלאַצט, ווי אַ פאָדעם.

13-טער אָקטאָבער. דער דרוק פון אייז וויל גאָר נישט אויפהערן. צייטנווייז דאַכט זיך, אַז אָט-אָט וועט דער „פראַם" צוקוועטשט ווערן. אַ ווײַלע שפּעטער עפנט זיך אָבער אַרום אים דער פרייער ים און—נישקשה! באַזונדערס שרעקלאַך איז געווען היינט פינף אַ זייגער פאַרטאָג: די אייזבערג האָבן זיך נעשטעלט קווער-אַרויפצו, ווי די בערן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, קריכנדיק איינער אויפן אַנדערן. אַראָפּפאַלנדיק, האָבן זיי אַוועקגעשלעפּט אַן אייזערנעם אַנקער אין ים אַריין. איין שטיק אייז, אויף וועלכן אונזערע הינט זיינען געווען, האָט זיך אָפּגעבראָכן און איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין אָפענעם ים. מיר האָבן תּיכּף איינ-געאָרדנט אַ פּראָם, געלאָזן זיך נאָכיאָגן, געפּאַקט אים און אַראָפּ-גענומען פון אים אונזערע הינט.

אַמונדסען און הענדריקסען אַרבעטן ענערגיש ביי דער מאַשין, ווייל מיר האָפן נאָך אַלץ, אַז אונז וועט געלינגען צו קאָנען גיין וויטער צום צפון. איך און נאַנסען זיינען געשטאַנען אויף דער באַאָבאַכטונגס-סטאַציע. צוריק צום שיף איז אונז אויסגע-קומען צו שפּרינגען פון איין שטיק אייז צום צווייטן איבערן אָפענעם ים. אין אָוונט זיצן מיר זיך רויק אויפן שיף און שפּילן אין קאָרטן... פּלוצלונג אַ געוואַלטיקע בילעריי פון די הינט. מיר כאַפּן זיך אַרויס אויפן אייז—אַ בער. ס'איז 20 גראַד פראָסט, אָבער מיר קוקן נישט דערויף, מיר לויפן נאָך די ביקסן, מיר צילן. מיר שיסן, ס'הערט זיך אַ ברילן און אַ שווערע מאַסע פאַלט אויפן אייז. ס'איז חושך, דער אייז וואַרפט זיך אַהער,

אַהין, שטעלט זיך קאַפּויר און די הינט הערן נאָך אַלץ נישט אויף צו בילן. ווידער הויבּט זיך אָן אַ שיסעריי, מיר לויפן אין דער פינסטער אויפן אייז און שטויסן זיך אָן אויפן דערשאָסע־נעם בערן. שוין? גיין, אין דערווייטן הערט זיך ווידער אַ ברי־לעריי. אפשר נאָך אַ בער? אפשר גאָר אַ פאַרוואונדעטער? וואו איז ער? ווייט? מיר בריינגען אַ לאַמטער, אַ שטריק, מיר פאַר־וואַרפן אַ קנופּ איבערן קאָפּ פון דערשאָסענעם בער און שלעפן זים צום שיף. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גאָר אַ קליין בע־רעלע און געבּרילט אין דער ווייטן האָט די מאַמע זיינע...

אויף צומאָרגנס, דעם 15-טן האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז דריי הינט זיינען ביי אונז פאַרשוואונדן. ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס זיינען ביינאַכט געווען ביי דער שיף נאָך צוויי בערן, אייניקע פון אונז לאָזן זיך ווידער גיין אויף יאַגד. באַלד האָבן זיי דער־זען נאָך אַ בערעלע מיט אַ צושאָסענעם פוס. מיט איין שאָס האָט מען געמאַכט אַ סוף צו זיינע יסורים. זיין מאַמע אָבער האָט מען נישט געכאַפּט. אונזער קיך איז רייכער געוואָרן מיטן פלייש פון צוויי יונגע בערן: איינער איז אַלט געווען אַ יאָר, דער אַנדערער — צוויי.

# קאַפּיטל זיבן.

מקאָט-האַנסען האָט היינט געמאַכט מאַגנעט-באַאָבאַכטונגען. נאַנסען פירט זיינע וויסנשאַפטלאַכע פאָרשונגען, וויפיל פראָצענט זאַלץ דאָס ים-וואַסער ענטהאַלט ביי פאַרשידענע טיפקייטן. מיר מאַכן אויך מעטעאָראָלאָגישע באַאָבאַכטונגען, ווי למשל די ריכטונג פון ווינט און זיין געשווינדקייט. די באַוועגונג פון די וואָלקנס, דעם באַראָמעטער, דעם טערמאָמעטער, דעם באַראָגראַף, דעם היפּראָגראַף, כדי צו מעסטן די טעמפּעראַטור, דעם דרוק פון דער לופט, די פייכטקייט א. אַ. וו.

איינמאָל אינדערפרי, ווען איך האָב נור וואָס געענדיקט מיינע באַאָבאַכטונגען, האָב איך דערהערט אַ שרעקלאַכע בילעריי. כ׳בויג זיך אַריבער פון דער שיף אַרויס און דערזע אַ גרויסן, ווייסן בער, וועלכער איז זיך מכין אַרויפצוקריכן אויפן דעק פון שיף. כ׳האָב באַלד געכאַפּט אַ ביקס און אים מכבד געווען מיט אַ קויל אין שטערן. מיט אַ שרעקלאַכן ברילן איז ער אויפגעשפּרונגען און איז אַנידערגעפאַלן אויפן אייז. האָב איך אים מכבד געווען מיט נאָך צוויי קוילן. אונזערע לייט האָבן דאַמאָלט געהאַלטן אין רעכטן מיטאָג. דערהערנדיק די שיסעריי, זיינען זיי זיך צונויפגעלאָפן, אָבער ס׳איז שוין געווען נאָך דער חתונה. דער בער איז געלעגן טויט.

אַ שעה שפּעטער האָב איך און האַנסען געאַרבעט איבער אונזערע באַאָבאַכטונגען. פּלוצלונג—ווידער אַ בער און ער לויפט גלייך אויף אונז. דערזעענדיק ביים שיף דאָס בלוט פון דעם דער-

הרגעטן בער, האָט ער זיך געלאָזן גיין אַהין. האַנסען האָט זיך געכאַפּט פאַר דעם ביקס, אָבער הענדריקסען האָט פון שיף דער-זייל אויסגעשאָסן, דער פאַרוואונדעטער בער האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, דערנאָך אָבער האָט ער זיך געלאָזט אַנטלויפן. האַנסען איז אים באַלד נאָכגעלאָפן און דערשאָסן אים מיט צוויי קוילן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט הענדריקסען געטראָפן אים גלייך אין האַרצן, אָבער ער האָט נאָך געהאַט כח צו לויפן... אויב מיר זאָלן אויך ווייטער האָבן אַזאַ הצלחה, זיינען מיר זיכער מיט חיונה: מיר וועלן זיך שפּייזן מיט בע-ריש פלייש.

דער פראָסט האַלט 24—25 גראַד. ביי אונז אין זאַל אויפן שיף האָבן מיר פון 6 ביז 12 גראַד וואַרימקייט. אין די קאַיוטעס איז פייכטלאַך, האָבן מיר אויסגעהאָנגען די ווענט מיט וואָילאָקע און סעניקעס. נישקשה, מען קאָן לעבן. אין זאַל הייצט מען נישט, נאָר דאָרט ברענט אַ לאָמפּ. דעם 23־טן איז אַרום אונז פריי גע-וואָרן דער ים צום צפון, אָבער באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו-פרירן און אויף צומאָרגנס האָבן מיר שוין געהאַט אַרום שיף אַ דיקן אייז, וואָס האָט איינגעשפּאַרט מיט געוואַלטיקער קראַפט. מיר האָבן קוים אַרויסגעראַטעוועט אונזערע נעצן צו כאַפּן קליי-נע חיהלאַך אין ים. אין די נעצן האָבן מיר אַזעלכע געפונען זייער פיל.

דעם 25-טן אָקטאָבער האָט מען צום ערשטן מאָל געלאָזן אין גאַנג די ווינטמיל. דער רעזולטאַט איז געווען אַ גלענצנדיקער: אין אַלע צימערן האָט מען איינגעאָרדנט עלעקטרישע לעמפּע-לעך. אויפן שיף האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיק פייערל. אַט אַזוי האָבן מיר אַריבערגעטראָגן אַ שטיק ציוויליזאַציע אין דער וועלט פון ווייסע בערן און אייז. ווי נור דער ווינט הויבט אָן בלאָזן מיט אַ געשווינדקייט פון 4—5 מעטער אין אַ סעקונדע, הויבט אָן זיך דרייען אונזער מיל און דער עלעקטראָ-מאַגנעט פּראָדוצירט אונז עלעקטריציטעט. מיר רופן דעריבער אַזאַ ווינט אַ „מיל־ווינט״.

דעם 26-טן אָקטאָבער האָבן מיר געפייערט דעם ערשטן יאָר-צייט

פון אונזער לעבן אין די אייז-פעלדער. דעמזעלבן טאָג האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער זון. בלוטיק-רויט און ווי אַ צוזאַמענגע-קוועטשטע, איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן צום לעצטן מאָל אונ-טערן האָריזאָנט—ביז איבער אַ יאָר. איצט וועלן מיר האָבן בלויז דאָס ליכט פון דער לבנה. איינמאָל האָבן מיר אָבער פלוצלונג באַקומען אַן אַנדער באַלייכטונג גאָר אונערוואַרטעט: הויך אין דער לופטן איז אַדורכגעפלויגן אַ מעטעאָר פון אומגעוויינלאַכער גרויס, מיט שאַרפן שיין, וועלכער האָט געלאָזן נאָך זיך אַ דראָ-פעלטן בלוי-ליכטיקן פאַס, ער האָט געהאַלטן אַ היפשע ווײַלע.

דאָקטאָר בלעסינג מאַכט יעדן חודש אויספאָרשונגען פון אונזער בלוט. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר ווערן פעטער.

נאָכסען האָט צום ערשטן מאָל באַקומען פון ים-גרונט פיל קליי-נינקע חיהלאַך און וואונדערלאַכע פלאַנצן. ווייזט זיך אַרויס, אַז טיף אונטערן אייז לעבט זיך אַן אייגענאַרטיקע וועלט, אי פון געוויקסן, אי פון חיהלאַך.

## קאַפּיטל אַכט.

מיר האָבן 30 גראַד פראָסט, אָבער אונזער זאַל באַהייצן מיר נאָך נישט. מיר האָבן אָבער אָנגעטון ווינטערדיקע מלבושים און אויף די שטיוול ברייטע שטיוול פון ברעזענט (לייוונט, וואָס לאָזט נישט אַדורך קיין וואַסער) מיט הילצערנע פּאָדעשווע. אין אַזעלכע שטיוול האָבן מיר שוין נישט קיין מורא פאַרן פראָסט. באַזונדערס זיינען אַזעלכע מלבושים גוט פאַר מיר מיט האַנסען, ווייל מיר מוזן לאַנג איבערבלייבן אין דרויסן אויפן אייז, בשעת מיר מאַכן די באַאָבאַכטונגען מיט דער מאַגנעטנאָדל.

זונטאָג, דעם 5-טן נאָוועמבער, ביי אַ שטאַרקן פראָסט, ווען דער גאַנצער ים אַרום איז געווען געפראָרן האָבן מיר זיך לאַנג געגליטשט און יעדערער האָט זיך געפלייסט אַריבערצויאָגן דעם צווייטן. דאָס איז פאַר אונז העכסט נויטיק, אָן שטאַרקער באַוועגונג מוז מען אויפן פראָסט קראַנק ווערן און שטאַרבן.

אויף צומאָרגנס האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט פון דרום-מערב און דער אייז האָט אין פיל ערטער געפּלאַצט. אַזאַ ווינט איז פאַר אונז אָבער זייער גינסטיק, ווייל ער טרייבט אונז צום צפון, ס׳הייסט, צום פּאָל. דער ים איז דאָ נישט טיף, סך הכל 60 מעטער. איבערן טאָג איז עס פּלוצלונג געוואָרן וואַרים—סך הכל זעקס גראַד פראָסט! דער באַראָמעטער האַלט סך הכל 744 מילימעטער. דער פראָסט ווערט ווידער שטאַרקער.

מיר געפינען זיך איצט 43 $77^0$ צ. ב. און $138^0$ מ. ל., ס'הייסט אַלזאָ, אַז די אייזפעלדער האָבן אונז אָפּגעטראָגן צו דרום-מזרח. מען האָט דאָך אָבער נישט געדאַרפט מיינען, אַז עס וועט אונז טראָגן אַזוי שטאַרק צום צפון!

דער אייז אַרום „פראַם" האָט ווידער אָנגעהויבן פּלאַצן און פּרעסן דאָס שיף. מיר זעען דאָ אַ קאַמף צווישן דער ווילדער נאַטור און אונזער טעכניק. ווער וועט זיגן? צי וועט דאָס שיף אויסהאַלטן?...

דעם 15-טן האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ „מיל-ווינט". מיר האָבן באַקומען עלעקטרישע באַלייכטונג און מיר אַרבעטן געשמאַק אויפן שיף אין אונזער סטאָלאַרשן וואַרשטאַט, וואָס מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט, און מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז מיר געפינען זיך ערגעץ וואו אין אַ גרויסער פאַבריק אין אַ גרויסער שטאָט. ווי נור אָבער מען קומט אַרויס אויפן דעק פון שיף און דער אימהדיקער פראָסט הויבט אָן שניידן אין פּנים, און דער ווינט נעמט גוט דורך די ביינער, און דאָס אויג זעט ווייט-ווייט אַרום נור אָרימע אייזפעלדער, צווישן וועלכע מיר לעבן, ווי עכטע מדבר-מענטשן, דאַן פאַרשווינדט יעדע אילוזיע און די נאַקעטע ווירקלאַכקייט דערמאָנט אָן זיך.

דאָס צפון-ליכט נעמט אַרום אַמאָל, ווי אַ העליש פייער דעם גאַנצן הימל. ס'איז אַ פּרעכטיקע דערשיינונג, אָבער מיר זיינען שוין געוויינט דערצו און באַאָבאַכטן עס נישט, סיידן די עפעקטן צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדער שיינקייט.

אין אַזאַ שטאַרקען פראָסט, ווי מיר האָבן איצט, איז שווער צו אַרבעטן אין דער פינסטער. אַפילו וואוהין נור מען גייט נעמט מען מיט זיך די לאַמטערנע און זאַפּאַלקעס און שווערע מלבושים אויף זיך. אָן דעם אַלעם קאָן מען זיך אָבער נישט רירן פון אָרט. סקאָט-האַנסען קימערט זיך אָבער נישט וועגן קיין זאַך: ער מאַכט די באַאָבאַכטונגען מיטן מאַגנעט, שטייענדיק שעהן לאַנג אויפן אייז און דערביי באַטראַכט ער גענוי די אויסמעסטונגען דורך אַ פאַרגרעסער-גלאָז, אַז ער זאָל, חס ושלום, נישט מאַכן קיין פעלער אויף אַ קליין שטרייכעלע. אויך דעם אָטעם

מוז ער איינהאַלטן, כּדי עס זאָל נישט פאַלן אַ הויך אויף די אינסטרומענטן, און ס׳וועט אים שטערן צו לייענען אויף זיי די קליינינקע ציפערלאַך איבער די שטרייכעלאַך.

דער פראָסט ווערט אָבער שטאַרקער, און מיר האָבן ענדלאַך אויפגעשטעלט אויפן אייז אַ ביידל, כּדי צו מאַכן דערין די באַ-אָבאַכטונגען. איצט זיינען מיר לפּחות געוואָרנט פון ווינט. נאָכ־דעם ווי מיר אַרבעטן זיך אָן אויפן פראָסט אַ האַלב-שעה, אַ שעה, נעמען מיר זיך שפרינגען און טאַנצן, לויפן אַהער און אַהין. אויך דאָס איז דורכאויס נויטיק.

די אייזפעלדער טראָגן אונז צום צפון. דעם 17-טן האַלטן מיר שוין ביי 27 °78 צ. ב. און °139 מ. ל., אַלזאָ אַ וויאָרסט 50 נאָנטער צום צפון אין איין טאָג, — נישקשה!

דעם 21-טן האָבן מיר געמאָסטן די טיף פון ים; ווייזט זיך אַרויס, נישטאָ קיין הונדערט מעטער. דעם 23-טן האָבן מיר באַמערקט אַרום דער לבנה אַ ליכטיקן רינג און אַנדערע צוויי לבנות. מיר מיר האָבן ווידער 30 גראַד פראָסט און אין אונזערע צימערן אין שיף איז שטאַרק פייכט.

דעם 25-טן האָבן מיר שוין געהאַלטן ביי 38 °78 צ. ב. משמעות, מיר קאָנען האָפן, אַז די אייזפעלדער וועלן אונז פאָרט צו-טראָגן צום פּאָל. הלואי! די שטערן פינקלען אויפן הימל, ווי גין-גאָלד. מיר באַאָבאַכטן זיי אין אונזער גרויסן אויסגעצייכנטן טעלעסקאָפּ.

דעם 2-טן דעצעמבער האָבן מיר נאָך מיטאָג פּלוצלונג דערהערט אַ שרעקלאַכע קלאַפעריי. עפּיס איז אַרויפגעפאַלן צו אונז אויפן שיף. מיר זיינען אַלע אַרויסגעלאָפן אויפן דעק: דער אייז ברעכט זיך און וואַרפט זיך אויף אונז, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט אונז דערקלערט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. שפּעטער אָבער האָבן די בערג אייז זיך אַרונטערגעגליטשט פון שיף און — וואָלט ווייטער קיין בייז נישט געשען: אונזער „פראַם" האָט אויך דאָס אויסגעהאַלטן. אַן אַנדער שיף וואָלט צוזאַמענגעקוועטשט געוואָרן, ווי אַ העגטשקע. דער „פראַם" אָבער גליטשט זיך אַרויס איבערן אייז און עס שאַדט אים נישט. דאָס האָבן מיר צו פאַר-

דאַנקען זיין ספּעציעלער קאָנסטרוקציע, מיט די קיילאַכדיק-משופּהדיקע זייטן. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט זיך ווידער אָנ-געהויבן דיזעלביקע התונה: די שיף ווערט געדריקט פון אַלע זייטן. די קלאַפּעריי און די טראַסקעריי פון אייז איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן געמוזט שרייען אויפן קול, ווען מיר האָבן גערעט צו איינאַנדער. מיר האָבן אָבער נישט גע-זאָרגט און געזעצט זיך רוהיק עסן וועטשערע.

דעם 13-טן האָבן מיר געהאַט אַ היבש ביסל אַרבעט. די הינט האָבן שרעקלאַך געבילט. מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויפן אייז אָבער מיר האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען די ביקסן. ערשט מיט אַמאָל—אַ בער. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן צוריק צום שיף. הענדריקסען אין זיינע שווערע שטיוול האָט אָבער נישט גע-קאָנט לויפן געשווינט. ער קוקט זיך אַרום,—דער בער איז האַרט נעבן אים; וויל ער ווידער לויפן, איז אים דער בער מכבד מיטן לאַפּע אין זייט. הויבט ער אָן שרייען: „ראַטעוועט!‟ דער-ביי אָבער האָט ער מיט דער ליכטיקער לאַמטערנע מכבד גע-ווען דעם בער אין מאָרדע. דער בער האָט פאַרוואונדערט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס. הענדריקסען האָט זיך דערווייל געלאָזט לויפן, שאָקלענדיק הינטער זיך מיט דער לאַמ-טערנע. איז זיך מישב דער בער און לויפט אים נאָך... אָבער אָט זיינען אונטערגעקומען די הינט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעניש און בייסעניש צווישן זיי מיטן בער. הענדריקסען איז דערווייל אַנטלאָפן. נאָר אָט האָט מען פון שיף אָנגעהויבן שיסן. דער בער איז אונטערגעקומען האַרט צו דער שיף, און מיר האַלטן אין איין שיסן. אין דער פינסטער איז שווער צו טרעפן אין ציל. לסוף אָבער האָט דער בער באַקומען זיין חלק און איז געפאַלן פאַרבלוטיקט און טויט. ווי ס׳האָט זיך אַרויס-געוויזן, האָט ער אָבער צוריסן צוויי פון אונזערע הינט. נאָך גוט, וואָס הענדריקסען האָט אָפּגעשניטן בלויז מיטן שרעק. דער בער איז נאָך געווען יונג, אָבער זייער אַ דרייסטער און שטאַרקער. זיין פריש פליייש איז אונז שטאַרק צונוץ געקומען און אַנשטאָט די דריי צוריסענע הינט, האָט אונז די צוג „קוויק‟ מזכה געווען מיט גאַנצע 13 הינטלאַך, וועלכע זי האָט געבוירן אויפן שיף בשעתן טומל.

# קאַפּיטל נײַן.

מיר ברעכן זיך דעם קאָפּ אַלץ איבער איין פראַגע: צי געפינט זיך דאָ ערגעץ אין דער נאָענט לאַנד? עס שפּאַצירן זיך אַרום ווײַסע בערן, מיר האָבן אַפילו אויך אַ פוקס געזען, ווי קומען זיי אָבער אַהער, אויב דאָ איז נישטאָ אין דער נאָענט לאַנד? מיר זעען אָבער קיין לאַנד נישט. מיר מאַכן ווידער מעסטונגען, ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר האַלטן שוין בײַ 13 79° צ. ב. אַלזאָ אין איין וואָך זײַנען מיר צוגעטראָגן געוואָרן נאָנטער צום פּאָל אויף גאַנצע 4° (גראַד). (420 ווערסט).

מיר האָבן ווידער דערזען אַ בער בײַ דער שיף, אָבער איידער מיר האָבן זיך געכאַפּט פאַר די ביקסן, האָט ער געמאַכט פליטה. הענדריקסען האָט דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אַ נעץ נעבן דער שיף און האָט זי אויפגעהאָנגען צווישן צוויי סלופּעס.

דעם 21-טן האָבן מיר געמאָסטן די טיף פון ים און נישט דערגרייכט צום גרונט, אַלזאָ, ער איז דאָ העכער צוויי ווערסט די טיף, און אַ טיפקייט פון אַנדערהאַלבן ווערסט איז דאָס וואַסער לערך וואַרים. אויף צומאָרגנס האָט זיך ווידער באַוויזן אַ בער. דערזעענדיק די נעץ, האָט ער זיך לאַנג געדרייט אַרום איר, האָט זי אַרומגעשמעקט, באַטראַכט, אָבער נישט צוגעשטעקט זיך צו איר. „קענטיק, קלוג, ווי אַ מענש!"—האָט סווערדרופּ אויסגערופן. „כ'קאָן שווערן—האָט סווערדרופּ געזאָגט—אַז אַ סאַמאָיעד וואָלט זיך אָן שום מחשבות אַ כאַפּ געטון פאַר דער נעץ און וואָלט זיכער אַרײַנגעפאַלן!"—דער בער איז דערנאָך צוגע-

קומען נאָנטער צום שיף, און דאָ האָט מען אים דערשאָסן. דאָס איז געווען נישט קיין גרויסער בער, אָבער זייער אַ פעטער.

און אָט איז געקומען דער 25-טער דעצעמבער, אַלזאָ, מיר פראַווען חגאות. אַ פּאַרגעניגן. מיר זיינען זיך אַליין דאָ בעל-הבתים, מיר ווייסן נישט פון קיין „נאַטשאַלסטוואָ“, פון קיין געזעצן; אונזער ווילן איז פאַר אונז אַ געזעץ. און דאָך... אַך, ווי מיר וואָלטן איצט געוואָלט זיין אינדערהיים!... אונזערע געדאַנקען פליען, ווי אַ הייסער שטראָם, און ס'דאַכט זיך, אַז עס שמעלצט דער אייז, וואָס טיילט אונז אָפּ פון דער היים, און ס'ווערט אונז וואַרים און גוט אויפן האַרצן.

אָט זיצן מיר זיך אין זאַל ביים יום-טובדיקן טיש. פּלוצלונג קומט אַריין אַן עלעגאַנטער הער, אין אַ געפּרעסן ווייסן העמד מיט אַ ווייסן קראַוואַט. דאָס איז האַנסען. ער האָט זיך איבערגעקליידעט ביי זיך אין צימער און איז געקומען אונז באַגריסן לכבוד יום-טוב.

נאָכן יום-טובדיקן מיטאָג גייען מיר אַרויס אויפן דעק פון שיף און דאָ ערשט דערשפּירן מיר אונזער גאַנצע אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט. די לבנה באַשיט מיט זילבערנע שטראַלן דעם אייז-ים ווייט-ווייט. דער פראָסט האַלט 38 גראַד.

מיר האַלטן שוין ביי 11 $79^0$ צפון-ברייט. דער ווינט טראָגט אונז פאָרויס, אָבער זייער לאַנגזאַם. פון פּאָל זיינען מיר נאָך ווייט לערך עלף הונדערט וויאָרסט.

ערב ניי-יאָר איז געווען אַ געדיכטער נעפּל; דערנאָך אָבער איז די לופט געוואָרן קלאָר. מיר האָבן 36 גראַד פראָסט. ביינאַכט, ווען מיר גייען אַריבער צום נייען יאָר, האָבן מיר אַ פּרעכטיקע אילומינאַציע—אַ זעלטן שיין צפונליכט.

1-ער יאַנואַר 1894—הלואי זאָל עס זיין אַ גליקלאַך יאָר! זאָל אונז נור געלונגען צו קומען צו אונזער ציל—צום פּאָל! דער פראָסט שטאַרקט זיך. דאָס צפונליכט ווערט שענער און שענער. אַ גאַנצן יאַנואַר האָט געבלאָזן אַ ווינט פון דרום, וועלכער טראָגט די אייזפעלדער צוזאַמען מיט אונז צום צפון. מיר באַטראַכטן די פראַגע: ווי אַזוי וועלן מיר קומען צום פּאָל? אפשר וועלן

מיר עס מאַכן צופוס, שלעפנדיק שליטנס מיט זיך?... מיר לייענען אויפן שיף די רייזעביכער פון אונזער ביבליאָטעק. אָ, וויפיל מענטשלאַכע לעבנס זיינען שוין אומגעקומען אין די נסיעות צום פּאָל! אויב מיר האָבן אַ גליקלאַכע נסיעה, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען יענע העלדן, וועלכע האָבן דערפאַר מיטן לעבן באַצאָלט. מיר האָבן שוין זייער פראַקטיק און דעריבער האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיגן אונזער נסיעה איז דעריבער אַ לייכטערע.

מיר גייען נישט שטענדיק פאָרויס. דעם 6-טן האָט אונז אָפּגעטראָגן צוריק 78° 57; צוויי טעג שפּעטער זיינען מיר ווידער געווען 79° 6. דער פראָסט האָט שוין דערגרייכט 40 גראַד. דאָס קוועקזילבער אין טערמאָמעטער איז פאַרפראָרן געוואָרן. מיר נוצן שוין אַ טערמאָמעטער פון ספּירט. דעם 14-טן באַטראַכטן מיר ערנסט די פראַגע וועגן אָנגרייטן שליטנס, מיר זאָלן קאָנען גיין צופוס צום פּאָל, באַלד ווי מיר וועלן נאָך צוקומען נענטער צום צפון. מיר טראַכטן אַזוי: די עקספּעדיציע וועט אַוועקגיין צופוס צום פּאָל. פון דאָרט וועט זי זיך אומקערן צו דער אינזל פראַנץ-יאָזעף. דער „פראַם" וועט דערווייל זיך באַפרייען פונם אייז און וועט אויך גיין אַהין, כדי אָרויפצונעמען דאָרט די פוסגייער פון פּאָל. אַזעלכע פוסגייער דאַרפן זיין בלויז דריי, אָבער מיט אַלע הינט.

האָנסען אָבסערווירט די באַוועגונג פון אומרו. דער אייז נעבן שיף איז דיק 4 און אַ האַלב פוס, ווייטער—5 און אַ האַלב פוס. כדי צו באַשיצן די נאָז פון פראָסט, האָבן מיר זיך אָנגעטון אויפן פנים אַ מאַסקע. ווען נישט דאָס, וואָלט דער פנים אָפּגעפראָרן ביי אונז. דאָס איז נישט גוט און נישט שיין.

דעם 22־טן האָט דער ים זיך געעפנט הינטערן שיף און מיר האָבן דערזען דעם שיין פון דער לבנה אין אייז-ים—אַ זעלטענע דערשיינונג! אויף צומאָרגנס איז דער ים ווידער איינגעפראָרן. פאַר מיטאָג האָבן מיר דערהערט אַ פאַרצווייפלט בילן פון די הינט. מסתם ווידער אַ בער. מיר זיינען אַרויסגעלאָפן מיט די ביקסן. ערשט מיט אַמאָל—פון ים האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ

אַ ים-פערד! מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן צום שיף נאָך אַ האָקן, אָבער דער ים-פערד האָט נישט געוואָלט וואַרטן און האָט ווידער געמאַכט טבילה אונטערן וואַסער.

פאַר אונז איז שוין קיין ספק נישט, אַז ערגעץ וואו אין דער נאָנט געפינט זיך לאַנד, ווייל אַנדערש וואָלט דאָ נישט געקאָנט זיין קיין ים-פערד. אונזער „פראַם" ליגט זיך קאָקעט אויפן אייז, די ווינטמיל דרייט זיך געמיטלאַך און אַרבעט אויס באַלייכטונג. ס'אַ לעבן!

## קאַפּיטל צען.

מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן ווייטערע עקסקורסיעס אויפן אייז, כדי צו זוכן אין דער נאָנט לאַנד! די, וואָס האַלטן זאַך דערקלערן אָפּט, אַז זיי האָבן געזען לאַנד, און זיי זיינען זיכער, אַז ווען ס׳וועט זיך באַווייזן ווידער די זון, וועלן מיר אָט דאָס לאַנד, צום צפון פון אונזער שיף, אַנטדעקן.

דעם 27-טן יאַנואַר האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער קאַמף צווישן די אייזבערג. דערדאָזיקער קאַמף איז פאָרגעקומען לערך 200 מעטער ווייט פון אונזער שיף, און מיר האָבן געהערט אַ שרעקלאַכע טראַסקעריי. דער דרוק פונם אייז איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז אונזער שיף האָט אים געשפּירט פון דערווייטן און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אָט—אָט וועט דער „פּראַם" צוברעכן און גייט צום גרונט. דער אייז איז געווען כמעט צוויי מעטער די דיק און ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט געדאַרפט האָבן, ווען אַזעלכע דיקע אייזבערג זאָלן פּלוצלונג אַ פאַל טון אויפן שיף, אָדער דריקן אים פון אַלע זייטן!

איך און האַנסען האָבן זיך גענומען אַרויסראַטעווען פון אייז אונזערע באַאָבאַכטונגס-אינסטרומענטן: די טערמאָמעטערן, די ווינטמעסטער און אַנדערע. דער אייז האָט געפּלאַצט אַ מעטער דרייסיק ווייט פון שיף, נעבן אונזער באַאָבאַכטונגס-סטאַציע. אויף צומאָרגנס זיינען מיר געגאַנגען זען, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן אָרט פון אייזקאַמף. אַ געוואַלטיק בילד! דער אייז איז געווען

ימאָלן אויף מעל. קלענערע שטיקער זיינע, זיינען געווען אָנגע-
אָרפן איינע אויף די אַנדערע אין אַ ווילדן מיש-מאַש אויף אַ
יך פון זעקס מעטער. אין איין אָרט האָבן מיר געזען אַ שטיק
ייז, וואָס איז געשטאַנען קאַפויר, ווי אַ מצבה אויף אַ שלאַכט-
עלד. דער „פראַם" ליגט איצט פונקט ווי אין אַ קעסל, אַרומגע-
ינגל מיט שטיקער אייז. מיר דערקענען מער נישט די אומ-
גנט...

ף יאַנואַר איז בייטאָג געוואָרן אַזוי ליכטיק (ס'הייסט אייגנט-
אַך: בין השמשות), אַז מען קאָן שוין לייענען אַ צייטונג אָן
ליכט. קיין לאַנד זעען מיר אָבער נאָך אַלץ נישט. דעם 1-טן
עברואַר האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען שוין אַריבער
עם 80-טן גראַד פון דער צפון-ברייט. אין די לעצטע טעג איז
געווען דער הימל פאַרוואָלקנט און מיר האָבן קיין מעסטונגען
ישט געקאָנט מאַכן. דער ווינט איז געווען אַן אויסגעצייכנטער,
זוי, אַז עס איז פאַר אונז געווען אַן אמתער יום טוב. אויף
ומאָרגנס האָבן מיר ווידער געמאַכט מעסטונגען און זיך דער-
אוסט, אַז מיר געפינען זיך 9 80° צפון-ברייט און 132° מזרח-
ענג. ס'הייסט אַלזאָ, אַז אין די לעצטע דריי טעג זיינען מיר
ורכגעגאַנגען אַ וויאָרסט 206 צום צפון. מיר האָבן זיך איבער-
ייגט, אַז מיר גייען אַמאָל פאָרויס, אַמאָל צוריק, ווי דער ווינט
לאָזט. אין אָנהויב מערץ האָבן מיר זיך געפונען 53' 79° צפון-
רייט און 57 134° מזרח-לענג.

יר האָבן אָנגעהויבן ענערגיש צוגרייטן שליטנס און פוס-
ליטעלאַך מיר זאָלן זיך קאָנען לאָזן אין וועג אַריין צום פאָל
יי דער ערשטער געלעגנהייט. מיר האָבן צוליב דעם זיך אויף
נאַיבט, וויאַזוי זיך צו פירן מיט הינט און צווינגען זיי צו
אָלגן אונז. קיין גרויסע פעולה האָבן מיר אָבער דערביי נישט
נהאַט. געוויינלאַך האָט איינער פון אונז געמוזט לויפן פאָרויס,
די צו ווייזן די הינט דעם וועג. ביי אַ שלעכטן וועג אויפן
שט גלאַטן אייז האָבן 4 הינט, געשפאַנט אין אַ שליטל, גע-
אָנט פירן אַרום צוויי פערזאָן. מיר האָבן אויך אויסגעפרובט
אַרשידענע שליטנס, כּדי צו זען אין דער פראַקטיק, מיט וועל-

כער ווערט זיין באַקוועמער און לייכטער צו פאָרן. מיר האָבן אויך אויסגעפּרובט די פּוסשליטעלאַך פון אַלערליי פאָרמען: שמאָלע און לאַנגע, ברייטע און קורצע, צו וויסן, מיט וועלכע ס'לאָזט זיך גליטשן גרינגער און לייכטער. מיר מאַכן שוין איצט אָפּט שפּאַצירן אויף פּוסשליטעלאַך. מיר פליען זייער גע-שווינד ביי אַ 40 גראַד פראָסט; אָבער דורך דער אָנגעשטריינג-טער אַרבעט ביי גליטשן זיך, ווערט עס וואַרימער און מען שפּירט ווייניק דעם פראָסט.

דעם 16-טן פעברואַר האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערזען אַן אָפּשיין פון דער זון אויפן עק-הימל. דעם 20-טן האָבן מיר גע-פּראַוועט דעם ערשטן „זון-יום-טוב", כאָטש די זון האָבן מיר צוליב די כמאַרעס נאָך נישט געזען. ס'הייסט אַלזאָ, אַז די ער-שטע פּאָלאַר-נאַכט ענדיקט זיך פאַר אונז. מיר קאָנען זיך נישט קלאָגן, אַז עמיצער פון אונז זאָל האָבן באַזונדערס געליטן. די זון האָט אין אונז נישט געטראָפן קיין אויסגעמאַטערטע, בלאַסע מענטשן, פאַרהויקערטע און פאַריתומטע, ווי דאָס איז געווען מיט די פריערדיקע עקספּעדיציעס. צו דאַנקען האָבן מיר געהאַט קודם כל אַ גוטער שיף און דאַן דער עשירות פון פּראָוויאַנט, וואָס מיר האָבן אָנגעגרייט.

מיר האָבן אין עטלאַכע ערטער געמאָסטן די דיק פון אייז. וואו ס'איז נישטאָ קיין שניי, האַלט ער 56 סאַנטימעטער די דיק, אונ-טערן שניי אָבער איז ער 44 סאַנטימעטער דיק. דעם ערשטן מערץ האָבן מיר געמאָסטן די טיף פון ים. מיר האָבן אַראָפּגע-לאָזן אַ ברייט פון 3400 מעטער (העכער 3 וויאָרסט!) און האָבן נישט דערגרייכט דעם גרונט. אויף אַזאַ טיפקייט האָט זיך קיי-נער פון אונז נישט געריכט אין דידאָזיקע ווייטע געגנטן. מיר האָבן דעריבער אָנגעגרייט לענגערע קאַנאַטען צו מעסטן די טיף. די קאַנאַטען דרייען מיר פון דראָט אין אַ וואַרשטאַט, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט אויפן אייז. ביי 40 גראַד פראָסט אַרבעט זיך געשמאַק!...

פון שטאַרקן פראָסט האָט נאָך קיינער פון אונז קיין שאָדן נישט געליטן; אָבער פאָרזיכטיק מוז מען זיין. איינמאָל האָט הענד-

ריקסען זיך אָפּגעפּראָרן אַ באַק; קענסטען האָט זיך אָפּגעפּראָרן אַ טייל פון נאָז און ער גלויבט, אַז אין דערהיים, וועט דערדאָזיקער טייל גאָר שוואַרץ ווערן. נאַנסען האָט איינמאָל מיך גע-וואָלט פאָטאָגראַפירן. איך האָב דעם פנים אָפּגעדעקט: אין איין מינוט איז מיין פנים ווייס געוואָרן, ווי קרײַט און מען האָט אים געמוזט אָפּרייבן מיט שניי.

איינמאָל האָב איך, נאַנסען און סווערדרופּ אונטערגענומען אַן עקסקורסיע אויף די פּוסשליטעלאַך ביי אַ פראָסט פון 51 גראַד. אויף די מלבושים האָבן מיר אָנגעטון פוטערס, אויף די פיס אָבער האָבן מיר געהאַט בלויז אונזערע געוויינלאַכע שטיוול. דורכגעלאָפן אַ געוויסן מהלך, האָבן מיר דערשפּירט, אַז די קני זיינען אונז פאַרגליווערט געוואָרן, ווי שטיקער האָלץ. האָבן מיר זיי גענומען רייבן און קלאַפּן, כדי אַרויסצורופן אין זיי אַ שטאַרקערע בלוט-באַוועגונג. דאַן האָבן מיר אָנגעהויבן זיך גליטשן אין אַן אַנדער ריכטונג, אַזוי, אַז דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן מיט אַ שנעלקייט פון 3 מעטער אין אַ סעקונדע, האָט אונז געבלאָזן נישט אין פנים, נור אין דער זייט. ביי אַזאַ פראָסט ווערן די פּוסשליטעלאַך שטייף און זיי ברעכן זיך לייכט, ווי גלאָז. מיר האָבן זיי געפּרובט באַציען מיט שטאָל פון אונטן, אָבער אויך דעך שטאָל האָט געפּלאַצט ביי אַ גרויסן פראָסט.

איצט זיינען מיר שוין מער דערפאַרן. ווען מיר מאַכן אַן עקס-קורסיע מיט די פּוסשליטעלאַך, טוען מיר אָן לייכטע, אָבער וואַרימע קליידער, דערצו זייער ברייטע, כדי די וואַרימקייט פון אונזער לייב זאָל זיך נישט פאַרשווינדן דורך די מלבושים. דעם 21-טן מערץ האָבן מיר געהאַט אַ פראָסט פון 51 מיט 6 צענטל גראַד. דאָס איז געווען דער גרעסטער פראָסט פאַר דער גאַנצער ביז-איצטיקער צייט פון אונזער עקספּעדיציע.

איינמאָל האָבן אונזערע הינט אָנגעהויבן שטאַרק צו בילן. האָבן מיר געמיינט—אַ בער, און זיך געלאָזט לויפן מיט די ביקסן. באַלד אָבער האָבן מיר דערזען לעכער אין אייז און עפּיס אַ מאַסע איז אונטער זיי אַנטרונען געוואָרן. דאָס איז אַלזאָ געווען אַ ים-פערד. ס'איז פראָסט אומפאַרשטענדלאַך, וויאַזוי קאָנען דידאָזי-

קע חיות לעבן צווישן די גרויסע בערג-אייז.

דער ווינט בלאָזט פון דרום־מערב, אָבער די אייזפעלדער שלעפן אונז צום דרום. ווען ס׳ווערט ליכטיק, מאַכן מיר עקסקורסיעס אויפן אייז.

סוף מערץ האָבן מיר דערגרייכט 4 °80 און ס׳האָט געהאַלטן 32 גראַד פראָסט. אָבער די זון וואַרימט שוין איצט אַזוי שטאַרק, אַז עס שמעלצט זיך דער אייז אַרום אונזער שיף. אונזערע הינט דריקן אויס זייער פרייד מיט דער זון דורכדעם, וואָס זיי בייסן איינע די אַנדערע...

דעם 6-טן אַפּריל האָבן מיר געוואַרט אויף אַ לקוי-חמה. נאַנסען האָט געהאַט אויסגערעכנט גענוי, ווען דאָס דאַרף פּאַרקומען. מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזערע באַאָבאַכטונגס-אינסטרומענטן און יעדער פון אונז איז געשטאַנען גרייט אויף זיין באַשטימטן אָרט צו מאַכן די באַאָבאַכטונג. פּלוצלונג האָט עמיצער פון אונז אויסגערופן: „שוין!״—ס׳הייסט, די לבנה גייט שוין אַדורך, פאַרביי דער זון און פאַרשטעלט איר ליכט. מיר קוקן אויפן זייגער: נאַנסען האָט אַ טעות געהאַט אין... צוויי סעקונדען! לויט זיין חשבון, האָט די לקוי זיך געדאַרפט אָנהויבן מיט צוויי סעקונדען פריער.

אויף צו מאָרגנס, ווען איך האָב געאַרבעט אין אונזער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע, האָבן די הינט פּלוצלונג אָנגעהויבן בילן. צוזאַמען מיט אַ חבר האָב איך באַלד געכאַפּט די ביקס און מיר האָבן זיך נעלאָזט לויפן. פון וויטן האָבן מיר דערזען צוויי בערן: אַ מאַמע מיט אַ קינד. מיר האָבן אויסגעשאָסן און געטראָפן, ווייל ביידע בערן זיינען געפאַלן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך צוריק אויפגעהויבן און גענומען אַנטלויפן. מיר האָבן זיך נאָכגעיאָגט אַ גאַנצן טאָג, אָבער אומזיסט: אַ בער, ווען ער איז אַפילו פאַרוואונדעט, לויפט נאָך אַלץ געשווינדער, ווי אַ מענטש.

אין אַפּריל זיינען מיר היבש געטראָגן געוואָרן צום צפון. דעם 18-טן זיינען מיר געווען אונטער 23 °80 צפון-ברייט, דעם 28-טן—אונטער 40 °80. דער פראָסט האָט געהאַלטן 20 גראַד. איבערפרי און אין אָוונט מעסטן מיר די טעמפּעראַטור פון וואַסער אין

פֿאַרשידענער מין. ווייזט זיך אַרויס, אַז וואָס דאָס וואַסער איז טיפֿער, אַלץ איז עס וואַרימער. אין דער טיפֿקייט פֿון 200 מע-טער איז דאָס וואַסער וואַרים ביי אַ האַלבן גראַד.

אַפּריל! ביי אונז אין דערהיים איז שוין איצט פֿרילינג; די זון שיינט און וואַרימט; זי פֿירט דאָרט אַ קאַמף מיטן רעשט שניי און אייז און איז זיי מנצח און וואו זי גיט נאָר אַ קוק, שפּראָצט אַרויס אַ גרין גרעזעלע, אָדער אַ בלעטעלע און ענטפֿערט ליבלאַך אויף איר באַגריסונג. די פֿויגעלאַך זיינען שוין געקומען פֿון די וואַרימע לענדער צוריק, זינגען זייערע הילכיקע לידער און בויען נעסטן. אויך דאָ ביי אונז שיינט די זון, זי גייט שוין גאָרנישט אַראָפּ פֿון הימל. מיר האָבן שוין מער קיין נאַכט נישט, נאָר שטענדיק טאָג. אָבער וואָס איז דאָס פּעולה, נישטאָ נישט קיין ערד, נישט קיין בוים, נישט קיין גרעזל, נישט קיין פֿויגעלע און מיר שפּייזן זיך נאָר מיט זכרונות. וואו ביזטו, אונזער ליבע היים!

און אָט האָבן מיר שוין אויך מאַי. דאָס וועטער איז געוואָרן מילדער! ס׳בלאָזט אַ מחיהדיק ווינטל. דעם 13-טן מאַי זיינען מיר שוין געווען אונטער 80° 50 צפֿון-ברייט און מיר האָבן דערזען אין דער הויך דעם ערשטן פֿויגל. דאָס איז געווען פֿאַר אונז די אייגציקע בשורה פֿון פֿרילינג. במשך פֿון זומער האָבן מיר דער-זאָסן פֿיל פֿויגלען פֿון פֿאַרשידענע מינים. הענדריקסען אָבער לאָזט נישט דערשיסן די פֿויגעלאַך. ער זאָגט, אַז זיי ברענגען אונז גליק.

Ex bibl. univ. Tart.

## קאַפּיטל עלף.

17-ער מאַי 1894. מיר פייערן דעם יום-טוב פון נאָרוועגיענס באַפרייונג. דאָס וועטער איז אָבער שלעכט. אַזוי, ווי מיר האָבן דאָ געפייערט די באַפרייונג פון נאָרוועגיען, האָט עס נאָך די וועלט נישט געזען. מיר האָבן באַפּוצט אונזער „פראַם" מיט פאָנעס, אַליין האָבן מיר געמאַכט אַ פּראָצעסיע אַרום שיף און ווייט אויפן אייז. ווי קומט מען נאָר געשווינדער צום צפון-פּאָל! מיר מוזן אים דערגרייכן, דער כבוד פון אונזער פאָלק און פון אונזער לאַנד פאָדערן עס פון אונז. פאָרויס; פאָרויס!

אונזער פּראָצעסיע איז געגרנגען מיט פאָנעס: אויף די הויכע פוסשליטעלאַך האָבן מיר אַרויסגעהאַנגען העמדלאַך פון פאַרשידענע קאָלירן און אויפשריפטן. אַזוי, למשל, איז אויף איין העמדל געווען אַן אויפשריפט: „אַ נאָרמאַלער אַרבעטס-טאָג", אויף אַ צווייטן: „אַלגעמיינע וואַל-רעכט", אויף אַ דריטן: „רעכט פאַר פרויען" א. אַ. וו.. נאַנסען האָט מיטן פּנים צו נאָרוועגיען געהאַלטן אַ רעדע מיט אַ וואַרימער באַגריסונג פון אונז, נאָרוועגיענס קינדער. ווען ער האָט געענדיקט זיין רעדע, האָבן מיר אַלע אויסגערופן „הורא!". און „לעבן זאָל נאָרוועגיען!" מיר האָבן אויך 4 מאָל געשאָסן פון אונזער האַרמאַט לכבוד אונזער פאָטערלאַנד. דער איינציקער שטומער עדות פון אונזער פייערונג, דער „פראַם", איז זיך דערווייל געלעגן מאַיעסטעטיש אויפן אייז, שטאַרק געדריקט דורכן אייז פון אונטער...

נאָך דער פּראָצעסיע האָבן מיר געפּראַוועט אַ סעודה. אין אָוונט

האָבן מיר לכּבוד יום-טוב זיך מכבד געווען מיט טייטלען, ראָזינקעס, מאַנדלען און האָניקלעקאַך.

דעם 18-טן מאַי האָבן מיר געהאַט 10 גראַד פראָסט, דער ווינט האָט געבלאָזן מיט אַ געשווינדקייט פון 10 מעטער אין אַ סעקונדע. צוויי טעג שפּעטער האָבן אונזערע מעסטונגען דערוויזן, אַז מיר געפינען זיך שוין אונטער דעם 81° 12,4 צפון-ברייט און 124° 45 מזרח-לענג. דעם 1-טן יוני האָבן מיר געמאָסטן די טיף פון ים. ביי 4,400 מעטער האָבן מיר דעם גרונט נישט דערגרייכט. מיר שטייען אַלזאָ איבער אַ תהום פון 5 וויאָרסט און אפשר מער. מיר האָבן ווידער געמאַכט עקסקורסיעס אויפן אייז מיט אונזערע פוסשליטעלאַך. אין פיל ערטער האָבן מיר געזען לעכער אין אייז. קענטיק, אַז ים-פערד און פּאָקן האָבן עס דורכגעשלאָגן מיט זייערע שאַרפע ציין און שטאַרקן קאָפּ.

און אָט איז אויך דער זומער געקומען מיט זיינע נעפּלען און רעגנס. ס'איז 4 גראַד וואַרימקייט. דער שניי שמעלצט; ערטערווייז שטייען טיפע קאַלוזשעס וואַסער, העט-העט ווייט, ביים עק הימל זעען זיך בלויע פּאַסיקלאַך; קענטיק, אָפענער ים. ס'איז וואַרים און ליכטיק ביי טאָג, ווי „ביינאַכט", כאָטש מיר האָבן גאָר קיין נאַכט נישט און נור דער זייגער זאָגט אונז, אַז עס דאַרף איצט זיין נאַכט. ס'בלאָזט אַ דרום-ווינט. מיר האָפן, אַז ס'וועט אונז פאָרט אָפּטראָגן ווייטער צום צפון. קודם אָבער ווילן מיר קומען כאָטש ווייטער פון דער איינגלישער שיף „אַדלער", וואָס האָט דערגרייכט אַזש ביז אונטער 82° 26 און דאָס אַמעריקאַנישע שיף „פּאָלאַריס", וואָס איז דערגאַנגען ביז 82° 25. מיר האַלטן נאָך אַלק אין איין טראַכטן, וואו געפינט זיך דאָ לאַנד.

דעם 16-טן יוני זיינען מיר געווען אונטער 81° 51 צפונברייט. די טעמפּעראַטור וואַקלט זיך צווישן 4 מיט אַ דריטל וואַרימקייט און 7 גראַד קעלט. האַנסען, נאָרדאַל און הענדריקסען האָבן געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר אויפן אייז און האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייז-באַרג 25 פוס הויך. אויף איין אייז-באַרג האָבן זיי געפונען ליים און אַ שטאַם פון אַ שווימענדן בוים. צוריק זיי-

נען זיי געקומען מיד און דורכגענעצט. אויסערדעם זיינען זיי שניי־בלינד געוואָרן פונם בלענדנדיקן שניי. דאָקטאָר בלעסינג קורירט זיי איצט מיט קאָקאַין.
אַרום שיף ווערט אַלץ גרעסער דער פרייער אָרט פון אייז. מיר איבן זיך און שווימען אין אונזערע קליינע ברעזענטענע קאַיאַקען. האַנסען מאַכט דערביי אַזעלכע קונצשטיק: ער פאַלט בכיון אַריין אין וואַסער און סטאַרעט זיך אַליין זיך אַרויסצוראַטעווען; ווען ער קאָן דאָס נישט, שלעפּט אים נאַרדאַל אַרויס מיטן שטריק, וואָס ער האָט אָנגעב..דן ביים גאַרטל. אויפן אייז ציען זיך שוין שטראָמען וואַסער, פּונקט ווי ביי אונז אין דערהיים פון די בערג אַרונטער.
און אָט זיינען מיר שוין אונטער 43 $81^{0}$ צפון־ברייט. ס'גייט אַ שניי און ס'בלאָזט אַ צפון־ווינט. נישט מיר זען אַ בוימל, נישט אַ גרעזל, נישט אַ בלימל, —אייז און ווידער אייז אַרום און אַרום.
מיטאָג־צייט האָט נישט ווייט פון שיף זיך באַוויזן אַ בער. מיר האָבן זיך געלאָזן אים נאָכיאָגן, אָבער ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן. נאַנסען האָט זיך געלאָזט זוכן אים. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אַרומגעוואַנדערט צווישן די אייז־בערג און נישט געטראָפן אים. צו גיין אויפן אייז איז איצט זייער שווער, ווייל יעדער מינוט פאַלט מען אַריין אין אַ קאַלוזשע און מען נעצט זיך דורך ביזן לייב. מען מוז האָבן גוטע וואַסערשטיוול.
דעם 30־טן יוני איז געווען אַ שלעכט וועטער. ס'גייט אַ קאַלטער רעגן, אָבער דער אייז שמעלצט געשווינד און אויף די אייז־פעלדער ווערן די קאַלוזשעס אַלץ גרעסער. מיר זיינען איצט אונטער 32 $41^{0}$ צפון־ברייט, דאָס הייסט, אַז ס'האָט אונז צוריק אָפּגעטראָגן צום דרום. אומזיסט האָבן מיר אַלזאָ געהאָפט, אַז אין יוני וועלן מיר געשווינד גיין צום צפון. במשך פון ווינטער האָבן מיר זיך צוגעוויינט צו האַלב געזאַלצן וואַסער. איצט, ווען מיר האָבן ווידער באַקומען זיס וואַסער און צוגעגרייט טיי, האָבן מיר אים נישט געקאָנט טרינקען, ס'האָט געהאָט אַ טעם פון גראָז.
מיר האָבן געמאָסטן די טעמפּעראַטור פון וואַסער. אויבן—42 הונדערטל וואַרימקייט, 2 מעטער טיף—28 הונדערטל וואַרימקייט.

3 מעטער טיף 1 מיט 58 הונדערטל פראָסט. דעם 10-טן יולי האָבן מיר געמאָסטן די דיק פון אייז: ער ווערט גאָר דיקער! דאָס דערקלערט זיך אַזוי: דאָס זיס-וואַסער שווימט אַראָפּ אונ-טערן אייז. דאָרט איז אָבער זייער קאַלט, ווערט עס תּיכּף פאַר-פראָרן און ממילא ווערט דער אייז דיקער. דע־ „פראַם" ליגט איצט אַזוי הויך אויפן אייז, אַז מיר קאָנען אַריין אָדער אַרויס נאָר מיט דער הילף פון אַ לייטער. די אייזפעלדער אין דער ווייטקייט האָבן פאַרלאָרן זייער געשטאַלט. אומעטום זעען זיך קאַלוזשעס וואַסער. דער שניי, וואָס באַוויזט זיך אַמאָל אויפן אייז, איז ענלאַך צו צוקער-מעל.

18-טער יולי. מיר רירן זיך נאָך אַלץ נישט פון פלעק. אַך, מען מוז זיין געדולדיק! מיר האָבן שוין אָבער פאַרלאָרן די האָפנונג אַדורכצושלאָגן זיך צום פּאָל מיט דער הילף פון דער פאַראָווער מאַשין. אמת, קאַלוזשעס וואַסער זעט מען אַרום גענוג, אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז די אייזפעלדער בלייבן דיזעלביקע און זיי האַלטן נאָך אַלץ אונזער שיף פעסט. העלפן קאָן אונז נאָר דער ווינט, אָבער אויף אים קאָן מען זיך גאָר נישט פאַרלאָזן: היינט בלאָזט ער צום צפון, מאָרגן צוריק, צום דרום. קיין שטראָם אין ים איז דאָ נישטאָ. דאָס איז זיכער.

אויפן דעק פון שיף קאָכט ביי אונז די אַרבעט. מיר שמידן אייזן, צו באַציען אונזערע שליטעלאַך. מיר האָבן צוגעגרייט קליי-נע קאַיאַקעס. גאַנסען זיצט אונטן ביי זיין מיקראָסקאָפּ. בלעסינג טוט זיך זומער אויך דאָס אייגענע. אָפּט קומט ער אַרויס און נעמט זיך פאַנגען וואַסער-צמחים. ווען ס'געלינגט אים צו ענט-דעקן עפּיס אַן אויסטערלישעס מיט זיין מיקראָסקאָפּ, רופט ער אונז און ווייזט. ס'איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן. דאָקטאָר בלעסינג איז אָבער, אויסער זיין וויסנשאַפט, אויך אַ גוטער סטאָליאַר און אַ מייסטער צו מאַכן זעגלען. ער אַרבעט טאַקי אָפּט ביי סווער־דרופּן אין זיין ווערקשטאַט.

## קאַפיטל צוועלף.

סוף יולי האָט נאָך אַלץ געבלאָזן דער ווינט פון צפון און ס'האָט אונז אַראָפגעטראָגן צום דרום. פון דער ליכטיקייט פון דער זון און שניי האָט זיך ביי אונז באַוויזן אַ נייע מחלה— שניי-בלינדקייט. תחלת האָבן מיר געלאַכט. באַלד אָבער האָבן מיר איינגעפונען, אַז דאָס איז אַ געפערלאַכע זאַך. דאָקטאָר בלע-סינג האָט אונז אַלעמען קורירט מיט קאָקאַין און באַפוילן צו טראָגן געפאַרבטע ברילן.

אָנהויב אויגוסט איז דאָס וועטער געווען זייער שיין. די האַנסען האָט געוואָלט גערן זיך באָדן אָבער דאָס וואַסער האָט געהאַלטן בלויז 38 הונדערטל גראַד וואַרימקייט און אין אַזאַ קעלט איז לייכט צו כאַפן אַ לינגען-אָנצינדונג. האַנסען און נאָרדאַל האָבן איינמאָל אויף אַן עקסקורסיע געפונען צוויי ביימער. משמעות, אַז זיי קומען פון סיביר; הענדריקסען האָט געפונען אַ בינטל מאָך מיט ערד. ווידער אַ צייכן פון ערד. וואו אָבער געפינט זיך דאָ יבשה?

דעם 2-טן אויגוסט האָבן מיר געמאָסטן די טיף פון ים—3,800— 3,900 מעטער טיף. דעם 10-טן אויגוסט האָבן מיר געמאַכט אַן עקסטורסיע צום צפון. ווייזט זיך אַרויס, אַז אויפן אייז איז זייער שווער צו גיין ווייט. ווי וועט עס זיין, ווען מיר וועלן פאַר-לאָזן אונזער שיף און אַוועק צופוס צום פאָל! דעם 16-טן האָבן מיר אָפט געזען אויפן אייז ים-פערד און פאָקן, אָבער ס'איז אונז נישט געלונגען צו כאַפן איינעם פון זיי. די אייזפעלדער

טראָגן אונז אַלץ צוריק. איצט מוזן מיר וואַרטן אויפן ווינטער, אפשר וועט ער אונז ברײנגען די ישועה און אַרױסטראָגן אונז צום צפון!

סוף אויגוסט איז ווידער קאַלט געוואָרן און די אָפענע ערטער האָבן זיך באַצויגן מיט אייז. מיר גײען שוין ווידער אויף די פּוס־שליטעלאַך. איינמאָל האָט דאָקטאָר בלעסינג מיך אויפגעוועקט אַ זייגער דריי ביינאַכט: צום שיף איז געגאַנגען אַ בער. האָבן מיר זיך געכאַפּט פאַר די ביקסן. דער בער גייט אַלץ נאָענטער צו אונז. האָבן מיר לסוף אויסגעשאָסן און געטראָפן אין ציל. דער בער איז געפאַלן טויט.

28-טן אויגוסט זיינען מיר געווען אונטער 81°, דעם 4־טן סעפּ־טעמבער ווידער אונטער 14 81°; אָבער אָט האָט דער ווינט ווידער אַ בלאָז געטון צום דרום און ס׳טראָגט אונז צוריק.

22-ער סעפּטעמבער. היינט איז פּונקט אַ יאָר, זינט מיר זיינען געבליבן זיצן אין אייז. מיר מאַכן אַ חשבון, ווייזט זיך אַרויס, אַז סוף־כל־סוף גײען מיר דאָך פאָרויס צום צפון; נישט מער, אויב מיר זאָלן ווייטער אויך גײן נאָך אַזוי, מוזן מיר דאָ זיצן נאָך 7 יאָר, איידער מיר וועלן פריי ווערן פון אייז. מיר מאַכן דעריבער אַן אַנדער פּלאַן: לאָמיר נור קומען צום 86° צפון־בּרייט. דאַן וועלן צוויי פון אונז זיך לאָזן גײן צופוס צום פּאָל. אַ מהלך פון 6—7 הונדערט וויאָרסט קאָן מען דאָך אַדורכגײן. די פּוס־גייער וועלן אָבער שוין צוריק נישט קומען אויפן שיף, ווייל זיי וועלן זיכער אים שוין מער גאָרנישט געפינען. זיי וועלן דעריבער זיך פּרובן אַדורכשלאָגן צו דער אינזל שפּיצבער־גען. דער קאַפּיטאַן האָט מיך אַמאָל אַ פרעג געטון, צי וואָלט איך געוועזן אַ בעלן זיך צו לאָזן אין אַזאַ ריזיקאַלישן וועג. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געענטפערט „יאָ". איצט זיצן מיר און רע־כענען, וויפיל פּראָוויאַנט מען וואָלט געברויכט צו נעמען מיט זיך פאַר אַזאַ מין שפּאַציר.

נאַנסען האָט צורעכט געמאַכט אַן אַפּאַראַט צו קאָנען הייצן מיט שוואַרצן וואָל. די זאַך איז געלונגען. איצט וועט מען שוין פאַר־שפּאָרן צו קאַרגן פּאַראַפין און קאָנען אָפטער אָנצינדן אַ לאָמפּ.

מיר האָבן געמאַכט אַ פּראָבע צו פאָרן מיטן שליטן, דאָס הייסט, צו שלעפּן אים אויף זיך. אין שליטן איז געווען 7—8 פּוד משא. אונז איז געווען שווער. האָבן מיר איינגעשפּאַנט דריי הינט, שלעפּן זיי אויסגעצייכנט.

דעם 21-טן אָקטאָבער זיינען מיר אַריבער דעם 82-טן גראַד צפון-ברייט. ביי אונז אויפן שיף איז אַן אמתער יום טוב. דער ים איז דאָ 3500 מעטער טיף.

דעם 4-טן נאָוועמבער האָבן מיר געהאַט אַ גליקלאַכע יאַגד: מיר האָבן דערשאָסן 3 בערן. אין אָוונט האָבן מיר איצט וואונדער-לאַך צפון-ליכט. עס שיינט זייער ליכטיק און האָט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן. אַ האַלבער הימל צינט זיך אָן מיט פייערן; גרויסע פייער-צינגען צעוואַרפן זיך אויף אַלע זייטן; אָבער אָט הויבן זיי אָן זיך צו דרייען אין די וואונדערלאַכסטע ליניעס— ווי ספּרוזשינעס פון אַ זייגער, ווי קיילעכדיקע רעדער, ווי בויגנס א. אַ. וו. אויפן עק הימל ביים צפון איז דאָס ליכט זייער שוואַך. משמעות, מיר זיינען שוין אַריבער דעם הויפּט-צענטר פונם צפון-ליכט און מיר געפינען זיך הינטער אים. מיר פאַרציי-כענען אין אונזער זשורנאַל אונזערע באַאָבאַכטונגען.

דעם 17-טן נאָוועמבער האָבן מיר געהאַט ווידער אַ דרום-מערב-ווינט, וועלכער האָט געבלאָזן מיט אַ געשווינדקייט פון 5—6 מע-טער אין אַ סעקונדע. דרויסן איז 29 גראַד פראָסט. מיר האָבן זיך גענומען צו שער און נאָדל. מיר לעגן נייע לאַטעס אויף אונזערע אַלטע מלבושים.

19־טער נאָוועמבער. היינט האָט נאַנסען מיך אַ פרעג געטון, צי יעל איך איינשטימען צו גיין מיט אים צופוס צום פּאָל. דערביי האָט ער מיר, אין סוועדרדופס געגנוואַרט, פאָרגעלעגט זיין פּלאַן, וועלכער איז באַשטאַנען אין פאָלגענדן: סוף פעברואַר אָדער אָנהויב מערץ וועלן מיר זיך געזעגענען מיטן „פראַם״ מיטנעמען מיט זיך 28 הינט און 4 שליטנס און זיך לאָזן אין וועג אַריין צום פּאָל. פון דאָרט צוריק וועלן מיר זעען צו קומען אויף דער אינזל שפּיצבערגען, אָדער פראַנץ יאָזעף, צי גאָר אויף נאָוואַיאַ זעמליאַ. דאָ וועלן מיר ערגעץ טרעפן אַ האַנדלס-שיף און אָפּ-

כּאָרן אַהיים. אויב מיר זאָלן גיין צוויי מייל אַ טאָג, וועלן מיר אין יוני קאָנען זיין צוריק אויף שפּיצבערגען. פאַר די הינט וועלן מיר נעמען פּראָוויאַנט אויף 50 טעג, דערנאָך וועלן מיר טייל פון זיי דערשיסן, כּדי צו שפּייזן דערמיט די איבעריקע. דעם איבעריקן פּלאַן האָט נאַנסען פאַר מיר אַנטוויקלט זייער גענוי, אָבער דערביי האָט ער מיר קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז אַזאַ רייזע איז זייער געפערלאַך. אויב עמיצער פון אונז זאָל קראַנק ווערן אויף צ י נ ג ע זיינען מיר ביידע קאַפּוט. ער האָט מיר פאָרגעלעגט גוט צו באַטראַכטן די זאַך. איך האָב אָבער תּיכּף איינגעשטימט, דען איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד, וואָס נאַנסען האָט אויסגעקליבן דווקא מיך און נישט קיין אַנדערן. אויב איך וועל אויף אָט דער רייזע געפינען דעם טויט, איז אַזאַ טויט דער שענסטער. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן דער־גרייכן אונזער ציל און קומען צוריק געזונט און פריש!

## קאַפּיטל דרייצען.

דעם 20-טן נאָוועמבער, ווען מיר זיינען געווען אונטער 82-טן גראַד צפון-ברייט, האָט נאַנסען אונז אַלעמען פאַרזאַמלט אין זאַל פון „פראַם", וואו ער האָט אונז קלאָר געמאַכט אונזער לאַגע. „במשך פון ווינטער—האָט ער געזאָגט—וועלן מיר זיכער זיך דערנענטערן צום פּאָל, אָבער צו־קומען צו אים וועט זיין שווער מיטן שיף. דאַגעגן אָבער איז מעגלאַך מיר זאָלן גיין צו איהם צופוס, ווייל נאָך קיינמאָל זיינען מענטשן מיטן שיף נישט געשטאַנען אַזוי נאָענט צום פּאָל, ווי מיר וועלן זיין סוף ווינטער. אַזאַ געלעגנהייט טאָר מען נישט אַדורכלאָזן. דער „פראַם" ווידער געפינט זיך אין אַ געפערלאַכע לאַגע, ווייל ס'איז מעגלאַך, אַז ער וועט זיך גאָר נישט קאָנען באַפרייען פון אייז, אָדער דער אייז וועט אים צוקוועטשן. די לייט פון „פראַם" וועלן אָבער קאָנען מיטן אייז קומען צו עפּיס אַן אינזל, וואו זיי וועלן ביים סוף פון קינפטיקן זומער טרעפן אַ האַנדלס-שיף אומצוקערן זיך צוריק אַהיים אין פּאַל, ווען זיי וועלן האָבן פאַרלאָרן דעם „פראַם".

דאַן האָט נאַנסען קלאָר געמאַכט זיין פּלאַן מכח דער נסיעה צופוס צום פּאָל. אַלע האָבן אים אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

אויפן „פראַם" האָבן, אַלזאָ, זיך אָנגעהויבן פאַרבאַרייטונגען צו אונזער רייזע צופוס. אַרבעט איז געווען פיל. מען ברויך דאָך עפּיס אַזוי פיל זאַכן צו האָבן פאַר אַזאַ נסיעה! מען טאָר דאָך

קיין זאַך נישט פאַרגעסן. אַזוי למשל, האָט די רוסישע עקספע-דיציע צו נאָוואַיאַ זעמליאַ גאָרנישט געקאָנט אויפטון נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט פאַרגעסן, מיטצונעמען קאָלירטע גלעזער צו די ברילן, כדי צו פאַרטיידיקן זיך פון שניי-בלינדקייט. מען האָט דעריבער געמוזט אַלץ פּראָוויזאָן און איינאָרדנען אויפן בעסטן אופן. אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָליע האָט דאָ געשפּילט די משא, וואָס מען וועט ברויכן מיטצונעמען. פון אַ פּאָר קי-לאָגראַם פּראָוויאַנט מער, וועט אפשר שפּעטער זיין אָפּהייִנגיק דאָס לעבן און דער ערפאָלג! איך האָב מיך שוין נישט באַטיי-ליקט אין די מעטעאָראָלאָגישע באָאָבאַכטונגען. מיר האָבן גענומען אַרבעטן אַרום די קאַיאַקן, כדי צו האָבן שפּעטער אויף וואָס זיך אַריבערצוכאַפּן איבער די אָפענע ערטער אין ים. דער באָדן פון קאַיאַק איז באַשטאַנען פון לייכטן באַמבוס-האָלץ באַצויגן מיט ברעזענט. די קאַיאַקן וועלן מיר פירן מיט זיך אויף די שליטעלאַך. אין קאַיאַק איז געווען אַן אָרט צום זיצן און אַן אָרט פאַר פּראָוויאַנט. סווערדרופּ האָט אויפגענייט פאַר אונז צוויי זעק פון הירשנפעל. אין אָט די זעק וועלן מיר שלאָפן. מיר פּראַק-טיקירן זיך אויך אויף די הינט. אַלע זיינען העכסט באַשעפטיקט און די צייט פליט געשווינד. אַ וויכטיקע זאַך איז אויך דער אַפּאַראַט צו קאָכן זיך שפּייז. דאָס באַדאַרפן מיר אויך מיטנעמען.

ביי 42 גראַד פראָסט האָט נאַנסען זיך געלאָזן צוזאַמען מיט מיר אויף אַן עקסקורסיע. מיר זיינען געפלויגן אויף די פוסשליטע-לאַך. מיר האָבן אַזוי געשמאַק געאַרבעט מיט די הענט און פיס, אַז אַ שווייס האָט אונז אַדורכגענומען. דעם 13-טן דעצעמבער האָבן מיר געמאָכט מעסטונגען. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זיינען אונטער 30̊ 82° צפון-ברייט.

די ווינטער-חגאות זיינען דעם מאָל אַריבערגעלאָפן זייער שנעל. דעם 31-טן דעצעמבער 1894 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיי-נען אונטער 20,7 83° צפון-ברייט. אַזוי ווייט איז נאָך קיין ילוד אשה קיינמאָל נישט געקומען! דער פראָסט האָלט 41 גראַד.

אויך ניי-יאָר איז אַריבער. דעם 3-טן יאַנואַר האָט זיך אָנגע-
הויבן אַ געוואַלטיקער אייז-דרוק אַרום דעם „פראַם“. ס׳האָט גע-
שטויסן די שיף פון אַלע זייטן. איין אייז-באַרג האָט געפּלאַצט
אין דערנאָענט און אַ טייל פון אים איז אַרויפגעפאַלן אויפן שיף.
מען האָט געמוזט באַלד אָפּרוימען אַלע כלים און אינסטרומענטן,
זיי זאָלן נישט צודריקט ווערן. אונזער לאַגע ווערט אַזוי ערנסט,
אַז מיר שרעקן זיך שוין פאַר דער גאַנצקייט פון דער שיף און
מיר ציען זיך אַרויס פון איר פאַר יעדן פאַל. אַ טייל פון אונ-
זערע זאַכן ליגן שוין פּאַרפאַקט אויפן דעק פון שיף, אַ צווייטן
טייל האָבן מיר שוין אַרויסגעטראָגן אויפן אייז. דאָס אייז, אויף
וועלכן אונזער שיף ליגט איז נאָך גאַנץ. מיר רעכענען אויס,
אַז די כוחות, מיט וועלכע די אייז-בערג דריקן און ברעכן זיך,
זיינען אַזוי גרויס, אַז מען וואָלט געברויכט צו האָבן מיליאָנען
פערד איפצוהאַלטן זיי. אונזער „פראַם“ איז אָבער געבויט אַזוי,
אַז ער ווערט נישט געדריקט, נאָר ער ווערט אַרויסגעשטויסן
פון אייז. דער אייז-קאַמף האָט געדויערט עטלאַכע מעת לעת
נאָכאַנאַנד. פאַר דערדאָזיקער צייט האָבן מיר געהאַלטן אין איין
פּאַקן זיך אין פאַל, ווען ס׳זאָל. אונז אויסקומען צו שיידן זיך
מיטן שיף. דער קאַמף האָט זיך אָבער געענדיקט און אונזער
שיף איז גאַנץ געבליבן. דער „פראַם“ איז זיך געלעגן אויפן
אַרויז אין מיטן פון אַן אייז-כאַאָס. איצט איז ער מיט איין פוס
העכער געלעגן, ווי פריער.

# קאַפּיטל פערצן.

זונטאָג דעם 6-טן יאַנואַר נאָכמיטאָג-צייט האָט מען זיך גענומען אָפּרוימען דאָס שיף פון אייז. אַלע האָבן געאַרבעט איבער די כּוחות. מיר געפינען זיך איצט 34,2 °83 צפון-ברייט. אונזער ערשטער נצחון איבער אַלע רייזנדער, וואָס זיינען געפאָרן פאַר אונז. גאַנץ יאַנואַר און פעברואַר האָט געדויערט דאָס אָפּרוימען דעם אייז פון שיף. אַפילו ווען מיר זיינען שוין אָפּגעגאַנגען צום פּאָל, האָבן אונזערע חברים נאָך לאַנג געאַרבעט, ביז עס איז זיי געלונגען צו ברייגגען אַן אָרדנונג אויפן „פראַם".

די צווייטע לאַנגע ווינטער-נאַכט ווירקט אויף אונז זייער שווער. מיר ווערן נערוועז, און דאָס איז דאָס ערגסטע פאַר אונז. מען פאַרלירט די קאַלטבלוטיקייט און ממילא מאַכט מען פעלערן.

פאַר אונזער פאָרשטייענדיקער עקספּעדיציע איז נויטיק, מיר זאָלן זיך עטוואָס באַקענען מיט דער כירורגיע. א קשיא אויף אַ מעשה, ווי וועט זיין, אַז עמיצער פון אונז וועט צוברעכן, צי אויסלינקען זיך אַ האַנט, אָדער אַ פוס? מיר נעמען דעריבער לעקציעס איבער דער כירורגיע ביי דאָקטאָר בלעסינג. ראשית לערנט ער אונז וויאַזוי צו מאַכן דעם ערשטן באַנדאַזש; דערנאָך ווייזט ער אונז זיין וויטערדיקע חכמה און קונסט. ס'איז זייער אינטערעסאַנט! אונזערע שליטנס שטייען שוין געשמידט, אונזערע פוסשליטעלאַך צורעכט געמאַכט. מיר רעכענען, אַז אויב דעם 20-טן פעברואַר וועט שוין זיין גענוג ליכטיק וועלן מיר זיך

קאָנען לאָזן אין וועג אַריין.
נישט ווייניק אַרבעט האָבן מיר געהאַט מיטן אויסקלויבן פּראָ-וויאַנט פאַר אונזער עקספּעדיציע. קודם כל מוז מען זען, אַז די נאַרונג זאָל זיין גוט, מיר זאָלן נישט פּאַקן אין וועג קיין צינגאַ. מען מוז אָבער אויך זען, אַז דער שפּייז זאָל האָבן וואָס ווייניקער געוויכט און פאַרנעמען ווייניק אָרט, אויסערדעם איז אויך נויטיק, אַז די פּראָדוקטן זאָל מען קאָנען עסן רויערהייט, ווייל נישט שטענדיק קאָנען מיר דאָך זיך באַנוצן מיטן קאָך-אַפּאַראַטל. דאָס בעסטע איז אַלזאָ צו נעמען מיט זיך פּעמיקאַן. דאָס איז אייגנטלאַך געטריקנט פלייש, וואָס איז צומאָלן אַזוי ווי מעל. אין זיין גרענלאַנדישער עקספּעדיציע האָט נאַנסען מיט זיינע חברים שטענדיק געהונגערט, ווייל אין פּעמיקאַן האָט גע-פעלט פעטס. דעם מאָל האָבן מיר שוין געהאַט פעטן פּעמיקאַן. מיר האָבן אויך געהאַט פּעמיקאַן געמישט מיט קאַקאָס-פּוטער, אָבער ער איז נישט געווען אַזוי גוט. מיט פּעמיקאַן האָבן מיר אויך געשפּייזט די הינט.
דעם פּעמיקאַן האָבן מיר געהאַט פאַרפּאַקט אין זעק. סווערדרופּ האָט אים פאַרפּאַקט אין זעק אויף אַזאַ אופן: תחלת האָט מען דעם פּעמיקאַן אָנגעוואַרימט און ער איז ווייך געוואָרן. האָט מען אים נאָכדעם פאַרפּאַקט אין זעק און אַרויסגעטראָגן אויפן פראָסט, איז ער געוואָרן האַרט ווי שטיין.
אַן אויסגעצייכנט שפּייז וועלן מיר אויך האָבן פון פיש-מעל, וואָס פּראָפעסאָר וואַגע האָט געוויזן, ווי אַזוי עס צוצוגרייטן. ווען מען קאָכט אַזעלכע מעל צוזאַמען מיט געוועגלאַך מעל און פּוטער, באַקומט מען אַ פּרעכטיק געריכט, וואָס דערוואַרימט דעם מאָגן. מיר האָבן אויך גענומען מיט זיך געטרוקנטע קאַרטאָפל. ווען מען קאָכט דאָס מיט פּעמיקאַן צוזאַמען, באַקומט מען אַ טייערן מאכל, וואָס מען רופט עס אין נאָרוועגיען „לאַבּס-קאַוס“, דאָס איז דאָרט זייער אַ גאַנגבאַרע אכילה. מיר האָבן אויך גע-נומען האָבער-גריץ מיט מאַיס-מעל. אויסערדעם האָבן מיר גענו-מען אַ ביסל „וועהיל-פּוד“—אַ מין זיס-מעל, וואָס איז אונז אויס-געצייכנט צונוצגעקומען. שאָקאָלאַד, צוקער און אַנדערע זאַכן

האָבן מיר אויך אַריינגעפאַקט אין אונזער פראָוויאַנט. אַ פולווער׳ל פון געטריקנט קעז, וואָס מיר האָבן גענומען, האָט אונז גע־דאַרפט דינען אויף אָוונטברויט. אַזאַ פולווער׳ל צולאָזט מען אין זודיק וואַסער. ס׳איז אי געשמאַק, אי געזונט. דאָס פוטער האָבן מיר, פאַרן פאַרפאַקן, געהאַלטן אויפן פראָסט, איז ער געוואָרן אַזוי האַרט, אַז נאַנסען האָט שפעטער צובראָכן אַ מעסער, בשעת ער האָט אָפגעהאַקט פון אים אַ שטיקל.
סווערדרופ האָט אונז אויפגענייט עטלאַכע זעגלען. אין אַ גוט וועטער ביי אַ גלאַטן וועג און גינסטיקן ווינט, באַפעסטיקט מען אַזאַ זעגל אויפן שליטן און מען פליט, ווי מיט אַ שיף אויפן ים. ביקסן און פולווער האָבן מיר פאַרפאַקט אַ היבש ביסל, צו האָבן מיט וואָס צו גיין אויף דער יאַגד און זיך באַזאָרגן מיט פריש פלייש. מעסערס, אַ זעג, אַ צוואַנג, אַ האַמער, אַ האַק און אַנדערע אינסטרומענטן האָבן מיר אויך איינגעפאַקט. יעדערן פון אונז האָט מען אָנגעגרייט אַ פאָר פינלענדישע שטיוול און קאַ-לאָשן פון פאָקן-פעל מיט האָר אינווייניק—עס זאָל זיין וואַרים אין די פיס. אָנשטאָט זאָקן האָבן מיר אַרומגעוויקלט די פיס מיט שטיקער לייוונט און פוטער פון הירשן-אָדער וואָלפן-פעל.

אונזער אַפאַראַט צום קאָכן, איז באַשטאַנען פון דריי קעסלען, וואָס זיינען געשטאַנען איינער אין דעם אַנדערן. דער מיטלסטער איז געווען פון ניי-זילבער און אין אים איז געלעגן דער שפייז צום קאָכן; אין דעם אויבערשטן איז געלעגן שניי און אייז, וואָס האָט אונז באַדאַרפט געבן וואַסער צום קאָכן און צום טרינ-קען. דער אונטערשטער קעסל האָט געדינט צו האַלטן וואַרים שטענדיק דעם אַפאַראַט. אָט דער לעצטער קעסל איז שטענדיק געווען איינגעוויקלט אין אַ פעלצל פון גוטע פוטערוואַרג.
אויפן שיף גייען געוואַלטיקע הכנות. דעם 25-טן יאַנואַר האָבן מיר געהאַט 50 גראַד פראָסט, אָבער אָן אַ ווינט.
מיר גרייטן אָן בריוו אַהיים און נעמען אויך מיט בריוו פון די געבליבענע חברים. ווערט ס׳וועט פריער קומען אַהיים, דער וועט די בריוו אָפגעבן. אויף שרייבן בריוו זיינען מיר גרויסע קינסט-

לער: מיר שרייבן קאַליגראַפיש און מיניאַטור-אותיותלאַך אַזוי, אַז אַ גרויסער בריוו וועגט סך הכל 15 גראַם.
איך און נאַנסען האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבעס מיטן שלאָפזאַק. אַזאַ זאַק וועגט סך הכל 7—5 פונט. עטלאַכע נעכט האָט מען די זעק געהאַלטן, אַלס פּראָבע, אויפן פראָסט. זיי זיינען אָבער נישט פאַרפראָרן געוואָרן. דאָך זיינען זיי געווען צו דיק, און אָט האָט סווערדרופ אויפגעניייט איין זאַק פאַר צוויי פּערזאָן צום שלאָפן, אָבער פון דיקן פוטער.
דעם 10-טן פעברואַר איז שוין געווען גאָר ליכטיק. אונזערע הינט נערט מען איצט באַזונדער גוט, כּדי זיי זאָלן טויגן בע-סער צו דער נסיעה. מען האָט זיי אויך אָפּגעגעבן די זעקס געפּגרטע הינט,—זיי האָבן זיי תיכף אויפגעפרעסן מיט גרויס אַפּעטיט.
דעם 21-טן פעברואַר האָבן מיר געהאַלטן אונטער $40'$ $81°$ צפון-ברייט.
אַלע אונזער פאָרבאַרייטונגען זיינען שוין פאַרטיק. מיר האָבן אויך גענומען מיט זיך האַרפונען (וואַרף-שפּיזן), כּדי צו האָבן מיט וואָס צו כאַפּן יאַם-פערד און פאָקן. די צייט פון אונזער אָפּפאָרן האַלט שוין גאָר נאָענט.

## קאַפּיטל פֿופֿצען.

דעם 23-טן פעברואַר האָבן מיר זיך גוט אויסגעשלאָפן, איי-דער מיר לאָזן זיך אַוועק צופוס צום פאָל. אין די לעצטע טעג האָבן מיר אַזוי געאַרבעט, אַז מיר זיינען געבליבן פשוט אָן כחות. דעם 24-טן האָט מען געמאַכט אַ געזעגנונג-מיטאָג לכבוד אונז. דערביי זיינען געהאלטן געוואָרן דרשות מיט גוטע וואונשן. יעדער פאַרלאַנגט גאָר אַ קלייניקייט: הצלחה. זאָלן די צוויי אָפּפאָרער דערגרייכן גליקלאַך דעם פאָל און אַלע זאָלן קומען אַהיים בשלום. וואָס דאַרף מען טאַקי מער?...

מאָרגן פרי פאַרלאָזן מיר דעם „פראַם“ אַלע האַלטן אין איין אַרבעטן און אַלץ פאַר אונז, פאַר אונזער נסיעה. אין אָוונט האָט מען אונז מכבד געווען מיט פונש. נאָך וועטשערע האָט נאַנסען דיקטירט זיין אינסטרוקציע, וויאַזוי די געבליבענע אויפן „פראַם“ דאַרפן באַהאַנדלען די אינפּוזאַריען און מאַכן די נויטי-קע באַאָבאַכטונגען.

דעם 26־טן פעברואַר האָבן מיר ענדלאַך שוין געקאָנט זיך גע-זעגענען. אונז איז פאָרגעשטאַנען אַ שווערער וועג. דאָס וועטער איז געווען שלעכט, אַ דרום-מזרח-ווינט האָט געבלאָזן. נאָך אַ קורצן געזעגענען זיך האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין. סווערדרופ, האַנסען, בלעסינג, מאַגסטאַד און הענדריקסען האָבן אונז באַגלייט. זיי האָבן גענומען מיט זיך אַביידל און אַ ביסל שפייז, כדי צו נעכטיקן די ערשטע נאַכט צוזאַמען מיט אונז. נאַנסען איז געגאַנגען פאָרויס אויף זיינע פוסשליטעלאַך. נאָך

אים זיינען געגאַנגען די שליטנס, וועלכע די הינט האָבן גע־פירט. דידאָזיקע נסיעה האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג. מיר זיינען אָפּגעפאָרן נישט ווייט, ווען עס איז פּלוצלונג געשען אַ קאַטאַסטראָפע מיט איינעם פון אונזערע שליטנס: ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שפּיציקן אייז־באַרג און איז צובראָכן געוואָרן. מען מוז גיין צוריק. ביים געזעגענען זיך מיט די חברים איז אונז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז ס'וועט אונז אויסקומען אַזוי גיך צו טרעפן זיך ווידעראַמאָל. נאָך גוט, וואָס דאָס אומגליק איז געשען נישט ווייט. ס'האָט זיך נעמלאָך אַרויסגעוויזן, אַז אונזע־רע שליטעלאַך זיינען נישט גענוג שטאַרק פאַר אַזאַ נסיעה אויפן נישט גלאַטן אייז, ביי אַזאַ שווערע משא. ס'וועט אויסקומען צו נעמען בעסער מער שליטעלאַך און יעדן וויניקער באַלאָדן. מיר האָבן דעריבער באַלד נאָכן אומקערן ווידער זיך גענומען צו דער אַרבעט. די שליטעלאַך זיינען שנעל פאַרטיק געוואָרן און דעם 28-טן פעברואַר האָבן מיר זיך ווידער געלאָזן אין וועג אַריין, אָבער שוין מער שליטעלאַך. אונזערע באַגלייטער זיינען ווידער געגאַנגען מיט אונז, צו פאַרברייינגען מיט אונז אין וועג לפחות אַ צוויי טעג צייט. די איבריקע חברים האָבן אונז באַגלייט נור אַ פּאָר שעה. די רייזע איז תחלת געגאַנגען זייער שווער, ווייל די שליטעלאַך זיינען נאָך אַלץ געווען שווער באַלאַדן. נאָך אַ קור־צער צייט פון שווערער אַרבעט האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָפּצו־זאָגן פון אַ טייל משא, און דאַן איז די אַרבעט שוין געוואָרן פיל לייכטער.

צוויי חברים האָבן זיך דאָ מיט אונז צוזעגנט און מיר האָבן זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין. אָבער אויך דעם מאָל זיינען מיר נישט פיל דורכגעגאַנגען, ווען מיר האָבן זיך געמוזט ווי־דער אָפּשטעלן און אויסרוען. אָפּשטעלן די שליטעלאַך און בינדן די הינט און מאַכן אַן אָרט צו אָפּרוען האָט פאַרנומען אַ היבש ביסל צייט, פיל מער, ווי מיר האָבן גערעכנט פריער. מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער ביידל, צורעכט געמאַכט אונזער קאָך־אַפּאַ־ראַט; באַלד זיינען מיר שוין געזעסן ביי אַ גוטער וועטשערע, גאָר ווי ביי זיך אויפן שיף. נאָכן עסן האָבן מיר געמאַכט אַ

פונש און פאַררויכערט די לולקעס. נאַנסען און בלעסינג האָבן געהאַלטן רעדעס. דאַן האָבן מיר זיך געלעגט שלאָפן אין די זעק. די ערשטע נאַכט האָבן מיר געשלאָפן נישט באַזונדערס געשמאַק, ווייל די הינט האָבן אונז געשטערט מיט זייער בילעריי.

אויף צומאָרגנס איז געווען אַ שלעכט וועטער. נאָכדעם ווי מיר האָבן עטלאַכע שעה לאַנג געהאַט צו טון מיטן קאָכן עסן, געבן עסן די הינט, איינשפּאַנען זיי א. אַ. וו., האָבן מיר ווידער זיך געלאָזן אין וועג אַריין.
ענדלאַך, פרייטאָג נאָך מיטאָג, איז געקומען די צייט צו געזע-געגען זיך מיט אונזערע לעצטע באַגלייטער. דאָס וועטער איז נאָך אַלץ געווען שלעכט; די פּאָלאַר-נאַכט האָט זיך נאָך נישט איינגאַנצן געענדיקט. צום לעצטן מאָל האָבן מיר זיך געדריקט די הענט מיט אַ וואַרימען גרוס פאַר אונזערע חברים. אָבער די שטימונג איז געווען זייער אַ געדריקטע. איך און נאַנסען זיינען ענדלאַך געבליבן אַליין אין גרויסן שניי-און אייז-מדבר...
דעם טאָג זיינען מיר שוין געגאַנגען נישט פיל, ווייל די משא איז געווען צו-גרויס. נאַנסען איז געגאַנגען פאָרויס און אָפּגעזוכט אַ וועג. אָפט האָבן די הינט זיך אָפּגעשטעלט און דאַן האָבן מיר געמוזט לויפן צו די שליטנס און אַליין שלעפּן זיי. דאָס אייגענע איז אויך פאָרגעקומען אויף צומאָרגנס. באַלד איז פאַר אונז קלאָר געוואָרן, אַז די משא איז פאָרט צו-שווער פאַר אונ-זערע הינט און מיר וועלן נישט קאָנען גיין פאָרויס, אַפילו ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די פּראָוויאַנט-משא מוז דאָך קלענער ווערן.
מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נאַנסען האָט געזאָגט, אַז מען מוז פאַרקלענערן דעם פּראַכט. נאַנסען האָט זיך געלאָזן גיין באַטראַכטן דעם וועג, איך האָב אָנגעהויבן קאָרמענען די הינט און צורעכט מאַכן זיך צום נאַכטלעגער. ווען נאַנסען איז צו-ריגעקומען, האָבן מיר אָפּגעגעסן וועטשערע און אַריינגעקראָכן אין די זעק שלאָפן.
אויף צומאָרגנס האָט נאַנסען אויסגעקליבן די בעסטע פאַר הינט

און האָט זיך געלאָזן צוריק נאָך אונזערע חברים. איך בין גע-בליבן אַליין אין דעם גרויסן אייז-מדבר. דאָס איז געווען זונ-טאָג דעם 3-טן מערץ. עס איז געווען אַ שיין, קאַלט און ווינ-טיק וועטער. תחלת האָב איך נישט געגלויבט מיינע אויגן, ווען איך האָב דערזען גאַנץ נידריק אויפן עק־הימל די זון. אָבער איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. דאָס איז געווען די זון, וועלכע האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל. דאָס איז געווען אַ פּלאַטשיקע, רויטע זון, קיין זון, אָן אַ פונק וואַרימקייט, אָבער דאָך אַ זון. אין דער דורכזיכטיקער לופט האָב איך אין דערווייטנס געקאָנט באַמערקן דעם זעגל פון „פּראַם". כדי צו איבערצייגן זיך, אַז איך האָב נישט קיין טעות, האָב איך געמאָכט מעסטונגען מיטן קאָמפּאַס. זיצן ליידיק האָב איך נישט געוואָלט, האָב איך זיך געלאָזט אויפן וועג צוריק צו מיינע · חברים מיט אַלע מיינע שליטנס און הינט. דורכגעפאָרן אַ היבש שטיקל וועג, האָב איך זיך אַליין אויך איינגעשפּאַנט צוזאַמען מיט די הינט. ווען די הינט האָבן דערשפּירט, אַז די משא איז לייכטער, האָבן זיי זיך געלאָזן לויפן אַזוי, אַז איך בין געפאַלן און געאַקערט מיט דער נאָז אין שניי. ניין, מער וועל איך שוין אַזאַ נאַר נישט זיין. די הינט זיינען זיך דערווייל צולאָפן אויף אַלע זייטן. איך האָב זיך דערשראָקן: וואָס טוט מען, ווען זיי וועלן גאָר נישט קומען צוריק? באַלד אָבער האָבן די הינט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן, אַ שטייגער, ווי אויך זיי וואָלטן געוואָלט זען, וואָס איז געוואָרן מיטן מענטשן.

מיט פריינטלאַכע וואונקן האָב איך זיי פאַרנאַכט צו זיך און זיי געבונדן. איצט האָב איך שוין איינגעשפּאַנט נישט זיך, נאָר די הינט און, די רייזע איז זיך געגאַנגען נישקשהדיק.

צום אָוונט האָב איך אויסגעשפּאַנט די הינט, אויפגעשטעלט דיביידל, זיך צוגעגרייט צום נאַכט-לעגער און אָנגעהויבן קאָכן וועטשערע. אָבער דאָ האָט פּלוצלונג איינער פון מיינע הינט אָנגעהויבן בילן, האָבן אים פון דערווייטנס געענטפערט אַנדערע הינט און עס האָבן זיך דערהערט מענטשלאַכע שטימען... באַלד האָבן זיך באַוויזן האַנסען און נאַרדאַל. זיי זיינען געקומען מיט

שליטנס. זיי האָבן געוואָלט איבערנעכטיקן מיט מיר צוזאַמען. אָט איז אַ ביסל אַ שמחה! האַנסען האָט דערציילט, אַז די לעצטע מעסטונגען האָבן דערוויזן, אַז מיר האַלטן שוין אונטערן 84°-טן גראַד צפון-ברייט און אַז אויפן „פראַם" איז היינט געווען אַ יום-טוב לכבוד דער זון, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן. נו, איצט וועלן אויך מיר פייערן אַ יום-טוב! געמאַכט האָבן מיר עס מיט אַ רויכערדיקער וועטשערע און מיט אַ לולקע-טאַבאַק נאָך איר. דאָס איז געווען אַ מתנה, וואָס מען האָט מיר צוגעשיקט פון שיף, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז לויט נאַנסענס פּלאַן, האָבן מיר נישט גערעכנט מיטצונעמען טאַבאַק מיט לולקעס, כּדי נישט „צו באַלעיווען זיך" אין וועג.

אויף צומאָרגנס זיינען אויף די פּוסשליטעלאַך געקומען נאַנסען, סווערדרופּ און הענדריקסען. מיר האָבן זיך ענדלאַך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין... צוריק צום „פראַם". און אָט זיינען מיר ווידער אין אונזער באַקוועמען צימער אויפן „פראַם".

ווען מיר זיינען צום ערשטן מאָל אין וועג אַרויסגעפאָרן, האָבן מיר געהאַט אויף יעדן שליטן לערך 18—20 פּוד משא. איצט האָבן מיר שוין באַשלאָסן צו נעמען פּראָוויאַנט נישט מער ווי אויף 100 טעג און פאַר די הינט אויף 30. שליטנס וועלן מיר נעמען נור 3 און צו 10—12 פּוד משא אויף אַ שליטן.

די וואָלפן-פּעלצן האָבן זיך אַרויסגעוויזן זייער נישט באַקוועם אינם וועג, ווייל זיי פּלעגן לייכט פייכט ווערן און דערנאָך איינפרירן און ווערן האַרט, ווי האָלץ. אין דער לעצטער נאַכט, ווען מיר זיינען געשלאָפן אונטער זייער צודעק, איז אונז געווען שרעקלאַך קאַלט. דער פראָסט האָט געהאַלטן קנאַפּע 43 גראַד און אין ביידל איז געווען קנאַפּע 40 גראַד. מען האָט אַלץ געמוזט איבערמאַכן, און מיר האָבן געפּרובט שלאָפן אַ נאַכט אויפן אייז אין די נייע שלאָף-זעק ביי אַ שטאַרקן 43-גראַדיקן פראָסט. נישקשה, עס שלאָפט זיך געשמאַק!

מיר האָבן זיך ענדלאַך צוגעגרייט דעם דריטן מאָל צו דער נסיעה און זיך צוזעגנט. יאַקאָבסען האָט דערקלערט, אַז ער

וויל זיך גאָר נישט געזעגענען מיט אונז, ווייל וואָס איז די פּעולה פון די ווינשעניש, אַז מיר קומען באַלד צוריק און מען מוז זיך ווידער אַמאָל ווינשן. ער איז זיכער געווען, אַז מיר וועלן ווידער אַמאָל צוריקקומען...

יאָ, מיר זיינען כאַקי צוריגעקומען, אָבער קיין נאָרוועגיען!

## קאַפּיטל זעכצען

דעם 14-טן מערץ 1895 האָט אַ האַרמאַט-שאָס ווידער זיך דערהערט אין אייז-מדבר און אויפן „פראַם“ האָט זיך דערהויבן נאָרוועגיענס פאָן. דאָס מאָל האָבן מיר שוין ענטגילטיק זיך געזעגנט. די חברים האָבן אונז באַגלייט, כדי צו העלפן אונז אין די ערשטע שווערע טעג פון דער נסיעה. אויפן גלאַטן אייז זיינען מיר געגאַנגען אויסגעצייכנט, אָבער אויף אַ פעלד מיט אַרויסגעשטאַרצעטע שטיקער אייז איז עס געווען אמתע קאַטאָרגעס. ווען מיר האָבן געמאַכט דעם ערשטן לאַגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען אַ וויאָרסט צען.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך געשיידט מיט אונזערע חברים. זיי איז געווען קאַלט צו שלאָפן מיט אונז צוזאַמען אין אונזערביידל און דערפאַר זיינען זיי פרי אויפגעשטאַנען. זיי האָבן אונז געהאָלפן ביי די לעצטע הכנות פון דער נסיעה און האָבן זיך געלאָזן צום „פראַם“, מיר אָבער האָבן זיך אַ קער געטון צום צפון און מאַרש אין וועג אַריין.

מאָנטאָג דעם 18-טן מערץ. מיר זיינען שוין אַדורכגעגאַנגען העכער 40 וויאָרסט. דעם „פראַם“ האָבן מיר שוין לאַנג פאַרלאָרן פון די אויגן. כל-זמן די אייז-פעלדער זיינען גלאַט גייט עס, ווי אַ מזמור; ווי נאָר אָבער מיר באַגעגענען זיך מיט אַרויסשטעכעדיקע אייז-שטיקער, ווערט אונז זייער שווער. ווייטער צום צפון וועט, ווי עס שיינט, זיין אַ גלאַטער וועג. דער 40-גראַ-

דיקער פראָסט פייניקט אונז אויף אַ היבשן אופן; בייטאָג איז נאָך צו דערליידן, אין דער אַרבעט דערוואַרימט מען זיך. ביי-נאַכט אָבער איז עס זייער שלעכט. פון אָטעמען זאַמלט זיך אָן פייכטקייט, וואָס ווערט תיכף פאַרפראָרן. נעכטן האָבן מיר גע-פרובט בייטאָג פאַנאַנדערלאָזן אונזערע שלאָף-זעק, כדי די זון זאָל זיי אַדורכטריקענען, אָבער די פּאָלאַר-זון אין מערץ שיקט נישט קיין וואַרימקייט, ווייל אירע שטראַלן פאַלן משופּעדיק אויף דער ערד. ס'איז אַזוי, ווי מען וואָלט געהאַלטן אַ ליכט נישט איבערן טיש, נאָר האַרט ביים ברעג טיש.

אין אָוונט איילט יעדערער פון אונז זיך אַריינצוכאַפּן וואָס גי-כער אין שלאָף-זאַק זיך אויסצורוען. אָבער צו מאָרגנס מוז מען זיך איילן אויפשטיין און גיכער לאָזן זיך אין וועג אַריין. ס'איז אָבער לייכט צו זאָגן עס, איידער צו טון. מיטן איינשפּאַנען די הינט האָט מען פיל צו טון און זיי האָבן בכלל נישט קיין חשק צו גיין אין וועג אַריין. דערפאַר לויפן זיי שפּעטער געשמאַק, ווייל זיי ווייסן שוין, אַז אין אָוונט וועט מען זיי געבן גענוג צו עסן.

19-ער מערץ. נעכטן האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק. דער מיטל-סטער שליטן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שפּיציקן אייז-באַרג. דער זאַק מיטן פיש-מעל האָט געפּלאַצט. מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ לענגערער צייט און אַרבעטן, ביז מיר האָבן אַלץ ווידער צורעכטגעמאַכט. אונזער קאַיאַק האָט דערביי באַקו-מען אַליין אין זייט. מוז מען אים פאַריכטן, ווייל אַנדערש וועט ער זיך נישט טויגן אויפן וואַסער.

מיר רוען זיך אויס און כאַפּן איבער דעם הונגער מיט שאָקאָלאַד געמישט מיט פּעמיקאַן, מיט ברויט און פּוטער; באַלד אָבער הויבן מיר אָן פרירן און מיר איילן זיך ווידער אין וועג אַריין. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן מיר פונדעסטוועגן שוין דורכגעמאַכט אַ היבשן שטיק וועג. די בעסטע נסיעה איז פאַר אונז אינדערפרי, ווען מיר זיינען זאַט און אויסגערוט.

כל-זמן די זון האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויפגעהויבן הויך און דער פראָסט איז נאָך געווען שטאַרק, איז די נסיעה פאַר אונז

געוועזן זייער אַ שווערע. בייטאָג—די שווערע אַרבעט מיטן גיין צופוס, ביינאַכט—זייער ווייניק געשלאָפן און פיל געפראָרן. אונ־זערע מלבושים ווערן פון דער שווערער אַרבעט אַדורכגעשוויצט, אויפן פראָסט ווערן זיי האַרט ווי האָלץ, ווייל דער פראָסט איז אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו קוועקזילבער איז איינגעפראָרן. מיר האָבן געפּרובט טוישן די מלבושים פאַרן שלאָף, אָבער דאָס האָט אונז פאַרשאַפן פיל יסורים, ווייל די האַרטע מלבושים האָבן ביים אויס־טון זיי אַראָפּגעריסן אונז שטיקער הויט און פלייש אין פיל ע־טער. די געפראָרענע מלבושים האָבן אָבער אונז געשניטן די פיס אין גאַנג און די הענט אונטער די אָרעמס ביים באַוועגן זיך. די הינט האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן און האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען פון די לייצעס און זיי עפּטער צוזאַ־מענגעפּלאָנטערט. האָבן מיר געמוזט פאַנאַנדערפּלאָנטערן אויפן פראָסט און דערביי זיך אָפּגעפראָרן די פינגער. די הינט האָבן שפּעטער זיך געמאַכט אַ נייע מאָדע: ווי נור מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן, פלעגן זיי אָנהויבן בייסן די לייצעס, צו באַפרייען זיך און אַנטלויפן. ביי דידאָזיקע שטענדיקע שוועריקייטן האָבן מיר פאַרלאָרן פיל צייט גאָר אומזיסט.

אונזערע הענטשקעס זיינען אויך אַזוי געפראָרן, אַז זיי שניידן די פינגער. ס'איז אויסגעקומען איינצעוויקלען די הענט מיט פו־טערוואַרג, איידער מען טוט אָן די הענטשקע. דאָס אייגענע האָבן מיר אויך געטאָן מיט די פיס, איידער מיר האָבן אָנגע־טאָן די שטיוול. ביינאַכט, פאַרן שלאָף פלעגן מיר אַראָפּנעמען די לייוונט פון די פיס און אַריינלעגן עס אין בוזעם, כדי עס זאָל זיך בשעתן שלאָף אויסטריקענען אויף אונזער לייב. אָנשטאָט דעם פלעגן מיר איינוויקלען די פיס אין שפּסן פעל, זיי זאָלן נישט אָפּפרירן.

דער שלאָף־זאַק איז געוואָרן אונזער בעסטער פריינט, אָבער מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן אַלץ האַרטער און שווערער. צייטנ־ווייז פלעגן מיר אים אויסקערן אויף דער לינקער זייט און קלאַפּן מיט שטעקנס, כדי אויסצוקלאַפּן פון אים דעם אייז און מאַכן אים לייכטער און ווייכער. ווען מיר קלויבן זיך אַריין ביינאַכט

אין שלאָף-זאַק, ווערן אויך אונזערע מלבושים ווייכער און לייכ-
טער. אונזער אָרימער גוף האָט אָבער דערביי געהאַט אַ היבש
שטיקל אַרבעט: צוערשט האָט ער געמוזט מיט זיין וואַרימקייט
צושמעלצן דאָס אייז פון די מלבושים און שפּעטער טריקענען
עס. פונדעסטוועגן האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג אומגעדולדיק געוואַרט
אויף דער מינוט, ווען מיר וועלן זיך שוין קאָנען אַריינכאַפּן אין
שלאָף־זאַק און דערוואַרימען זיך מיט אַ וואַרימען זופּ און גע-
טראַנק. ווי נאָר מיר פלעגן ענדיקן מיטן עסן און טרינקען,
פלעגן מיר פאַרציען די עפנונג פון זאַק, צופרעסן זיך איינער
צום אַנדערן און—אַ גוטע נאַכט!
אויפגעכאַפּט זיך אין דערפרי, האָבן מיר זיך געשפּירט ווי ניי-
געבאָרן: מיר זיינען געווען אויסגערוט; די מלבושים זיינען גע-
ווען לייכטער און ווייכער. באַלד אָבער פלעגן זיי אויפן פראָסט
ווידער ווערן האַרט ווי האָלץ.
דאָס, וואָס מיר פלעגן אינדערפרי זיך גוט אונטערקרעפ־
טיקן מיט שיטערע מאכלים, האָט אונז פאַרהיט פון דעם, אַזוי
גערופענעם פּאָלאַר-דורשט בייטאָג, וואָס אַלע רייזענדער שפּירן.
תחלת פלעגן מיר מיטנעמען הילצערנע פלאַשן מיט וואַסער צום
טרינקען. די פלאַשן פלעגן מיר האַלטן אין בוזעם אויפן לייב,
כדי זיי זאָלן נישט איינגעפראָרן ווערן. ביסלעכווייז אָבער האָבן
מיר זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל דאָס איז געווען אומבאַקוועם.
דורך אגב האָב איך טאַקי באַלד פאַרלאָרן מיין פלאַש.
21-ער מערץ. דער פראָסט האַלט ביינאַכט העכער 44 גראַד,ביי-
טאָג—42 גראַד. אונזער לאַגע ווערט אַלץ ערגער און נישט בע-
סער. די נאַכט האָבן מיר גאָר נישט געקאָנט שלאָפן צוליב דעם
פראָסט. נאַנסען האָט היינט געמאַכט אַן אַסטראָנאָמישע מעסטונג.
ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר געפינען זיך 85 גראַד מיט 9 סע-
קונדן צפון-ברייט.
23-ער מערץ. נעכטן זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען בלויז 15 וויאָרסט.
דער פראָסט ווערט נישט קלענער. צוליב דער שמחה, וואָס מיר
געפינען זיך שוין ביים 85 גראַד, האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אַ
פאָן אויף אונזער קאַיאַק.

24-ער מערץ. מיר האָבן 45 גראַד פראָסט און אַ שטאַרקן ווינט, ס'איז זייער שווער צו גיין פאָרויס. מיר האָבן דערהרגעט אַ הינט, כדי צו שפייזן מיט אים זיינע חברים, וואָס האָבן נישט גע-מאַכט קיין לאַנגע שהיות און תיכּף זיך געכאַפּט פאַר דער גע-שמאַקער אַכילה פון פריש פלייש. דאָס וועטער איז שלעכט. דאָס איז אַ געדיכטער נעפּל און ס'בלאָזט אַ ווינט. ס'איז איינער פון די טרויעריגסטע זונטאָגן אין מיין לעבן! מיר זיינען אַזוי מיד, אַז מיר האַלטן זיך קוים אויף די פיס.

דעם 25-טן מערץ זיינען מיר געווען אונטער 20 °85 צפון-ברייט. דער פראָסט ווערט נישט קלענער. די אַרבעט ביי די וועג-הפסקות נעמט צו ביי אונז אַזוי פיל צייט, אַז מען זעט נישט, ווי דער טאָג לויפט אַוועק. צוליב דעם פראָסט, פאַרנעמט יעדע אַרבעט אַלץ מער צייט. אפילו דאָס קאָרמענען די הינט קאָסט אונז פיל מי: מיט די פאַרפראָרענע פינגער מוז מען אַרויסנע-מען פאַר זיי פעמיקאַן פון די זעק און אויסטיילן זיי.

דעם 27-טן מערץ האָבן מיר זיך ענדלאַך אָפּגעשטעלט. דעם מאָל זיינען מיר אין אונזער ביידל געשלאָפן ביז מיטאָגצייט און אין וועג האָבן מיר זיך געלאָזט ערשט אויף צומאָרגנס. דער וועג איז זייער אַ שווערער. מיר ליידן שרעקלאַך פון פראָסט און פון נישט-דערשלאָפן, ווי אויך פון די האַרט־געוואָרענע מלבושים, וועלכע שניידן אונז דעם לייב. אפילו אונזער שלאָף-זאַק איז געוואָרן אַ שטיק האַרט אייז. אָבער מיר מוזן גיין פאָרויס—צום צפון, און מיר גייען!

דעם 28-טן מערץ זיינען מיר פאַרביי-געגאַנגען דעם העכסטן אייז-באַרג, וואָס מיר האָבן חען געזען, דאָ האָט אונז פאַרהאַלטן אַ שטיק אָפענער ים און מיר האָבן געמוזט אים אַרומגיין. נאָכ-מיטאָגצייט האָט דער הימל זיך פאַרוואָלקנט, ס'איז וואַרימער מיט 5—6 גראַד. מיר האָבן געמיינט, ס'וועט זיין אַ שטורם און זיך געפרייט—אַלץ עפּיס דאָך אַן ענדערונג אינם איינטעניקן לעבן! קיין שטורם איז אָבער נישט געווען און אויף צומאָרגנס זיינען די וואָלקן פאַרשוואונדן געוואָרן, עס האָט זיך אויסגעליי-טערט, דער פראָסט האָט געהאַלטן 36 גראַד. נאַנסען האָט גע-

מאַכט אַן אַסטראָנאָמישע מעסטונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר געפינען זיך אונטער 15 85° צפון־ברייט. צי איז עס אַ פעלער אין דער מעסטונג, אָדער דער אייז האָט אונז אָפּגע־שלעפּט צוריק? נאַנסען האָט געמאַכט אַ נייע מעסטונג מיטן סעק־טאַנט (אַ מעטאַלענער פּערטלקרייז), ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר געפינען זיך אונטער 56 85° צפון-ברייט.

30-ער מערץ. דער פראָסט האַלט ביינאַכט 42 גראַד, בייטאָג— 36. דער באַראָמעטער האַלט אין איין פאַלן, דער הימל איז ווי מיט בליי פאַרצויגן, דער ווינט בלאָזט מיט אַ שנעלקייט פון 4 מעטער אין אַ סעקונדע. משמעות, ס'האַלט פאָרט ביי אַן ענדע־רונג. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין היינט נישט דירעקט צום צפון, נאָר אַ ביסל צו מערב. שלאָפן האָבן מיר געקאָנט גיין ערשט זעקס אַ זייגער אינדערפרי, ווייל אונזער קאָך־אַפּאַראַט איז קאַליע געוואָרן אויפן פראָסט און נאַנסען האָט געהאַט פיל צו טאָן מיט אים, איידער ער האָט אים צורעכט געמאַכט. לעצטנס האָבן מיר געהאַט זייער אַ שווערן טאָג, ווייל ס'איז אונז אויס־געקומען צו גיין אויף אַן אייז-פעלד פון שאַרפע שטיקער אייז, ערטערווייז נאָך אָנגעשפּאָלטן. אין איין אָזאַ שפּאַלט איז אַריינ־געפאַלן אַ שליטן מיט פראָוויאַנט צוזאַמען מיט די הינט. איינער פון אונז האָט געמוזט אַריינשפּרינגען אין שפּאַלט, וואָס האָט גע־האַלטן ביי אַ 10—15 פוס די טיף און אַרויסשלעפּן פון דאָרט די זעק מיטן פראָוויאַנט. דערנאָך האָט מען געדאַרפט אַרויסהויבן דעם שליטן און די הינט. אַ גליק, וואָס דער שליטן איז גאַנץ געבליבן.

31-ער מערץ. איך זיץ רוהיק אין זאַק און שרייב. אויף די הענט האָב איך וואַרימע הענטשקעס, דער בלייפן פאַרבאַהאַלט זיך כמעט אין זיי, אָבער דאָס שטערט מיר נישט איבערצוגעבן אויפן פּאַפּיר מיינע באַמערקונגען און באַאָבאַכטונגען. ביינאַכט זיינען מיר תחלת געגאַנגען זייער גוט פאָרויס. דערנאָך האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שפּאַלט, אָבער נישקשה, מיר זיינען אים אַריבער בשלום. מיר האָבן אָבער אָנגעטראָפן אַנדערע שפּאַלטן, ברייטערע און טיפערע. זיינען מיר נאַרוואָס אַריבער מיט איין

שליטן, איז דער שפּאַלט ממש אויף די אויגן ברייטער געוואָרן און די איבריקע שליטנס זיינען געבליבן אויף דער אַנדער זייט. שטייען מיר און קוקן, ווי דער אייז באַוועגט זיך. פּלוצלונג האָט דער אייז, אויף וועלכן איך בין געשטאַנען, זיך אָפּגעריסן און זיך אונטערגעטונקט און איך בין אַריינגעפאַלן אין וואַסער. צום גליק איז אָבער אונטן אין וואַסער געווען אַ צווייטער שטיק אייז, וועלכער האָט זיך אַ הויב געטאָן און אַזוי־אַרום בין איך בשלום אַרויס פון וואַסער און דוקא אויף יענער זייט, וואו עס זיינען געשטאַנען די איבריקע צוויי שליטנס. ס׳איז זייער אַ קנאַפּער תּענוג זיך צו באָדן אין ים ביי אַ פראָסט פון 40 גראַד! די קליידער אויף מיר זיינען, פאַרשטייט זיך, תּיכף פאַרפראָרן געוואָרן. טרוקן איז עס, אָבער באַקוועם—נישט... אַלזאָ נאַנסען שטייט אויף איין זייט ים, איך אויף דער אַנדער זייט, און דער ים צווישן אונז ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער... דער געדאַנק, אַז מיר מוזן בלייבן אַזוי צושיידט אַ גאַנצע נאַכט, איז נישט אַזוי אַנגענעם. דאָס ביידל און דער אַפּאַראַט צו קאָכן וועטשערע איז געווען ביי נאַנסענען. איך האָב אָנגעהויבן שפּרינגען און טאַנצן צווישן די הינט, כּדי כאָטש פיל וויניק צו דערוואַרימען זיך, און נאַנסען האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט, וואו מען זאָל קאָנען אַריבערגיין דעם ים צווישן אונזביידן. אונזערע קאַיאַקעס, אָדער שיפלאַך, האָבן מיר נישט געקאָנט אויסנוצן, ווייל אינם לאַנגן וועג האָבן זיי זיך אַדורכגעלעכערט אין עטלאַכע ערטער און ביז מען וועט זיי קאָנען געברויכן, מוז מען זיי ערשט פאַריכטן. נאַנסען האָט ענדלאַך געפונען אַ מין אייז־בריקל איבערן ים, אָבער מען האָט געמוזט גוט צוהאָרעווען עטלאַכע שעה, איידער מען האָט אַריבערגעפירט די שליטנס, ווייל ס׳איז אויסגעקומען צו גיין גאַנץ ווייט. די הויזן פון זעגל־לייוונט, וועלכע איך האָב געהאַט אויף זיך און וואָס דער ווינט האָט זיי שטענדיק דורכגעבלאָזן, זיינען נאָך מיין טבילה אין ים געפראָרן געוואָרן אַזוי האַרט, אַז זיי האָבן זיך געבראָכן, ווי גלאָז. ווען מיר האָבן זיך ענדלאַך געלעגט שלאָפן אין ביידל, האָב איך זיי אַנידערגעלעגט אונטער זיך, כּדי זיי זאָלן אָפּגיין און זיך

אַדורכטרוקענען, וועל איך זיי קאָנען צומאָרגנס פאַריכטן. וואָס פאַר אַ מין געניי דאָס איז געווען, קאָן זיך יעדערער פאָרשטעלן...

1-ער אַפּריל. נאַנסען האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט אָנגעצויגן אונזערע זייגערס, מיין זייגער איז שוין טאַקי געשטאַנען. צום גליק איז נאַנסענס זייגער נאָך געגאַנגען. די טעמפּעראַטור האָט זיך שאַרף געביטן. ס׳איז שוין נישט מער ווי 24 גראַד פראָסט אין איצט, אין אָוונט—22 גראַד. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם-ווינט פון דרום-מזרח. אָבער ער בלאָזט אונז אין רוקן. דער אייז איז ווידער שלעכט: שטיקערווייז שטאַרצט ער אַרויס, ערטערווייז איז ער געשפּאָלטן און הגם מיר שטריינגען זיך אָן מיט אַלע כחות קאָנען מיר דאָך נישט גיין פאָרויס. מיר אַרבעטן דעריבער טיילמאָל אַ גאַנצן מעת-לעת נאָכאַנאַנט. די זון איז שוין איצט די גאַנצע צייט אויפן הימל. היינט האָבן מיר געהאַט באַזונדערס פיל אַרבעט. פון טייל זעק האָבן מיר שוין אויפגעגעסן דעם פּראָוויאַנט, מען האָט דעריבער געדאַרפט איבערנייען די זעק און צוזאַמענלעגן. מיט אָפּגעפראָרענע פינגער איז דאָס אַן אַרבעט זייער אַ שווערע.

דינסטאָג, דעם 2 אַפּריל, האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג געשלאָפן. מיט-וואָך האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און מיר זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. איך בין צום אומגליק ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ שפּאַלט, אָבער דעם מאָל האָב איך שוין ווייניקער געליטן. נאַנסען איז אַריבער דעם שפּאַלט אויף זיינע פוסשליטעלאַך. איך האָב אָנגעהויבן אַריבערגיין מיט די שליטעלאַך, אָבער אָן פוסשליטעלאַך. פּלוצלונג האָט דער אייז זיך צו-בראָכן אונטער מיר און איך—באָץ אין וואַסער אַריין. צום גליק אָבער האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן די קאַיאַקעס, וואָס די הינט האָבן געשלעפּט. אָט אַזוי האָבן זיי מיך אַרויסגעשלעפּט. דער וועג איז היינט בעסער, אָבער מיר גייען פאָרויס זייער לאַנגזאַם. דער פראָסט האַלט היינט 31 מיט אַ האַלבן גראַד, דאָס וועטער איז שיין, ס׳איז ליכטיק, די לופט איז דורכזיכטיק, ס׳בלאָזט אַ מזרח-ווינט.

ד-ער אַפּריל, האַלב 5 פאַרנאַכט. ווי שווער עס זאָל אונז נישט זיין, פונדעסטוועגן האָבן מיר אַמאָל אויך העכסט גליקלאַכע מי- נוטן, די בעסטע פון זיי זיינען, ווען מיר לעגן זיך מיד אין שלאָף-זאַק אַריין און עסן די וואַרימע וועטשערע. דער שלאָף איז, פאַרשטייט זיך, נישט פון די אָנגענעמסטע אין די פאַר- פראָרענע מלבושים און דורכגענעצט ביז די ביינער. מען מוז אָבער אויסהאַלטן ביזן סוף. מיר געפינען זיך שוין אונטער 85°59 צפון-ברייט, דאָס הייסט, אַז מיר מוזן גיין קנאַפּע צוויי וויאָרסט, כדי צו זיין אונטער 86°—אַ וויאָרסט 400 פון פּאָל. מיר האָבן גערעכנט, אַז מיר וועלן מער אַדורכגיין, אָבער דער וועג איז אַ שרעקלאַך שווערער און, ווי עס שיינט, וועט ער זיין נאָך שווע- רער. לויט מיין מיינונג, וועלן מיר גאַנץ ווייט צום צפון נישט קאָנען גיין, ווי אַזוי מיר וועלן ביי אַזאַ וועג קאָנען זיך דער- שלאָגן צו דער אינזל פראַנץ יאָזעף, ווייס איך אסור נישט.

אויך נאַנסען איז אַריינגעפאַלן אין ספקות. צי זאָלן מיר גיין ווייטער? צי איז עס מעגלאַך? היינט זיינען מיר געגאַנגען צו צפון-מערב. מיט די הינט איז שרעקלאַך שווער אויסצוקומען. די שטריק, אָן וועלכע זיי זיינען געבונדן, פאַרפלאָנטערן זיי אַזוי, אַז דער טייוול וועט זיי אויך נישט קאָנען אָפדרייען. אונז אָבער קומט עס אויס צו טאָן מיט פאַרפראָרענע פינגער ביי אַ שטאַרקן פראָסט. אַ פריילאַך שטיקל אַרבעט, נישטאָ וואָס צו ריידן!

נאַנסען האָט זיך גענומען צו זיינע באַאָבאַכטונגען. מיר געפינען זיך שוין אונטער 86° גראַד מיט 2,8 מינוט צפון-ברייט און 18° מזרח-לענג. לכבוד דעם, וואָס מיר זיינען אַריבער דעם 86-טן גראַד, האָבן מיר זיך מחבר געווען מיט „לאַפּסקאַוס" און אַ גע- טראַנק פון געטריקנטע קעז.

שבת, דעם 6-טן אַפּריל האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער אַזאַ שלעכטן אייז, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. שאַרפע שפּיצן פון אייז, איינע נאָך די אַנדערע, בערגלאַך טיפער שניי, גרי- בער און שפּאַלטן, אויף יעדן שריט פאַלט מען. כאָטש ריר זיך

נישט פון אָרט! אויב עס זאָל אונז אויסקומען צו גיין צוריק אויף אַזאַ וועג, אַי—אַי וויפיל צייט מיר'ן ברויכן צו האָבן דערויף. נאַנסען זאָגט, אַז נאָך אַ טאָג וועלן מיר גיין, כדי צו זען, וואָס פאַר אַן אייז מיר'ל האָבן, דער פראָסט האַלט 24 גראַד. דאָס וועטער איז חושך, דער ווינט בלאָזט פון צפון-מזרח. פון פראָסט ליידן מיר שוין אַפילו ווייניקער, אָבער די פייכטקייט עסט זיך אונז איין אין די ביינער.

אָ, ווען מען וואָלט כאָטש געקאָנט אַדורכטריקענען די מלבושים! באַ, אַמאָל וועט מען דאָך דאָס מסתם פאָרט קאָנען טאָן ערגעץ, לאָמיר זשע ליידן געדולדיק?

אין דער נאַכט אויפן 7-טן אַפּריל זיינען מיר נישט פיל דורכ-געגאַנגען, און דאָ האָט נאַנסען דערקלערט, אַז ווייטער גייט ער נישט. דער וועג איז ווירקלאַך אַזאַ, אַז מען קאָן בשום אופן נישט גיין. נאַנסען האָט גוט באַטראַכט די אומגעגנט,—אומעטום אייז און אייז. מיר האָבן זיך אויסגעזוכט אַ באַקוועם אָרט און זיך איינגעאָרדנט אויסצורוען. דאָס איז געווען אַזאַ ווייטער צפון-פּונקט, וואָס קיין ילוד אשה האָט עס נאָך נישט דערגרייכט ביז אונז און אָט האָבן מיר דאָ געמאַכט אַ באַל און זיך מכבד געווען מיט לאַפּסקאַוס, שאָקאָלאַד, מאַרמעלאַד פון זויערע יאַג-דעס, און פאַרטרונקען האָבן מיר עס מיט אַ זופּ פון קעז-מעל. נאַנסען איז אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן אייז-באַרג מיט זיינע אינסטרומענטן און געמאָסטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זיינען אונטער 14 $86^0$ צפון-ברייט.

אָט אַזוי ווייט, הייסט עס, זיינען מיר פאַרקראָכן! אַי—אַי, ווי ס'ווילט זיך גיין ווייטער! מיר האָבן אָבער געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקאָנט. וואוהין מיר ווענדן דאָס אויג, ליגט אַזאַ מין אייז, וועלכן ס'איז אומעגלאַך אַדורכצוגיין. וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז גיין צוריק. איבער טיפן כוד פון אונזער ערד-קויל האָבן מיר נור עטוואָס אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג. עפּיס וואָס איז עס דאָך אויך ווערט!

# קאפיטל זיבצען.

מאָנטאָג דעם 8-טן אַפּריל האָבן מיר זיך געלאָזן גיין צוריק אין דער ריכטונג צו דער אינזל פראַנץ-יאָזעף. מערקווירדיק דער וועג אין דער נייער ריכטונג איז פון ערשטן טאָג שוין געווען אַ פיל בעסערער. דאָ איז געווען גאָר אַן אַנדער אייז, אַ גלאַטער און אַ באַקוועמער צום פאָרן מיטן שליטן. אַזוי האָבן מיר גאַנץ לאַנג געקאָנט גיין אויף אונזערע פּוסשליטעלאַך הינ-טער די שליטנס. פריער האָבן מיר גאָר נישט געקאָנט טראַכטן פון די פּוסשליטעלאַך און די שליטנס האָט מען געמוזט שלעפּן אויף זיך איבער די אייז-שפּיצן און שפּאַלטן. דער פראָסט אָבער הערט נישט אויף. נעכטן האָט ער געהאַלטן 36 גראַד, היינט 30.

10-טער אַפּריל. נעכטן זיינען מיר געגאַנגען זייער גוט בייטאָג ווי ביינאַכט. מיר גייען געשווינד; שלעכט איז נאָר, ווען מיר לאָזן זיך יעדעס מאָל אין וועג אַריין נאָכן אויסרוען. נעכטן אין אָוונט האָבן מיר נאָך אַ 10-שעהדיקן וועג אָנגעטראָפן וואַסער פאַרצויגן מיט אַ לייכטן אייז. דער ערשטער שליטן איז אַריבער בשלום, דער צווייטער האָט שוין אויך געהאַלטן ביים איבערגיין, אָבער פּלוצלונג איז איין הונט אַריינגעפאַלן אין וואַסער, דער אייז האָט זיך אַדורכגעבראָכן און דער שליטן האָט זיך אָנגע-הויבן אַריינצולאָזן אין וואַסער. מיר זיינען געגאַנגען אויף די פּוסשליטעלאַך, דעריבער זיינען מיר געשווינד צוגעקומען און אַרויסגעראַטעוועט די הינט מיטן שליטן, כאָטש דער אייז האָט

אויף יעדן שריט און טריט געפּלאַצט אונטער אונז. מיטן דריטן שליטן איז אָבער שוין געווען אומעגלאַך אַריבערצוגיין און מ׳האָט געמוזט גיין ווייט אַרום, ביז מ׳האָט אים אַריבערגעפירט. דער-פּאַר איז אָבער געווען אַן אמתער גן-עדן צו זיצן דערנאָך אין אונזער ביידל און דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַ הייסער זופּ פון פיש-מעל.

11-ער אַפּריל. אַזאַ פּראַקטיקע נאַכט האָבן מיר אין וועג נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. אין שלאָף-זאַק איז געווען וואַרים, און איין זייט פון ביידל, וואָס איז געווען געווענדט צו דער זון, האָט זיך גאָר באַפרייט פון אייז. איך זיץ און שרייב אָן הענטש-קעס און געפּין־איין, אַז אַזאַ שענער פרימאָרגן איז נאָך קיינ־מאָל נישט געווען. אויפן האַרצן איז ליכטיק. מיר שמועסן וועגן אונזערע לייט אין דערהיים און, ווען מיר זייגען הונגעריק (און הונגעריק זיינען מיר, זאָל נישט אויסגערעט זיין שטענדיק) פאַנ-טאַזירן מיר, ווי זאַט מיר וועלן זיך אָנעסן אין דערהיים. ביי-נאַכט האָבן מיר 28 גראַד פראָסט.

דעם 12-טן גייען מיר ווידער אויסגעצייכנט פאָרויס. דער אייז פאַר אונז איז גלאַט און באַקוועם; קיין שפּאַלטן באַגעגענען מיר נישט. אַ צרה נאָר—אונזערע זייגערס האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגע-שטעלט. מיר האָבן זיי באַלד אָנגעצויגן און נאַנסען האָט זיי אָנגעשטעלט לויט דער זון.

דעם 13-טן אַפּריל האָבן מיר שוין געהאַט ווייניקער הצלחה מיטן וועג, מיר האָבן באַגעגנט אַן אָפענעם אָרט אין אייז, וועלכע מיר האָבן שוין נישט געקאָנט אַריבערגיין. נאָך אַ לאַנגער אומזיסטער זוכעניש האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן דאָ רוהען. דאָ האָבן מיר גערעכנט צו פייערן פּאַסכאַ. דער אייז האָט זיך אָבער גע-נומען דרייען אַרום אונז, און ס׳איז געוואָרן אַ טראַסקעריי כאָטש פּאַרטויבט צו ווערן.

דעם ערשטן טאָג האָבן מיר צוגעבראַכט אויסגעצייכנט, זיצנדיג אין ביידל. נאַנסען האָט אויסגערעכנט, אַז מיר געפינען זיך אונ־טער 4 °86 צפון־ברייט און 86 מזרח-לענג. משמעות, אַז אין וועג צום דרום האָט דער אייז אונז אָפּגעטראָגן צוריק צום צפון,

פונקט ווי דאָס איז פאָרגעקומען פאַראיאָרן מיטן „פראַם".

דער 15-טער אַפּריל איז געווען אַ פּרעכטיקער. דער פראָסט האָט געהאַלטן 26 גראַד, אָבער די זון האָט געשמאַק געוואַרימט. פאַרן שלאָף האָבן מיר אויסגעהאָנגען אונזער גאַנצע בעל-הבתישקייט, צו טריקענען אויף דער זון. איינמאָל האָט נאַנסען זיך געכאַפּט, אַז ער האָט ערגיץ וואו געלאָזן ליגן זיין קאָמפּאַס, האָט ער זיך געלאָזן גיין זוכן אים און איך בין געבליבן לאַנג אַליין אינם אייז-מדבר. אַרום מיר איז געווען אַזוי שטיל, אַז ס'האָט מיך אָנגענומען אַן אימה. די גאַנצע וועלט אַרום איז ווי אָפּגעשטאָרבן, מען הערט נאָר דאָס סאַפּען פון די הינט. אויפן הימל—די זון, אויפן אייז—שניי, וואָס צוגיסט זיך אין טויזנטער קאָלירן, נישטאָ קיין שום ווינטעלע. כ'האָב געכאַפּט אַ דרעמל... פּלוצלונג האָט מיר עפּיס אָנגעהויבן בייסן אין נאָז. איך כאַפּ זיך אויף—ס'האָט אַ שנייד געטאָן אַ פּראָכטיקער דרום-ווינט. ניין, ס'איז נישט קיין זומער ביי 26 גראַד פראָסט! אויף די הינט זיינען געוואָרן אומ-רוהיק, די שטילקייט איז געשטערט געוואָרן, ס'האָט זיך דער-הערט אַ סקריפּ פון פוסשליטעלאַך אויפן אייז און באַלד האָט זיך באַוויזן נאַנסען. ער איז שטאַרק מיד געוואָרן פון שווערן גאַנג אויף דער זון.

דעם 16-טן האָבן מיר געהאַט אַ גליקלאַכן טאָג. מיר זיינען פרי אַרויס אין וועג און געגאַנגען גאַנצע 14 שעה; דער אייז איז געווען נישט שלעכט, פּראָוויאַנט האָבן מיר שוין געהאַט וויינ-קער, האָבן די הינט געהאַט לייכטער צו שלעפּן. אין די גרויסע פרעסט פלעגן מיר אַזוי לאַנג קיינמאָל נישט גיין, מען האָט זיך געמוזט אויסרוען. איצט איז עס לייכטער—אַ דאַנק דער זון! מיט דער אכילה האָבן מיר שוין איצט אָנגעהויבן קאַרגן און געווען טעג, ווען מיר האָבן צו-געהונגערט.

דעם 19-טן אַפּריל זיינען מיר געווען אונטער 37,8 °85 צפון-ברייט און 30 °79 מזרח-לענג. מיר האָבן אָנגעהויבן טויטן הינט, כדי צו שפּייזן די איבריקע הינט. ס'איז אַ העסלאַכע אַרבעט צו טויטן הינט, און נאָך ערגער איז צו שניידן זייער נאָך ווארים

פלייש און אויסטיילן עס צווישן זייערע חברים... די נויט צווינגט אונז אָבער דערצו און קיין אַנדער ברירה האָבן מיר נישט.

נעכטן האָבן מיר אויסגעקאָכט אונזער טייערן מאכל פון פיש-מעל. ווייזט זיך אַרויס, אַז די מעל איז געווען צוגענעצט פון פאַראַפין האָט עס געהאַט אַ טעם... אָבער מיר זיינען נישט קיין איבערקלייבער. אַ ברירה האָבן מיר דען!

21-ער אַפריל. דעם לעצטן מאָל זיינען מיר געגאַנגען כמעט 17 שעה כסדר. מיר גייען געשווינד פאָרויס, קריכן אַריבער די גרעס-טע שפאַלטן און איבער די שפּיציקסטע אייז-שטיקער. מיר האָבן פּלוצלונג דערזען אין דער וויטן אַרויסשטאַרצן עפּיס אַ זאַך. וואָס זאָל דאָס זיין? אפשר אַ זעגל?... ווען מיר זיינען צוגעקו-מען נאָנטער, האָבן מיר דערזען, אַז דאָס איז אַ צווייג פון אַ שווימענדן בוים, וועלכער איז דאָ איינגעפראָרן געוואָרן. משמעות, ער שטאַמט פון די געדיכטע, סיבירישע וועלדער און האָט זיך שוין מסתּם געגנוג אָנגעוואַנדערט אויפן ים, איידער ער איז פאַר-שלעפּט געוואָרן אַזוי וויט. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן אים נישט געקאָנט מיטנעמען, ער וואָלט אונז צונוצגעקומען אויף צו מאַכן פייער. איך האָב אויפן בוים אויסגעשניטן די ציפערן 30 °85.

פון האַלב צען אינדערפרי דעם 21-טן ביז האַלב צוויי ביי-טאָג דעם 22-טן זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען 35 וויאָרסט. אַזוי פיל זיינען מיר נאָך קיינמאָל נישט דורכגעגאַנגען פאַר איין מאָל. דער וועג איז געווען אויסגעצייכנט. ס'איז פשוט אַ פאַרגעניגן אַזוי צו גיין. מען גליטשט זיך הינטערן שליטל און מען פאַנ-טאַזירט וועגן דער היים און וועגן די גליקלאַכע מינוטן פון קו-מען אַהיים. פונם זונליכט ליידן מיר נאָך נישט, כאָטש מיר טראָגן נישט קיין געפאַרבטע גלעזער אויף די אויגן.

דעם 24-טן און 25-טן האָבן מיר שוין געהאַט ווייניקער הצלחה מיטן וועג. דער פראָסט האַלט ביי-טאָג 26, ביינאַכט 30 גראַד. מיר האָבן דערזען אויפן אייז שפּורן פון פּיקסן-טריט. וויאַזוי קומען אַהער פּיקסן? משמעות, מיר זיינען נישט וויט פון אַ לאַנד.

וואו געפינט דאָ אָבער אַ פוקס שפּייז פאַר זיך? לויט אונזערע חשבונות געפינען מיר זיך ביי אַ פּאָר הונדערט וויאָרסט ווייט פון מערב-ברעג פון דער אינזל פּעטערמאַן און עס פרעגט זיך, ווי ווייט ציט זיך איר מזרח-ברעג? מען מוז גוט באַאָבאַכטן, וואו געפינט זיך דאָ לאַנד.

דעם 26-טן זיינען מיר געווען אונטער 46 $84^{0}$ צפון-ברייט. דעם 28-טן זיינען מיר געגאַנגען ביז 10 אין אָוונט, אָבער דאָ האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער דרום-ווינט, דער הימל האָט זיך באַצויגן מיט וואָלקן, מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך גרייט געמאַכט צו אַ לענגערן אָפּרו, ווייל מיר האָבן געוואַרט, אַז מיר וועלן דאָ האָבן אַ שטורם. די שפּורן פון פיקס ווערן אַלץ אָפּטער.

29-ער אַפּהיל. קיין שטורם איז נישט געווען. דאָס וועטער איז געוואָרן שיין און פאַר אונז ליגט שוין ווידער אַ גוטער וועג. אויב נישט היינט איז מאָרגן, וועלן מיר געוויס דערזען לאַנד.

30-ער אַפּריל. אָ, דער מאַי איז נאָנט! צי וועט ער אָבער אונז פאַרלייכטערן דעם וועג? ווער ווייס! נעכטן האָבן מיר ווידער זיך באַגעגנט מיט ברייטע שפּאַלטן. ס'איז אויסגעקומען צו זוכן אַ וויייטן אומוועג. דאָס פאָדערט פיל צייט און מי. נאַנסען גייט אַלע ווײַלע אַוועק זוכן אַ וועג איבערן שפּאַלט. איך בלייב אַליין מיט די שליטנס און הינט. מען מוז אָבער האָבן געדולד. מיר האָבן ווידער געטויט אַ פּאָר הינט צו שפּייזן זייערע חברים. דער פראָסט האַלט 20 גראַד. אין ביידל איז אָבער גוט. ס'איז וואַרים. ביינאַכט שלאָפן מיר אויסגעצייכנט. די פאַנטאַזיע צע-שפּילט זיך ביי אונז אַלץ אָפּטער. וועגן וואָס פאַנטאַזירן מיר?... וועגן קומען צוריק צו היים!

## קאַפּיטל אַכצען.

דעם ערשטן מאַי האָבן מיר געמאַכט אַ גענעראַלן רו־טאָג, כּדי אויסצוזבעסערן אַלץ אין אונזערווירטשאַפט און פאַריכטן, וואָס איז געווען נויטיק. אגב האָבן מיר טאַקי געמוזט וואַרטן, ביז ס'וועלן זיך באַציען מיט אייז די אָפענע ערטער אין אייז. זיינען מיר זיך געזעסן רוהיק און געשניידערט. די הינט זיינען הונגריק ווי וועלף און ביינאַכט האָבן זיי אויפגעפרעסן מיינע זאָקן פון הירשן-פעץ, וואָס איך האָב אויפגעהאָנגען אויסטריקענען איבער נאַכט. דער ווינט האָט דערווייל געבלאָזן אַזוי, אז אויפן „פראַם" פלעגן מיר טאַנצן פאַר שמחה,—דאָס הייסט: ער האָט אונז געטראָגן צום צפון. ביי אונזער איצטיקן מצב איז עס אָבער גאָרנישט קיין שמחה. אויסער דעם האָט דער ווינט אויפגעבראָכן דעם אייז און גרעסער געמאַכט די אָפענע ערטער. זיצנדיק אויף איין אָרט, האָבן מיר געמוזט אויסהרגענען אַ היבש ביסל הינט, כדי צו שפייזן זייערע חברים.

דעם 5-טן מאַי זיינען מיר געגאַנגען פאָרויס פון האַלב צוויי ביז 6 אין אָוונט. דער אייז איז געווען גלאַט, די אָפענע ערטער האָט מען לייכט געקאָנט אַריבערגיין. ס'איז געווען אַ גליקלאַכער טאָג. מיר געפינען זיך איצט אונטער 34 $84^{0}$ צפון-ברייט און 17 $66^{0}$ מזרח-לענג. משמעות, דער אייז האָט אונז אָפּגעשלעפּט צום מערב. מיר האָבן 17 מיט אַ האַלבן גראַד פראָסט.

דעם 6-טן מאַי האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג 5 אַ זייגער אינדערפרי און זיינען געגאַנגען 26 שעה כסדר, ס'הייסט ביז 9

אינדערפרי דעם 7-טן. מיר האָבן געמוזט אויסנוצן די געלעגנ-הייט, ווייל דער וועג פאַר אונז איז געלעגן אַ גלאַטער און מען האָט געקאָנט לייכטער גיין.

מיר בייַנקען שוין שטאַרק נאָך יבשה. אונז איז שוין נמאס געוואָרן דאָס לעבן אויף די אונענדלאַכע אייז-פעלדער. שניי און אייז, ווייטער גאָרנישט, און דאָס שוין צוויי יאָר נאָכאַנאַנד! אָ, ווי גליקלאַך מיר וועלן זיין, ווען אונזער פוס וועט ענדלאַך אַרויפטרעטן אויפן באָדן פון נאָרוועגיען און מעגלאַך דוקא אין רעכטן מיטן זומער, ווען אַלץ וועט האַלטן אין בליען! פאַר אונז איז איצט נאָרוועגיען דאָס געבענטשטע דרום-לאַנד. איז עס נישט אַן איראָניע: דער צפון-עק פון אייראָפע, דאָס קאַלטע נאָרוועגיען, איז אונזער הייסע דרום-לאַנד!

דעם 8-טן מאַי האָבן מיר געמוזט זיך אָפּשטעלן פריער, ווי מיר האָבן גערעכנט, ווייל דער דרום-מזרח-ווינט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם-ווינט. דער פראָסט האַלט אָבער נאָר 12 גראַד און אָט דאַכט זיך אונז, אַז עס איז גאָר וואַרים אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע פרעסט. די פינגער זיינען ביי אונז אין וואונדן, מיר וואַרפן אָבער אַראָפּ די הענטשקעס און שטייען זיך מיט נאַקעטע הענט. ס'איז אַ לוקסוס, וואָס מיר האָבן זיך שוין לאַנג נישט פאַרגינט.

דעם 9-טן מאַי איז געווען אַ פאַרנעפלט, נישט זיכער וועטער. נאָך עטלאַכע שעה רו האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ פּרעכטיק גלאַט פעלד און געהאָפט, אַז דאָ וועלן מיר האָבן אַ גוטן וועג. דאָס וועטער איז אָבער געוואָרן שלעכט, ס'האָט אָנגעהויבן צו שנייען און מיר האָבן נישט געקאָנט זען, וואו דער וועג איז גוט און וואו שלעכט. צייטנווייז איז געוואָרן ליכטיקער, דאַן זיינען מיר געגאַנגען ווייטער, אָבער דערנאָך האָט מען געמוזט זיך אָפּשטעלן. לסוף האָבן מיר אויפגעשטעלט אונזער ביידל, אויפגעקאָכט וועטשערע און זיך געלעגט שלאָפן. די הינט האָבן דאָס מאָל גאָרנישט באַקומען. מיר געפינען זיך אונטער $84^\circ 3$ צפון-ברייט און $64^\circ 20$ מזרח-לענג. אונזער בענקשאַפט נאָך יבשה פאַרשטאַרקט זיך. וואו איז זי? עס אַהינגעקומען? פראָסט האָבן

מיר נור 10 גראַד; ווען מיר וואָלטן געהאַט יבשה, וואָלטן מיר געקאָנט לויפן באָרפוס און נאַקעט!

דעם 10-טן און 11-טן איז שווער געווען צו גיין פּאָרויס, ווייל דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און נאָר אין דרום-מערב האָט זיך געזען אַ ליכטיק פּאַסיקל הימל. פונדעסטוועגן האָבן מיר אויך אין אַזאַ וועטער דורכגעמאַכט אַ היבש שטיקל וועג. דער אייז האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער מראה, מעגלאַך דערפאַר, וואָס די יבשה איז נאָנט. דער וועג איז אָבער פיל ערגער, ווייל ער איז נישט גלייך. נאָך קיינמאָל האָבן מיר אויף אונזער מאַרש צוריק נישט געהאַט אַזאַ שווערן וועג. אמת, די שליטנס זיינען שוין איצט פיל לייכטער, ווייל אַ גרויסן טייל פּראָוויאַנט האָבן מיר שוין אויפגעגעסן; דערפאַר אָבער האָבן מיר שוין איצט ווייניקער הינט, ווייל אויך זיי האָט מען אויפגעגעסן. מיר פאַלן אַריין טיילמאָל אין שניי ביז דער ברוסט, בשעת מיר העלפן די הינט צו שלעפן זיי שליטנס. אונזערע פוסשליטעלאַך טויגן דאָ גאָר־נישט. פונדעסטוועגן זיינען מיר דעם לעצטן מאָל אַדורכגעגאַנ־גען אַ וויאָרסט 20, און דאָס איז דער עיקר.

דעם 14-טן מאַי, ווי אויך דעם פאָריגן טאָג האָבן מיר זיך נישט גערירט פון אָרט, ווייל דאָס וועטער איז געווען שלעכט: דער הימל איז פאַרוואָלקנט, ס'פאַלט אַ געדיכטער שניי און ס'בלאָזט אַ שאַרפער ווינט פון צפון-מערב. און אָט זיינען מיר געקומען צום שכל: משא האָבן מיר שוין ווייניקער, טאָ צו וואָס ברויכן מיר אַזויפיל שליטנס צו שלעפן מיט זיך? האָבן מיר דעריבער אַלץ איינגעפּאַקט אויף איין שליטן און זיך געלאָזט אין וועג. מיט אונז האָט פּאַסירט אַ טרויעריקע זאַך: ביינאַכט האָבן די הינט זיך אַריינגעכאַפּט אין קאַיאַק און אויפגעפרעסן אַ טייל פון אונזער פעמיקאַן. קיין עולה אַפילו איז דאָס נישט, ווייל זיי זיינען געווען טויט-הונגעריק. וואָס אָבער וועלן מיר טאָן, ווען ס'וועט אונז פאַרפעלן, וואָס צו אַכלען?... מען מוז געשווינדער גיין ווייטער! פונם צובראָכענעם שליטן האָבן מיר דערווייל זיך געמאַכט אַ פייער און געקאָכט אויף אים מיטאָג, ווי אויך זיך געוואַרימט. אַזאַ לוקסוס האָבן מיר שוין זייער לאַנג נישט געהאַט.

דעם 16-טן איז שוין געווען אַ שיין וועטער און מיר זיינען פּליי־סיג געגאַנגען פאָרויס. די זון האָט אַזוי שטאַרק געשיינט, אַז מיר האָבן געמוזט אָנטון שפּאַקולן. מיר האַלטן שוין ביי 36 °83 צפון-ברייט און 55 °59 מזרח-לענג, ס'הייסט אַלזאָ, אַז מיר גייען פאָרט צום דרום. דאָס, וואָס מיר זעען נאָך אַלץ נישט קיין יבשה וואונדערט אונז שרעקלאַך. די עסטרייכישע עקספּעדיציע האָט דאָ געזען יבשה, און מיר דאַרפן זיין ווייט פון איר העכסטנס אַ וויאָרסט 60. פאַרוואָס-זשע זעען מיר זי נאָך נישט? פאַרוואָס זעען מיר אַפילו נישט קיין שפּורן פון איר, ווי למשל, טריט פון פוקסן, פון בערן א. אַ. וו.? מעגלאַך, אַז דער שניי-שטורם האָט זיי פאַרשאָטן, מיט דער צייט וועט עס מסתם קלאָר ווערן.

נעכטן בין איך אַלט געוואָרן 28 יאָר און מיר האָבן געמאַכט אַ באַל; צוגעגרייט זיך אַן אמתע פאָרציע „לאַפּסקאַוס" מיט שטיקלאַך ברויט און פּוטער אַלס צובייסן. נאָכסען האָט מיר אין אַ רעדע געוואונשן—גליקלאַכע סיורפּריזן און פריילאַכע שעהן.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפענעם אָרט אין אייז, וועלכער האָט זיך געצויגן זייער ווייט און האָט אונז פאָרשטעלט דעם וועג. מיר האָבן תחלת זיך געלאָזט גיין לענגויס, אָבער באַלד האָבן מיר איינגעזען, אַז ער ציט זיך גאָר אָן אַ סוף. אַפילו מיט אַ שפּאָקטיוו האָבן מיר נישט געזען זיין סוף. אָבער גייענדיק וויטער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ צווייטן אָפענעם אָרט און דוקא דאָ האָט זיך אונז פאָרגעשטעלט די מעגלאַכקייט אַריבער צו גיין אויף דער אַנדער זייט, ווייל גרויסע שטיקער אייז זיינען דאָ געלעגן איינע אויף די אַנדערע אַזוי ווי אַ בריק. צו אונזער גרויסער פרייד איז אונז געלונגען אַריבערצוקומען אויף דעם צווייטן ברעג. לויט דער באַוועגונג פון אייז, האָבן מיר איינגעזען, אַז ס'טראָגט אונז צום מערב.

דעם 17-טן מאַי, אינ'ם טאָג פון נאָרוועגיענס באַפרייונג, האָבן מיר פאַרבראַכט גאָרנישט יום-טובדיק, כאָטש מיר האָבן אָרויס־

געשטעלט פאַנעס אויף אונזערע קאַיאַקן.
נאַנסען האָט פּלוצלונג דערהערט דאָס סאָפּען פון אַ וואַלפיש אין אַ גרויסן אייז־שפּאַלט, וואָס מיר האָבן געהאַט אַריבערצוגיין. מיר האָבן באַלד באַמערקט, ווי ער איז אַרויסגעשווימען אויפן וואַסער, אָבער ער איז תיכף ווידער פאַרשוואונדן מיר האָבן זיך הענדום-פּענדום געכאַפּט פאַר דער ביקס און דעם וואָרף־שפּיז. אַקאַטאָוועס אַזוי פיל שפּייז מיט אַמאָל! באַלד אָבער האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דער וואָלפיש וועט זיך שוין מער נישט באַווייזן. אונזער שמחה איז געווען אומזיסט. מיר גייען ווייטער, נישט קוקנדיק אויפן שטורם. ענדלאַך איז געוואָרן ליכטיקער. מאַרש געשווינד אין וועג!—אָט אַזוי האָבן מיר עס געפּייערט דעם 17-טן מאַי אַ מעת-לעת נאָכאַנאַנד.
דעם 20-טן האָבן מיר ווידער אַ שטורם, אָבער מיט אַ טאָג פריער איז דאָס וועטער געווען גוט און מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען אַ וויאָרסט 20. מיר האָבן געזען פיל אייז-בערג, אָבער פון יבשה— קיין זכר נישט. משמעות, מיר וועלן נאָך לאַנג דאַרפן וואַרטן אויף איר.
אַ פאַרגעניגן איז אָבער צו ליגן רוהיק אין ביידל. ס'ווערט עפּיס העלער אין מח, באַזונדערס נאָכדעם שווערן וועג, ווען דער מח הערט גאָר אויף צו טראַכטן פון גרויס מידיקייט. לעצטן האָבן מיר אין פיל ערטער געזען שפּורן פון בערישע טריט. די יבשה איז געוויס נאָנט!
דעם 21-טן איז דאָס וועטער שלעכט, אָבער מיר גייען ווייטער כאָטש זייער לאַנגזאַם. נאָך מיטאָג האָט זיך אויסגעלייטערט, דער וועג איז געוואָרן גלאַטער און אונז איז לייכטער געוואָרן צו גיין. נאַנסען האָט אויפגעהויבן זעגלען אויף זיין שליטן; דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און זיי אַוועקגעטראָגן אַזוי שנעל, אַז די הינט האָבן אים נישט געקאָנט דעריאָגן. מיר זיינען ווידער אַריבערגעגאַנגען אַן אייזשפּאַלט און געפינען זיך אונטער 83° צפון-בבייט. וואו איז אָבער פאָרט יבשה?

# צווייטער טייל.

# ניינצענט קאַפּיטל.

דעם 23-טן מאַי איז אונז אויסגעפאַלן זייער שווער: עפּטער האָבן מיר באַגעגנט אָפענע ערטער אין אייז; ס'זען זיך אַרויס די בלוי-שוואַרצע וואַסערן פון ים און מען קאָן זיי נישט אַריבערגיין.

נאַנסען האָט זיך געלאָזט גיין זען, אפשר וועט מען ערגעץ-וואו געפינען אַ וועג. דריי שעה צייט האָב איך אויף אים געוואַרט און האָב מיך דערווייל געטענטלט מיט אונזער בײדל. דער פראָכט האַלט סך הכל צוועלף גראַד און ממילא איז לייכט צו נייען. נאַנסען איז ענדלאַך צוריקגעקומען און האָט ערקלערט, אַז דער אָפענער אָרט ציט זיך זייער ווייט; אין איין אָרט שפּאַלט ער זיך אויף צווייען, און אָט דאָ וועט מען אפשר קאָנען אים אַרי-בערגיין. דערדאָזיקער אָרט איז געלעגן צו מזרח און אָט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אַהין. לסוף האָבן מיר אָבער געמוזט אַרי-בערגיין אפשר צוואַנציק אָפענע ערטער און מיר זיינען געבליבן גאָר אָן כחות. ביי די אַריבערגאַנגן האָט דער אייז זיך געבראָכן אונטער אונז און מיר זיינען שיר נישט אַריינגעפאַלן אין ים. פערצען שעה לאַנג האָבן מיר אַזוי געהאָרעוועט און זיך געפּיי-ניקט, ביז מיר האָבן ענדלאַך זיך דערשלאָגן צו אַ גלאַטן אייז-פעלד. דאָרט האָבן מיר אַ געוויסע צייט געקאָנט גיין רויק און געשווינט; דערנאָך האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אָפענע ערטער און דאָס וועטער איז עפּיס אויך געוואָרן חרובדיק. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן זיך אויסצורוען. די מעסטונגען האָבן אונז דערוויזן, אַז מיר געפינען זיך אונטער $28^{0}52$ צפון-ברייט. מיר גייען אַלזאָ צו דרום. וואו איז אָבער די יבשה—אָט איז אַ פראַגע!

אויף צומאָרגנס זיינען מיר אָפּגעגאַנגען אַ וויאָרסט צוואַנציק און די מעסטונגען האָבן אונז דערוויזן, אַז מיר געפינען זיך ז 61°21 מזרח-לייַנג. מיר האָבן אָבער געמיינט, אַז מיר זיינען נענטער צו מערב און אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך געשראָקן, אַז מיר וועלן אויסמיידן דעם שפּיץ-לאַנד פֿויגל. איצט וועלן מיר גיין גלייך צו דרום.

דעם 27-טן מאַי זיינען מיר שוין געווען אונטער 82°29 צפון-ברייט. איצט זיינען מיר שוין זיכער, אַז מיר האָבן פאַרזען די יבשה און זי מוז שוין זיין געוויס הינטער אונז. איין זאַך האָט אָבער צוגעצויגן אונזער אויפמערקזאַמקייט: מיר האָבן אין ערגיץ נישט באַגעגנט קיין אייז פון זיס-וואַסער, הייסט עס דאָך, אַז מיר האָבן טאַקי דאָ נישט קיין יבשה.

31-טער מאַי. דיזעלבע באַמיונגען, דיזעלבע אַרבעט און דערזעלבער אייז מיט אָפענע ערטער און קיין שפור פון יבשה. און דאָס ציט זיך שוין אַזוי צוויי יאָר. מיר פאַרלירן צייטנווייז די געדולד און דאָס איז דער ערגסטער סימן. די יבשה מוז זיך אָבער ווייזן אינגיכן, ווייל אָט בלייבן מיר באַלד אָן הינט און דאַן וועט אונזער לאַגע ווערן פיל שווערער. מיר הרגענען אויס די הינט איינעם נאָכן אַנדערן, מען קאָן דאָך נישט לאָזן זיי הונגערן אייביק... אין איין אָרט האָבן מיר דערזען שפורן פון דריי בערן אין אייז פון זיס-וואַסער. אפשר איז פאָרט די יבשה נאָענט!

דעם 1-טן יוני זיינען מיר אַריבערגעשוואומען אַן אָפענעם אָרט, שטייענדיק אויף אַן אייזבאַרג, ווי אויף אַ פּראָם. ער האָט זיך שיר נישט איבערגעקערט אונטער אונז, אָבער באַלד, ווי מיר זיינען נאָר אַראָפּגעשפּרונגען פון אים, איז ער זיך צופאַלן אויף שטיקער. אין איין אָרט זיינען מיר געבליבן שטיין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורכן אָפענעם ים. אין אַזאַ לאַגע האָבן מיר געמוזט בלייבן גאַנצע זיבן טעג, אין וועלכע מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט שניידעריי. מיר האָבן אָבער אויך פאַרריכט אונזערע קאַיאַקן, ווייל מיר האָבן שוין איינגעזען, אַז ס'איז נאָענט די צייט, ווען מיר'ן אָן שיפלאַך נישט אויסקומען.

בינו לבינו האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַר אונז אַ שווערע צייט. אונזער פּראָוויאַנט האַלט ביים ענדיקן זיך. ס׳פאַרפעלט שוין אויך פאַראַפין צו הייצן אונזער קאָך-אַפּאַראַט. הינט האָבן מיר שוין ווייניק און די שליטנס זיינען נאָך אַלץ שווער. דער וועג ווערט אַלץ שווערער און קיין יבשה זעט מען נישט. געדולד האָבן מיר, אמת, גענוג, אָבער יעדע זאַך האָט דאָך אַ שיעור. דעם 11-טן יוני האָבן מיר געגעסן אַ ביסל אַלעאוראָן-מעל מיט פּוטער און שאָקאָלאַד, דאַן האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער שניי אַרום אונז איז אַזוי ווייך, אַז יעדע מינוט פאַלט מען אַריין אין אים. מיר גייען, זינקענדיק אין שניי, מיר שפּרייזן איבער אָפענע ערטער און מיר ווייסן לגמרי נישט, וואו מיר געפינען זיך. צו געפינען אַ יבשה האָבן מיר שוין לאַנג פאַרלאָרן די האָפנונג. מיר וואָלטן נאָר געוואָלט קומען צום אָפענעם ים. צו אים איז אָבער ווייט און וויאַזוי וועלן מיר מיטן ים קומען צו דער אינזל שפּיצבערגען, ווייסן מיר לגמרי נישט. מיט דער אכילה האָבן מיר איין האָפנונג אויף אונזער ביקס. נעכטן האָט נאַנסען פלוצלונג אַ זאָג געטאָן: „אָ, ווי גוט וועט עס זיין, אַז מיר וועלן ענדלאַך זיך קאָנען זאָגן: אַ סוף, אַן עק, מער קאָנען מיר גאָרנישט מאַכן!“—נעכטן זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען צוואַנציק ווי״אָרסט. צו מיטאָג האָבן מיר אויפגעגעסן אַ פערטל פונט פעמיקאַן און אַ פערטל פונט ברויט. פון הינטער די וואָלקנס האָט אַ שיין געטאָן די זון. טייל וואָלקנס זיינען געווען כמעט שוואַרץ, אַנדערע—אויפן עק הימל—העל-ליכטיקע. דאָס ים-וואַסער אין די אָפענע ערטער איז שוואַרץ ווי טינט און דער עק הימל אין דרום איז געל-רויטלאַך. די שוואַרצע וואָלקנס האָבן אָפּט פאַרשטעלט די זון. דאָס איז געווען אַ העכסט שיין בילד, און מיר האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן.

נאַנסען האָט געכאַפּט אין וואַסער עפּיס אַ פישל. נו, אויב אין וואַסער איז פאַראַן פיש, איז אונזער לאַגע נאָך נישט גאָר געפערלאַך. טיילמאָל קומט אונז אויס צו בויען אַ בריק פון אייז, דאַן שפּרינגען מיר פון איין אייזבאַרג אויפן צווייטן, ווי עכטע שטריק-טענצער.

15-טער יוני. מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין
שלעכטן וועטער. די זון האָט זיך קוים-קוים באַוויזן. די
צייט איז זי בכלל אַ זעלטענער גאַסט ביי אונז. מיר ג
זיך אונטער 82°23 צפון-בּרייט און 57° מזרח-לייג. אַלזאָ,
אונז אָפּגעטראָגן צו מערב אויף פיר גראַד. ווער ווייס, :
עס גוט, צי שלעכט! מעגלאַך, אַז די יבשה ליגט צו מז
און אויב אַזוי איז פאַר אונז זייער ווייניק האָפנונג צו ג
דאָ יבשה. קיין לעבעדיקע חיה האָבן מיר ביז איצט נאָך
געכאַפּט. אויב דאָס זאָל גיין אַזוי ווייטער, איז זייער ?
אויב אָבער די יבשה ליגט צו מערב, זיינען מיר פון איו
ווייט, און דאָרט וועט זיך שוין געפינען עפּיס צום עסן.
אָבער זיין זייער שלעכט, ווען דער אייז וועט אונז אָ
צוריק צו צפון. אונזער איינציקע האָפנונג איז איצט—קומע
אָפּענעם ים. דאָרט וועלן מיר לאָזן שטיין אונזערע שליטנ
זיך לאָזן מיטן וואַסער אין אונזערע קאַיאַקעס. די טעמפּע
האַלט ביי נול. ס'הייסט: קיין פרעסט איז נישטאָ, אָבעו
וואַרימקייט אויך נישט. איך האָב דערהרגעט אַ הונט צו
די איבּריקע הינט און נאַנסען האָט פאַרנוצט אַ ביסל ד
בּלוט אין אונזער מיטאָג אַריין. איך וועל נישט זאָגן קיין
אַז דאָס איז געווען געשמאַק; אָבער מיר האָבן עס אַראָפּגע
גען. און דאָס איז דאָך דער עיקר...
דעם 20-טן האָבן מיר אין אַן אייזשפּאַלט דערזען אַ פאָקן,
עס איז אונז נישט געלונגען צו כאַפּן אים. מיר האָבן זַ
געלאָזן די נעץ צו כאַפּן פישעלאַך, אָבער אויך דאָ האָבן
קיין הצלחה נישט געהאַט. שפּייזן מיר זיך מיט קלענערע
ציעס. די לעצטע דריטהאַלבן מעת-לעת האָבן מיר געגעסן
איין מאָל, אי דאָס על פּי סבּה: מיר האָבן דערשאָסן
פויגלאַך און אָפּגעפּראַוועט אַ סעודה, פאַרבּיסן האָבן מיר
אַ האַלב פערטלפונט ברויט און אַ האַלב פערטלפונט פעמיקאַ

22-טער יוני. אומזיסט האָבן מיר געזוכט עפּיס צו דערשיסן
זיך ענדלאַך געלאָזן אין וועג אריין מיט ליידיקע מאָגנס. ז

וועג האָבן מיר באַגעגנט אַן אָפּענעם אָרט אין אייַז, וואָס איז געווען ברייט. מיר האָבן צוזאַמענגעבונדן אונזערע קאַיאַקן, אַרויפגעשטעלט אויף זיי די שליטנס און געלאָזן זיך שווימען, ווי אויף אַ פּראָם. אויפן וועג האָבן די קאַיאַקן זיך אָנגעהויבן אָנפילן מיט וואַסער. מיר האָבן עס אָבער אויסגעשעפּט. פּלוצלונג האָט אונז עפּיס אַ קאַפּ געטאָן אונטערן וואַסער. אַי-אַי, אַ פּאָקן. איך כאַפּ געשווינט דעם ביקס. דער פּאָקן פאַרשווינדט אין וואַסער. מיר שווימען ווייטער, אָט זיינען מיר שוין ביים צווייטן ברעג פון אייז, — ווידער דער פּאָקן. איך שיס. באַך! און טרעף אים גלייך אין קאָפּ! דער ים אַרום ווערט רויט פון בלוט, נאָנסען כאַפּט זיך אַרויף אויפן אייז און מיט איין האַנט האַלט ער צו דעם פּאָקע, איך אָבער האַלט זיך אויף מיין פּראָם, וועלכער זינקט, אין ים... נאַנסען קאָן זיך נישט באַשליסן צו גיין מיר צו הילף, ווייל דער פּאָקע קאָן אים אַנטרונען ווערן... וואָס טוט מען? אָבער דאָ באַמערקט נאַנסען, אַז דער פּאָקע זינקט נישט אין וואַסער, נאָר ער האַלט זיך פון אויבן. לאָזט ער איבער דעם פּאָקן און גייט מיר צו-הילף — אין דער רעכטער צייט! אַ ווייל שפּעטער וואָלט נישט געווען, וועמען צו ראַטעווען... ווען מיר זיינען ענדלאַך ביידע אַרויף אויפן אייז, האָבן מיר זיך געכאַפּט פאַר אונזער טייערן רויב — פאַרן פּאָקן. אַרויסצושלעפּן אים אויפן אייז איז געווען גאָרנישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט. פּלוצלונג האָט נאַנסען באַמערקט, אַז זיין קאַיאַק שווימט אַוועק צוזאַמען מיטן קאָך-אַפּאַראַט. מען האָט ווידער געמוזט לאָזן ליגן דעם פּאָקן און ראַטעווען דאָס שיפל מיטן אַפּאַראַט. ענדלאַך, ענדלאַך האָבן מיר אונזער פּאָקן אויפן ברעג און מיר רוען זיך אויס...

איצט זיינען מיר שוין זיכער אויף עטלאַכע טעג מיט דער אכילה און דערצו האָבן מיר נאָך אויך פיל פעטס אַלס באַהייצונגס-מאַטעריאַל פאַר אונזער קאָך-אַפּאַראַט. מיר קאָנען שוין רויק וואַרטן אויף בעסערע צייטן. אָבער אָט דערמאָנען מיר זיך, אַז אין די קאַיאַקן, וועלכע זיינען פול מיט וואַסער ליגן אונזערע זאַפּאַלקעס, ביקסן, קוילן און פּולווער. צי איז דאָס אַלץ

אָקאָרשט נישט פֿאַרנעצט געוואָרן? צום גליק האָט זיך אַרויסגע-ווייזן, אַז מיר האָבן זיך אומזיסט געשראָקן, ווייל אָט די אַלע זאַכן זיינען געלעגן אין הערמעטיש פֿערשפּאַרטע בלעכענע קעסטלאַך.

נאָנסען האָט צושניטן דעם פּאָקן אויף שטיקער און געזאַמלט דאָס בלוט, וואָס איז נאָך געבליבן אין אים. איך האָב דער-ווייל צורעכט געמאַכט אונזער ביידל. מיר האָבן אָנגעלייגט אַ קעסעלע מיט פריש פעט פלייש און צוגעשטעלט עס צום קאָכן. מיר האָבן שוין אַ מעת-לעת גאָרנישט געהאַט אין מויל. איצט האָבן מיר זיך אָנגעגעסן צו-זאַט.

מיט דער אכילה זיינען מיר שוין באַזאָרגט אויף אַ לייגערע צייט. אַ גאַנצן חודש עסן בלויז פּאָקן-פלייש איז אפילו נישט קיין פֿאַרגעניגן, ס׳מוז זיך צו-עסן, אָבער דאָס איז שוין אַ קליי-ניקייט. דער עיקר איז נישט צו הונגערן. אונזערע הינט האָבן מיר נעכטן אַוועקגעגעבן די אינגעווייד פון פּאָקן. זיי האָבן עס דורשטיק אויפגעגעסן, אָבער דערנאָך אויסגעבראָכן. אין דער לופטן דרייען זיך איבער אונזער אוצר פונם פּאָקן-פלייש פֿאַר-שידענע פויגלאַך. מיר וועלן אָבער נישט שיסן אין זיי. מיר האָבן אָן זיי אויך גענוג פלייש, און טאַקי בעסערס פֿאַר זייערס!

## קאַפּיטל צוואַנציק.

אַ גאַנצן חודש האָבן מיר זיך אויסגערוט אויפן אָרט וואו – מיר האָבן געכאַפּט דעם פּאָקן. מיר האָבן געוואַרט, אַז דער שניי זאָל צושמעלצן, און מיר זאָלן קאָנען גיין ווייטער צום אומבאַוואוסטן לאַנד. די גאַנצע צייט האָבן מיר זיך געשפּייזט מיט פּאָקן-פלייש, וואָס מיר האָבן געקאָכט אָדער געבראָטן אויפן פייער פון פּאָקן-פעטס. נאַנסען האָט געלעבט אַ לײנגערע צייט אין גרענלאַנד צווישן די עסקימאָסן, איז ער קלאָר געווען אין אַלע זייערע אכילות און געוואוסט, וויאַזוי מען גרייט זיי צו. איצט איז אונז זיין געניטקייט צונוץ געקומען. מיר געפינען זיך אונטער 82°4 צפון-ברייט און 57°48 מזרח-לײנג.

דעם 25-טן האָב איך געשלאָפן אין איין העמד באָרפוסערהייט, אַזוי וואַרים איז עס געווען. אַזאַ מילד וועטער האָבן מיר נאָך אויף אונזער רייזע קיינמאָל נישט געהאַט. פּלוצלונג האָט מיך נאַנסען אויפגעוועקט: „שטיי-אויף! מיר וועלן ווידער האָבן פּאָקן-בראָטן. כ׳האָב דערשאָסן אַ קליינעם פּאָקן!”–אַ שמחה, אַ גדולה... מיר גייען ווייטער, ס׳בלאָזט אַ גינסטיקער ווינט, וועלכער וועט אונז אפשר דערטראָגן צו אַ יבשה. די טעמפּעראַטור איז נול. ס׳גייט אָן אויפהער אַ פייכטער שניי, אָדער אַ האָגל. בײנאַכט איז זייער פייכט צו שלאָפן. מיר עסן איצט צוויי מאָל אַ טאָג בראָטן פון פרישן פלייש און סוף. אָט דאָס הייסט אַ לעבן!

דעם 5-טן יולי איז דאָס וועטער געווען זייער שלעכט. מיר ליגן אין בײדל און פאַנטאַזירן, פאַרשטייט זיך, וועגן יבשה. פעמיקאַן איז ביי אונז געבליבן סך הכל צוויי און צוואַנציק פונט, פיש-מעל

זיבעצען מיט אַ האַלבן פונט. דעם 6-טן איז דאָס וועטער גע־
ווען גוט נאָר ס'האָט גערעגנט—הלואי וואָס מער, אפשר וועט
דער שניי שוין אַמאָל פאַרשווינדן! מיר זיצן און קאָכן מיטאָג,
פלוצלונג—אַ שרעקלאַכע בילערײ פון די הינט. מיר שפּרינגען
אַרויס פון בײדל—אַ גרויסער בער! נאַנסען האָט באַלד אויסגע־
שאָסן, דער בער האָט זיך פאַרגאָסן מיט בלוט און געלאָזט זיך
אַנטלויפן. האָבן מיר זיך געלאָזט נאָך אים. באַלד האָבן מיר
דערזען נאָך צוויי קליינע בערן; אָבער זײ זײנען אויך תיכף
אַנטלאָפן. מיר שיסן און לויפן נאָך זײ. איין בערל ליגט שוין
טויט. שיסן מיר ווידער און אַזויאַרום האָבן מיר אַוועקגעלייגט
די גרויסע בעריכע מיט דעם קלייניטשקן.
איצט האָבן מיר שוין אַ באַרג פלייש און דערצו דריי בערישע
פעלן צוצודעקן זיך אין שלאָף. מיר האָבן געשמאַק זיך אָנגע־
געסן און געלייגט זיך שלאָפן. אַזאַ זיסן און האַרטן שלאָף האָבן
מיר שוין לאַנג נישט געהאַט.
די הינט שפּייזן מיר איצט מיט פלייש און זײ עסן מיט חשק.
מיר מאַכן אָפּט באַאָבאַכטונגען. מיר האָבן באַמערקט, אַז אויפן
עק-הימל האַלט זיך תמיד אַ לאַנגער וואָלקנפּאַס. מיר האָבן דע־
ריבער גערעכנט, אַז ער האַלט זיך איבער יבשה. שפּעטער
אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס גופא איז געווען יבשה,
באַדעקט מיט שניי און אײַז.
איינמאָל האָב איך געוואָלט אויספּרובירן אונזער קאַיאַק און אַראָפּ־
געלאָזן אים אויפן וואַסער. דערביי האָב איך געפונען אין וואַ־
סער אַ טויט פישל, ענלאַך צו אַ הערינג. וואָס פאַר אַ פיש דאָס
איז געווען האָבן מיר נישט געוווּסט.
דער וועג ווערט אַלץ בעסער. אינגיכן וועלן מיר קאָנען זיך
לאָזן ווייטער אין וועג אַריין. מיר האָבן שוין איצט אַרויסגע־
וואָרפן פון אונזער באַגאַזש אַלץ, וואָס איז נישט באַזונדערס
נויטיק, און גוט אויסגעבעסערט די קאַיאַקן און אַזוי זײנען מיר
אַרויסגעטראָטן אין וועג אַריין דעם 22-טן יולי. מיר האָבן זיך
גאָרנישט געריכט, אַז אונז וועט איצט זײן פיל לײכטער צו גיין,
ווי פריער. אפשר דערפאַר, וואָס מיר זײנען געווען זאַט און

אויסגערוט. דעם 24-טן האָבן מיר ענדלאַך געמאַכט אַ גרויסע ענ-
דעקונג: מיר האָבן דערזען יבשה! געגן יעדער דערוואַרטונג
איז זי געלעגן גאָרנישט ווייט פון אונז. מיר האָבן זי פריער
נישט באַמערקט, ווייל מ׳האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט אונ-
טערשיידן פונם אייז: דערזעלביקער אייז-מדבר באַדעקט מיט
שניי... אין שפּאָקטיוו האָבן מיר אָבער אונטערגעשיידט אַ ריי
פעלזן און בערגלאַך.
איצט האָבן מיר שוין אַ האָפנונג פּטור צו ווערן אַמאָל פון די
אייז-בערג מיט די שפּאַלטן צווישן זיי. אפשר וועט עס אונז גע-
לונגען מיט דער יבשה צו קומען צו דער אינזל שפּיצבערגען
און פון דאָרט אַהיים! אין אונזער עקספּעדיציע הויבט זיך אָן
אַ נייַ קאַפּיטל. וואָס פאַר אַ לאַנד מיר זעען, ווייסן מיר אָבער
נישט. לכבוד אונזער גרויסער אַנטדעקונג האָבן מיר זיך מכבד
געווען מיט לאַפּסקאַוס.
זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, האָבן מיר געהאָפט, אַז אויף
צומאָרגנס וועלן מיר שוין זיין אויף דער יבשה. אָבער ניין,
צוויי וואָכן לאַנג איז אונז אויסגעקומען צו פּייניקן זיך איידער
מיר האָבן זיך אַהין דערשלאָגן!
די סבה דערפון איז געווען דאָס, וואָס ראשית, איז די יבשה
געלעגן פיל ווייטער פון אונז, ווי מיר האָבן גערעכנט, און
שנית, איז דער גאַנג צו איר געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז אפילו
אָן משא, וואָלט געווען שווער אַדורכצושלאָגן זיך, בפרט נאָך
מיט אונזערע משאות און די מאַסן פלייש. אויפן וועג האָבן זיך
געטראָפן ברייטע אָפענע ערטער אין ים, אויף וועלכע עס זיינען
אַרומגעשוואומען שטיקער אייז; אָבער אָט די שטיקער זיינען
געווען צו קליין, צו קאָנען אויפהאַלטן אויף זיך צוויי פערזאָן
מיט שליטעלאַך, מיט קאַיאַקן, מיט פלייש און מיט אַנדערע זאַכן;
די זיינען אָבער געווען גענוג גרויס צו שטערן אונז אין דער
רייזע אויך אויף אונזערע לייכטע קאַיאַקן. מיר האָבן ענדלאַך
אָנגעהויבן אַריבערצושפּרינגען פון איין שטיק אייז אויפן צווייטן,
אָבער דער אייז האָט אונז געטראָגן נישט צו דער יבשה, נאָר
אין דער געגנאיבערדיקער ריכטונג פון איר. צו אַלע צרות אונ-

זערע איז נאַנסען קראַנק געוואָרן. עטלאַכע טעג האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, און איך האָב אַלץ אַליין געמוזט שלעפן. נאַנסען האָט שרעקלאַך געליטן, אָבער ער האָט זיך נישט געקלאָגט. צום גליק איז אין דריי טעג אַרום אים געוואָרן בע־סער. פאַר אונז איז דאָס אָבער געווען אַ גוטע אָנצוהערעניש צו זיין פאָרזיכטיק. ווען איינער פון אונז זאָל ערנסט קראַנק ווערן, זיינען מיר ביידע קאַפּוט.

דעם 2-טן אויגוסט זיינען מיר געווען אונטער 36 $81^{0}$ צפון-ברייט. די יבשה ליגט צו מערב פון אונז. ס'הייסט אַלזאָ, אַז דער אייז האָט אונז אָפּגעטראָגן צו מזרח פון איר. מיר זיינען ווייט פון דער יבשה אַ וויאָרסט 30—40, אָבער דער וועג איז אַזוי שלעכט, אַז אַזאַ מהלך איז אויך נישט קיין קליייניקייט.

דעם 4-טן אויגוסט זיינען מיר געגאַנגען ווייטער אויף אַזאַ שרעק־לאַכן אייז, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן; ס'פאַר־שטייט זיך, אַז מיר זיינען נישט פיל דורכגעגאַנגען. איין טרייסט האָבן מיר אָבער געהאַט: מיר זיינען נישט ווייט געווען פון אַ יבשה. דורכן שפּאָקטיוו האָבן מיר געזען וואַסער נעבן דער יבשה.

בשעת אונזער לעצטער נסיעה האָט מיך שיר נישט אויפגעפרעסן אַ בער. פאָרגעקומען איז עס אַזוי: ביי אַ נעפּלדיקן וועטער זיי־נען מיר נעבכטן אַרויסגעטראָטן אין וועג. דער שניי איז געווען פייכט און טיף—נישט דורכצוגיין. אין פיל ערטער זיינען גע־ווען שפּאַלטן און גריבער. אין איין אָרט האָט נאַנסען שוין גע־האָט צוגעפירט זיין שליטן מיטן קאַיאַק צום ברעג. איך בין געשטאַנען אַ ביסל ווייטער און האָב זיך נאָר-וואָס איינגעבויגן צו נעמען זיך פאַרן שליטן מיטן קאַיאַק. פלוצלונג זע איך: אין קאַיאַק זיצט עפּיס אַ ווילדע חיה און קוקט מיך אָן משונהדיק. תּחלת האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אונזערס אַ הונט, אָבער באַלד האָב איך דערזען, אַז דאָס איז אַ בער, און איידער כ'האָב מיך באַוויזן אַרומצוקוקן, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן צו מיר און דערלאַנגט מיר אַ כליאַפּ אין פּנים אַריין מיט דער לאַפּע, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז די ציין האָבן מיר אַ ציטער געטאָן און מיר

איז אין די אויגן פֿינסטער געוואָרן. צום גליק אָבער האָב איך דעם דעת נישט פֿאַרלאָרן. כ'האָב אַ שפּרונג געטאָן צוריק, אָבער דער בער האָט מיך שוין געהאַלטן צווישן זיינע לאַפּעס. „נעמט די ביקס״.—האָב איך אַ געשריי געטאָן צו נאָנסען. איך האָב מיך אויך געוואָלט כאַפּן פֿאַרן ביקס, וועלכע איז געלעגן אין קאַיאַק. אָבער דער בער האָט מיך אַ שליידער געטאָן צום באָדן און האָט שוין געעפֿנט זיין מויל; איך האָב דערזען איבער זיך שאַרפֿע ציין. אין שרעקלאַכער פֿאַרצווייפֿלונג האָב איך אָנגעכאַפּט דעם בער ביים גאָרגעל. דער בער איז עפּיס מבולבל געוואָרן. אויף אַזעלכעס האָט ער זיך גאָר נישט געריכט! אָט דער מאָמענט האָט מיך געראַטעוועט. איך האָב געזען, ווי דער בער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט הינטער זיך נאַנסענען. „שיסט גיכער אַ נישט וועט זיין צו־שפּעט!״—האָב איך אַ זאָג געטאָן. דער בער האָט אַ הויב געטאָן זיין לאַפּע און, איבערשפּרייזנדיק איבער מיר, האָט ער אַ זעץ געטאָן איין הונט, וואָס איז ביי־געווען, ווי אַ שטומער עדות ביי דער סצענע. דער הונט איז אומגעפֿאַלן אויפֿן שניי. דער בער האָט מכבד געווען מיט אַזאַ פּראַסק אַ צווייטן הונט. איך האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַרויסלאָזנדיק פֿון דער האַנט דעם בערס גאָרגל, בין איך אויפֿגעשפּרונגען און זיך געכאַפּט פֿאַרן ביקס. און אָט האָט נאַנסען אויסגעשאָסן צוויי מאָל איינע נאָך די אַנדערע און דער בער איז אַנידערגעפֿאַלן טויט. פֿריער האָט נאַנסען מורא געהאַט צו שיסן, דען ער האָט גע־קאָנט טרעפֿן מיך, אָנשטאָט דעם בער. ווען איך דערמאָן מיך איצט אויף דערדאָזיקער סצענע, לאַך איך, פֿאַרשטייט זיך; דאַמאָלס אָבער האָב איך גאָרנישט געהאַלטן ביים לאַכן...

באַלד האָבן מיר דערזען נאָך צוויי בערן, וועלכע זיינען גע־שטאַנען דערנעבן און געקוקט פֿאַרוואונדערט אויף דער אומגע־וויינלאַכער סצענע, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט פֿאַר זייערע אויגן און וואָס האָט געקאָסט זייער חבר דאָס לעבן. געווען זיי־נען עס די יונגע קינדער פֿון דער בעריכע, וועלכע איז געווען אַזאַ בעלנית פֿון מיין פֿלייש טועם צו זיין. איך האָב געוואָלט שיסן, אָבער די בערלאַך זיינען געשווינד אַנטלאָפֿן. אַז מיר

האָבן אָנגעהויבן אויפשניידן דעם דערשאָסענעם בער, האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן. איך האָב אויסגעשאָסן, פאַרוואונדעט איינעם פון זיי, אָבער זיי זיינען ווידער אַנטלאָפן. איינער פון זיי איז אויפן וועג אָפגעלאָפן מיט בלוט און האָט געברומט, ווי אַ קו.

אַ ווייסער בער וואַרפט זיך זייער זעלטן אויף אַ מענטש; משמעות, אַז די בעריכע איז, נעבעך, זייער הונגעריק געווען.—
נאָכדעם ווי מיר האָבן איר פלייש צורעכט געמאַכט און פאַר-פאַקט, האָבן מיר זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין.

## קאַפּיטל איינאונצוואַנציק.

7--טער אויגוסט. מיר זיינען ענדלאַך ביים ציל. דער אייז ענ-דיקט זיך. פאַר אונז ליגט דער אָפּענער ים. פּטור געוואָרן אַמאָל פון שווימעדיקן אייז! איצט הויבט זיך אָבער אָן אַ שווער שטיקל אַרבעט; מען דאַרף אַריבערפאָרן דעם ים אין אונזערע קליינינקע און שוואַכינקע שיפעלאַך. תחלת האָבן מיר געמעכנט אַרויפצושטעלן אויף יעדן שיפל אַ שליטל און פאָרן זיך באַזונ-דער. דאָס איז אָבער געווען אַ ריזיקאַלישע רייזע. די הינט האָבן מיר אויך נישט געקאָנט נעמען מיט זיך. וואָס פאַר אַן אונדאַנק-באַרע באַשעפעניש אַ מענטש איז! די הינט האָבן צוזאַמען מיט אונז געליטן אַזוי לאַנג און איצט האָבן מיר זיך באַשלאָסן אי-בערצולאָזן זיי דאָ אויף הפקר... וואָס האָבן מיר אָבער געזאָלט טאָן, ווען מיר האָבן אַנדערש נישט געקאָנט. צוויי הינט האָבן מיר געהאַט אוןביידע האָבן מיר דערשאָסן... דאַן האָבן מיר צונויפגעבונדן ביידע שיפעלאַך, אַרויפגעשטעלט אויף זיי די שליטע-לאַך און זיך געזעגנט מיטן אייז.

ס׳איז געווען נעפלדיק, אָבער דער ווינט איז געווען גינסטיק פאַר אונז. מיר האָבן דעריבער אַרויסגעשטעלט זעגלען און אָט שווימען מיר אויפן ים צו דער לאַנג דערוואַרטענער יבשה. די רייזע גייט אַזוי גוט, אַז מיר פאַרגינען זיך צו נעמען עפּיס אין מויל אַריין אויפן וועג. אַרויסזעצן זיך גלייך אויפן ברעג וועלן מיר אָבער נישט קאָנען, דען דאָ ערשט האָבן מיר דערזען, אַז ער איז לערך 1.50 כוס הויך און שטייט איבערן וואַסער גלייך,

ווי אַ וואַנט. דער שטראָם טראָגט אונז צום מערב, שווימען מיר אַהינצו.
אָט אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אויפן וואַסער; אויסגעצייכנט! צום אָוונט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייז-באַרג, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף אים און דאָרט איבערגענעכ-טיקט. צומאָרגנס האָבן מיר אָבער דערזען, אַז ס'האָבן אונג אַרומ-גערינגלט נאָך אַנדערע אייז-בערג, און אָט קאָנען מיר זיך נישט אַרויסרייסן פון זייערע אָרעמס... אויף דער יבשה זעט זיך אַ גאַנ-צער אייז-באַרג, צון וועלכן ס'גיסט זיך אַ וואַסערפאַל און ס'הערט זיך אַ גערויש, ווי פון אַ האַרמאַטן-שיסעריי. דאָס זיינען מיטן וואַסער אַראָפגעפאַלן אין ים אַריין שטיקער אייז, וואָס האָט זיך יעדע מינוט אָפּגעריסן פון באַרג. מיר האָבן ענדלאַך זיך באַ-פרייט פון די אייז-בערג און געמאַכט זיך וויאָסלעס פון אונזערע פוסשליטעלאַך. איצט שווימען מיר שוין נישט בלויז מיט זעגלען, נאָר אויך מיט וויאָסלעס. מיר פאָרן אויסגעצייכנט. אַ שאָד נאָר, וואָס ס'איז אַ געדיכטער נעפל און מיר זעען נישט, וואָס פאַר שיינע בילדער עס אַנטפּלעקן דאָרט אויף דער יבשה!... אַ שעה לאַנג זיינען מיר אַזוי געשוואומען, ביז מיר האָבן ענדלאַך זיך דערשלאָגן צום אייז ביים ברעג פון דער יבשה. דאָ האָבן מיר דערזען פיל פאָקן. ס'הייסט אַלזאָ, אַז אכילה וועט זיין לרוה. ס'הויבט אָן רעגענען. מיר קריכן אַרויס אויפן אייז ביי די ברעגן פון דער יבשה. די טעמפּעראַטור איז נול.
אויף צומאָרגנס דערזעען מיר, אַז צווישן אונז און דער יבשה איז אָפן דער ים. שווימען מיר ווייטער אַ שעה 6—7. מיר זיינען דורכגענעצט ביז די ביינער, אָבער מיר פאַרלירן נישט קיין מוט. אָט באַגעגענען מיר אַ ווייספעלע, אָט נאָך איינע, און נאָך איינע, גאַנצע פיר ווייספעס מיט אַמאָל. נאַנסען גיט זיי אַ נאָמען „דאָס ווייסע לאַנד". מיר ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער דער פראַגע: געוואַלד, וואו זיינען מיר? אפשר זיינען מיר ביי די ברעגן פון פראַנק-יאָזעף-לאַנד, וועלן מיר דאָך פון דאַנען קאָנען קומען אויף שפּיצבערגען; אָדער אפשר וועט אונז אויסקומען צו פאָרן צו-ריק?

10-טער אויגוסט. מיר זיינען אַרויף אויף איין וויספּעלע. עס איז צו-קליין. לאָזן מיר זיך ווייטער אין וועג. דאָס וואַסער דינט אונז, דער ווינט בלאָזט אויף גינסטיק פאַר אונז. קיין עכטע יבשה אָבער זעען מיר נאָך אַלץ נישט. מיר באַגעגענען ווידער אייז-בערג און מיר ווייסן לגמרי נישט, וואו מיר זיינען אין דער וועלט. אויף די אייז-בערג זעען מיר אומעטום גאַנצע טשערע-דעס מיט ים-פערד. מיר איילן זיך אָבער נישט צו שיסן אין זיי; קודם מוזן מיר אָבער אַקאָרשט האָבן אונטער זיך אַ פעסטן באָדן. מיר שווימען ווייטער. פּלוצלונג באַווייזט זיך פון וואַסער אַרויס אַ ים-פערד און ווערט תיכף נעלם. אַ מינוט שפּעטער באַ-ווייזן ער זיך אָבער ווידער און שוין גאָר נאָנט צו אונז. נישט גוט, ער קאָן נאָך אַדורכהאַקן אונזערע שוואַכינקע שיפלאַך און דאַן... אָט שווימט ער ווידער אַרויס. שיס איך אויס און טרעף אים אין קאָפ. דער ים אַרום ווערט רויט פון זיין בלוט. אַ ווײַ-לע שפּעטער האָט ער זיך אָבער ווידער באַוויזן און איצט שוין גאָר אונטער אונזערע שיפלאַך. שיסן מיר אים אין מויל, איז עס שוין אַ סוף מיט זײַן לעבן. מיר שניידן אַרויס פון אים שטיקער פלייש און פעטס. אָבער נאָנסענס מעסער האָט אים געטראָפן אין די לונגען. פון דאָרט האָט אַ שפּאַר געטאָן לופט און ס׳וואַ-סער איז אַהין. דער טויטער ים־פערד איז געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט אָנגעהויבן זינקען און מיר האָבן אים באַלד פאַר-לאָזט.

11־טן אויגוסט צום אָוונט האָבן די אייז-בערג פאַרשפּאַרט אונז דעם וועג; מיר זיינען דעריבער אַרויסגעשטיגן אויפן אייז ביים ברעג און גענומען זיך צורעכט מאַכן נייע רודערס. בינו לבינו איז דער נעפל פאַרשוואונדן, און מיר האָבן דערזען אַ גאַנצע קייט פון אינזלען. וואָס דאָס איז פאַר אַ לאַנד האָבן מיר אַלץ נישט געוואוסט. אויב נישט פראַנץ-יאָזעף-לאַנד וועלן מיר דאָ האַלטן ווינטער און היי יאָר וועלן מיר שוין אַ היים נישט קו-מען...

דעם 16-טן אויגוסט האָבן מיר פאַנאַנדערגעבונדן אונזערע שיפ־לאַך און זיך געלאָזן שווימען באַזונדער, ווייל אַזוי וועט עס גיין

געשווינדער. מיר האָבן געשוואומען אַ גאַנצן טאָג, און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ הויכן אייז-באַרג, לערך 150 פוס הויך. מיר האָבן געוואָלט זיך אויפהויבן אויף אים, אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט. לסוף אָבער האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו אַן אָרט, וואו מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערשפירט אונטער זיך ערד, אָן שניי און אָן אייז. אָ, וואָס פאַר אַ שטאַרקער געפיל דאָס איז „ערד"! תחלת האָבן מיר ביי יעדן טריט געציטערט, אַז דער באָדן זאָל נישט פאַרשוואונדן פון אונטער אונז און מיר וועלן ווידער בלייבן אויפן אייז, וואָס טראָגט זיך איבערן ים-אָפגרונט. אונזערע פיס האָבן געקושט דעם באָדן, געגלעט און געצערטלט אים. און אָט האָבן מיר דערזען אויך מאָך און בלומען! די פרייד האָט אונז ממש פאַרשכורט. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט צווישן די שטיינער און זיך טיף פאַרטראַכט.—וואו זיינען מיר עס פאָרט? וואָס פאַר אַ לאַנד איז עס? צו מערב פון אונז ליגט אַ שיינע אינזל מיט הויכע בערג און ס'הערן זיך פריילאַכע געשרייען פון פייגל. פשוט אַ גן-עדן!...

שלאָפן האָבן מיר זיך געלעגט אָן אַ ביידל אונטערן קלאָרן הימל. אויף צומאָרגס האָבן מיר זיך געלאָזט גיין מיטן אייז צו דער גרעסערער אינזל. נאַנסען גייט פאָרויס, איך נאָך אים. אָט האָבן מיר דערזען אַ ווייסן בער, וואָס גייט גלייך אויף אונז. איך האָב זיך שוין מכין-געווען צו שיסן; ער האָט אונז אָבער דערשמעקט, זיך אָפגעשטעלט, אַ ווײַלע געטראַכט און—מאַרש געשווינד צוריק. משמעות, דאָ זיינען פאַראַן גענוג בערן, און קיין שפייז וועט אונז נישט פעלן. אויף דער אינזל האָט מען געזען שטאַרקע סימנים פון לעבן. שניי-וורובלעס זיינען מיט אַ פיפסן אומגעשפרונגען פון שטיינדל צום שטיינדל, צפון-שוואַלבן האָבן געשניטן די לופט טשערעדעס-ווייז. דידאָזיקע פויגעלאַך זיינען געווען אַזוי פריילאַך און לוסטיק, אַז זיי וואָלטן אַפילו אַן אַלטן מרה-שחורה'ניק אויך פריילאַך געמאַכט. פון די הויכע שטיינער האָט זיך געהערט דער געזאַנג פון בלויע ים-פייגל, וועלכע זיינען דאָרט געזעסן און געהאַט זייערע קינדערלאַך, און אונז האָט זיך געדאַכט, אַז פלעטן שפילן אַרום אונז. אונטער די בערג האָבן מיר

דערזען רויט־ראָזיקן שניי. דערדאָזיקער פֿאַרב שטאַמט טאַקי פֿון אַזאַ מין פֿלאַנץ, וואָס וואַקסט אונטערן שניי. דאָס אַלץ האָט אונדז אַזוי שטאַרק אַנטציקט, אַז מיר האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט די געגנט.

מיר האָבן זיך ווידער געלאָזן אין וועג אַריין אויף אונדזערע שיפֿלאַך און נאָך גרויסער מי, לאַווירנדיק צווישן די אייז־בערג, האָבן מיר דערזען אַ פֿרייען וואַסער־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דער שיינער אינזל. נאָר האַרט ביי דער אינזל האָט זיך ווידער געצויגן אַ לאַנגער אייז־פּאַס, וועלכן מיר מוזן אַריבערגיין. הינטער אָט דעם פּאַס ליגט אונדזער שיקזאַל, וואָרום אויב די יבשה גייט דאָרט ווייטער צום דרום, זיינען מיר זיכער אויף דער גרויסער פֿראַנץ־יאָזעף־אינזל. אָט זיינען מיר ענדלאַך צוגעקומען אויך צום לעצטן אייז־פּאַס. די יבשה ציט זיך צו דרום און אַרום די ברעגן איז זי ריין פֿון אייז,—שווים זיך, וויפֿיל דו ווילסט! דאָס איז געווען פֿאַר אונדז אַן אמתע שמחה. מיר האָבן זיך געלאָזן שווימען לענגאויס דער אייז־וואַנט. אויפֿן וועג האָבן מיר דערזען, ווי צוויי פּוקסן רייסן זיך איבער אַ פֿויגל. מיר זיינען געווען טויט־מיד, אָבער פֿונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן צו שווימען ווייטער, כּל־זמן מיר האָבן אַ גוטן אָפֿענעם וואַסער־וועג. און מיר זיינען געשוואומען אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן באַמערקט, אַז מיר ווערן אַנטשלאָפֿן פֿון מידקייט. דאָ זיינען מיר שוין אַרויס אויפֿן אייז ביי די יבשה־ברעגן.

24־ער אויגוסט. אָט זיצן מיר שוין אַ וואָך לאַנג אויף איין אָרט און מיר קאָנען נישט שווימען ווייטער, ווייל דער ווינט איז געגן אונדז. די האָפֿנונג צו קומען היי יאָר אַהיים ווערט אַלץ קלענער. איינמאָל האָבן מיר זיך פֿלוצלונג אויפֿגעכאַפּט פֿון טיפֿן שלאָף, דערשפּירנדיק, אַז עפּיס אומגעוויינלאַכעס געשעט אַרום אונדז. ווייזט זיך אַרויס, אַז עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט אָפּגעריסן דעם אייז, אויף וועלכן מיר געפֿונען זיך, און מיר שווימען ווייט־ווייט. מיט צרות האָבן מיר זיך באַפֿרייט פֿון דעם אייז־באַרג און זיך ווידער אַריבערגעקריגן אויפֿן ברעג. און אָט זיצן מיר דאָ אין געהאַקטע וואונדן. נאַנסען האָט דער-

שאָסן אַ בער. שפּייז האָבן מיר גענוג אָבער אונזער שווערע לאַ-
גע לאָזט אונז נישט רוען. מיר האָבן ווידער זיך געלאָזן אין
וועג אויף די שיפלאַך. דידאָזיקע נסיעה האָט געדויערט עטלאַכע
טעג לענגויס דעם ברעג. ענדלאַך האָט זיך אָבער אויפגעהויבן
אַ שטורם-ווינט און מיר האָבן געמוזט זיך אַרויסזעצן אויפן ברעג.
אויפן וועג האָבן מיר ווידער דערשאָסן אַ בער. ווי עס שיינט
וועט אונז דאָ נישט פעלן קיין פלייש. פון ברעג האָבן מיר זיך
אַריבערגעצויגן טיפער אין לאַנד, וואו מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט
אַ הייזל צווישן די הויכע שטיינער.

# קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק.

אויגוסט האַלט שוין בײַם סוף, ס׳גייט צו ווינטער, און מיר ווייסן לגמרי נישט, וואו מיר געפינען זיך. פאַרפאַלן, מען מוז זיך צוגרייטן דאָ צו ווינטערן. איבעריגנס, ס׳איז שוין טאַקי צייט אויסצורוען זיך פון אונזער לאַנגן פּלאָנטערן זיך אויפן שווימענדיקן אייז. דאָס איבערווינטערן דאָ ברייגגט אונז נישט אַריין אין פאַרצווייפלונג, כאָטש מיר פאַרקוקן זיך אָפּט מיט בייַנקשאַפט צום דרום... באַ, מ׳מוז האָבן געדולד. אונזער גאַנצע עקספּעדיציע איז דאָך געווען אַ שולע פון געדולד.

אין איין נאַכט האָבן מיר צוזאַמענגעלעגט אַ הייזל פון שטיינער, מער ענלאַך צו אַ „הייל". אינעווייניק איז עס אַזוי נידעריק, אַז דער הויכער נאַנסען קאָן אַפילו נישט זיצן דערין. איז ער דאָרט טאַקי נאָר געלעגן. דאָס הייזל האָבן מיר באַדעקט מיט אונזערע זעגלען און מיט בערישע פעל. אינם דאָזיקן הייזל האָבן מיר געלעבט אַ חודש צייט. פאַר אָט דער צייט האָבן מיר זיך אויסגעבויט אַ „גוט" הויז און אָנגעגרייט פלייש צום ווינטער.

וואו נעמט מען פלייש? אויף יאַגד, ראשית האָבן מיר דערשאָסן אַ פּאָר בערן; דאַן האָבן מיר זיך געלאָזן מיט אונזערע שיפלאַך אויפן ים, כדי צו דערשיסן ים-פערד, ווייל דאָרט זיינען זיי געווען זייער פיל. אָט האָבן מיר טאַקי איינעם דערזען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. 5—6 מאָל האָבן מיר אים געטראָפן, דער ים אַרום אים איז געוואָרן בלוטיק-רויט, אָבער מיט קיין איינציקן קויל האָבן מיר אים נישט געטראָפן צום טויט, און ווען

מיר האָבן אים ענדלאַך געטראָפן אין קאָפּ אַריין, איז ער באַלד אַראָפּ צום גרונט. האָבן מיר, אַלזאָ, אומזיסט פאַרלאָרן אונזערע קוילן.

מיר האָבן זיך אומגעקערט צום ברעג. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר דערזען, ווי צוויי ים־פערד זײַנען אַרויסגעקראָכן אויפן ברעג און זיך אָנגעהויבן פאַרווײַלן אויף זייער שטייגער. האָבן מיר זיך שטיל־שטיל צוגערוקט צו זיי און ביידן דערשאָסן, דאָס זייַנען געווען אומגעהויער־גרויסע חיות. ביים דערשיסן זיי האָט דאָס בלוט אַ שפּאַר געטאָן פון זיי ווי פון אַ פאָנטאַן. מיר האָבן געבראַכט אונזערע שליטנס, אַרויפגעלעגט די דערשאָסענע חיות אויף זיי. די שליטנס זײַנען געשטאַנען אויף אונזערע שיפלאַך, און דאָס איז געווען אונזער גליק, ווייל בשעת מיר האָבן זיך עוסק געווען אַרום די ים־פערד, האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט, וועלכער האָט אָפּגעריסן דעם ברעג־אייז פון דער אינזל און אַוועגעטראָגן אונז אין אָפענעם ים אַריין!..

מיר האָבן דערזען, אַז מיר האָבן צופיל פלייש מיט זיך און מיט אַזאַ משא וועלן מיר נישט קאָנען זיך דערשלאָגן צום ברעג. האָבן מיר אַ טייל פלייש אַרייַנגעוואָרפן אין ים און אָנגעהויבן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיטן ווינט. לאַנג האָט געדויערט דער־דאָזיקער קאַמף, אָבער ענדלאַך האָט דער מענטש גובר געווען די נאַטור: מיר האָבן אָנגעהויבן דערגרייכן דעם ברעג און זיך טויט־מיד, דורכגענעצט ביז די ביינער, געשלעפּט איבער אים אָבער צו אונזער הייזל איז נאָך געווען ווייט. האָבן מיר אַרויס־געשלעפּט די שיפלאַך, אויסגעקוועטשט אונזערע מלבושים פון וואַסער און אַרייַנגעקראָכן אין שלאָף־זאַק, וואו מיר האָבן זיך געכאַפּט צו דער אכילה—געראָכערטע ברישע פלייש, וועלכע מיר האָבן פאַרטרינקען מיט... שטיקלאַך אייז. באַלד נאָכדעם זייַנען מיר אייַנגעשלאָפן.

נישט לאַנג זייַנען מיר אָבער געשלאָפן. עפּיס אַ טרויעריק ברו־מען האָט אונז אויפגעוועקט. „אַ בער!"—זאָג איך צו נאַנסענען. קריכן מיר אַרויס פון אונזער שלאָף־זאַק.—אַ גרויסער בער מיט צוויי בערעלאַך! נאַנסען האָט אויסגעשאָסן און אַנידערגעלעגט

טויט די בעריכע. די צוויי שוין גאָר היבשע בערעלאַך, זיינען תּיכּף אַנטלאָפן און באַלד זיך באַוויזן אויף אַן אייז-באַרג, וועלכער האָט זיך קוים-קוים געהאַלטן אונטער זייער משא און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט זינקט ער איין מיט זיי צוזאַמען. מיר האָבן באַשלאָסן זיי נאָכצויאָגן אויף די שיפלאַך. אָבער ווי נאָר מיר זיינען אַרויס אויפן ים, האָבן מיר דערזען אַן אומגעריכטע מציאה—אויפן וואַסער איז געשוואומען דער ים-פערד, וועלכן מיר האָבן מיט אַ טאָג פריער דערשאָסן. האָבן מיר אים תּיכּף צוגעבונדן מיט שטריק צום ברעג און אַליין האָבן מיר זיך געלאָזן ווייטער אין ים אַריין נאָך די צוויי בערן, וועלכע זיינען שוין איצט געווען ווייט-ווייט פון אונז. מיר האָבן בכיון געמאַכט אַזוי, אַז די בערן זאָלן אונז דערזען און אַנטלויפן פון אייז-באַרג. אַזוי איז עס טאַקי געווען. די בערן האָבן זיך דערשראָקן, זיינען אַריינגעשפּרונגען אין ים און זיך געלאָזט שוואומען צום ברעג. מיר זיינען שוין צוגעשוואומען צו זיי גאָר נאָענט און געוואָלט שיסן, אָבער זיי האָבן זיך געלאָזט שוואומען הענדום-פענדום. נאַנסען האָט דעריאָגט איין בער ביים ברעג, וואו ער האָט אים דערשאָסן. איך האָב דערשאָסן דעם צווייטן. איצט האָבן מיר שוין גאַנצע דריי בערן מיט אַמאָל און אַ ים-פערד אַ צוגאָב. פון די בערן האָבן מיר תּיכּף אַראָפּגעריסן די פעל, זייער פלייש האָבן מיר צוזאַמענגעלייגט און צוגעדעקט אין הייזל. און איצט—שלאָפן! מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעהאָרעוועט.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז אונזער ערשטער געדאַנק געווען—דער ים-פערד! זיין פלייש איז אונז אַפילו נישט געווען אַזוי שטאַרק נויטיק, אָבער זיין פעטס האָט אונז שטאַרק געטויגט צו אונזער קאָך-אַפּאַראַט און זיין טייער פעל האָט אונז געקאָנט צודעקן דאָס הייזל. אָבער טייער האָט אונז געקאָסט דאָס-דאָזיקע ים-פערד. דאָס איז געווען אַזאַ קאָלאָסאַלע חיה און מיר האָבן זי נישט געקאָנט פאַרשלעפּן אַליין צום ברעג און אָט האָבן מיר זיך גענומען אָפּשינדן דאָס ים-פערד אויפן וואַסער. ברר! וואָס פאַר שווערע, עקלהאַפטע אַרבעט! ליג אינם שטיג-

קענדיקן טראָן-שמאַלץ און שנייד עס שטיקערווייז אונטערן וואַ-
סער... אונזערע מלבושים האָבן זיך אַזוי שטאַרק איינגעזאַפּט
מיט טראָן, אַז מען האָט עס נאָכדעם בשום אופן נישט גע-
קאָנט אויסרייניקן. אָבער אָט האָבן מיר דערזען, ווי אַ לעבעדי-
קער ים-פערד שווימט גלייך צו אונז: ער וויל, קענטיק, זען,
וואָס טוט מען דאָ מיט זיינעם אַ חבר.

—זע-נאָר!—האָב איך אויסגערופן צו נאַנסענען,—מיר האָבן הצלחה!—
נאַנסען האָט זיך געכאַפּט תיכף פאַר דער ביקס און האָט נור
אָפּגעוואַרט, ביז דער ים-פערד וועט זיך אָפּקערן צו אים מיטן
קאָפּ. אַזאַ ריז, ווען מען דערשיסט אים נישט גלייך אויפן אָרט,
קאָן ער ווערן זייער געפערלאַך אין קאַמף אויפן וואַסער, בפרט
ווען מיר האָבן אונזער שוואַך קאַיאַקל. נאַנסען האָט ענדלאַך
אויסגעשאָסן, געטראָפן און אים דאַכט זיך—געטויט. אָבער יענער
האָט ווידער זיך אַ ריר געטאָן, גרייט צום קאַמף. האָט נאַנסען
ווידער געשאָסן 3—4 מאָל און, דאַכט זיך, גוט געטראָפן, אָבער
דער ים-פערד הויבט זיך יעדעס מאָל אויף ווידער צום קאַמף,
כאָטש ער האָט שוין אין קאָפּ עטלאַכע קוילן. אונז האָט פאַר-
פעלט קוילן. לאָז איך זיך לויפן צו אונזער הייזל נאָך קוילן,
אָבער דער ים-פערד האָט בינו לבינו אויפגעהערט צו אָטעמען.
—אַ מצוה אויף אים! זיי נישט נייגיריק און רוק נישט די נאָז
דאָרט, וואו מען רופט דיך נישט.

איצט האָבן מיר געלאָזן ליגן דעם ערשטן ים-פערד און זיך גע-
נומען צום צווייטן, וועלכער איז געווען נאָך גרעסער און פע-
סער. צוויי טעג לאַנג האָבן מיר געהאַט צו טאָן אַרום ביידע
ים-פערד. לסוף אָבער האָבן מיר די אַרבעט מיט ערפאָלג געענ-
דיקט: מיר האָבן צוויי טייערע פעלן, און פלייש, און פעטס און
דאָס גאַנצע ליגט שוין אויפן ברעג.

דער אָרט איז דאָ זייער אַ פריילאַכער. אין דער לופטן פליען
אַרום מאַסן פויגלען פון פאַרשידענע מינים, וועלכע מען קאָן
נאָר באַגעגענען אין צפון. די פויגלען שפילן איינע מיט די אַנ-
דערע, אָדער פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף און פילן אָן די לופט
מיט זייער געפילדער. מיר האָבן עפּטער געלאָזן די אַרבעט אינ-

מיטן און געקוקט אויף די פייגל. אָבער אָט זעען מיר, ווי אַלע הויבן זיך אויף אין דער לופטן. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? פון הינטערן אייז האָבן זיך באַוויזן דריי פוקסן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט לויפן צו יענעם אָרט, וואו די פויגל האָבן זיך געפּאַשעט מיטן אָפּפאַל פונם פלייש, וואָס מיר האָבן זיי איבערגעלאָזן. יאָ, זייער לעבעדיק איז געווען אַרום אונז!

דעם 7־טן סעפּטעמבער האָבן מיר זיך גענומען געשמאַק צו דער אַרבעט צו בויען אַ הויז. מיר האָבן דערצו אויסגעקליבן אַ גלאַטן אָרט אונטערן באַרג, וואו עס זיינען געלעגן פיל שטיינער. מיר האָבן אָפּגעמאָסטן אַן אָרט—6 פוס די ברייט און 10 פוס די לענג און אָנגעהויבן צוזאַמענשלעפּן שטיינער. מיר האָבן אויסגעגראָבן אין דער ערד אַ גרוב אַזוי טיף, אַז עס זאָל אונז גרייכן ביז דער ברוסט; איבער דער גרוב האָבן מיר אויפגעשטעלט שטיינערנע ווענט. אונטן האָבן מיר געמאַכט די טיר און זי אויסגעבעט מיט שטיינער און מאָך, אַזויאַרום האָבן מיר נישט געקאָנט אַריינגיין אין אונזער הייזל, נאָר אַריינקריכן. אַזוי מאַכן עס אויך די עסקימאָסן.

וויאַזוי מאַכט מען אָבער אַ דאַך? צום גליק האָט נאַנסען געפונען אויפן ברעג ים אַ פאַרשוואומענעם בוים, צוגעפראָרן צו אַ פעלז. דעם בוים האָבן מיר ווי-עס-איז צוהאַקט מיט אונזער קליין העקל, זיינע שטיקער האָבן מיר פאַנאַנדערגעלעגט איבער די ווענט פון אונזער הייזל; נאָכדעם אַרויפגעלייגט אויף זיי די בערישע פעלן און מיט דער אויסגעגראָבענער ערד האָבן מיר פאַרשטאָפּט די שפּאַלטן צווישן די שטיינער. דאָס הייזל איז פאַרטיק געוואָרן. דערווייל איז נאָך געווען אַזוי וואַרים, אַז דער שניי און אייז זיינען צושמאָלצן געוואָרן און דאָס וואַסער האָט אָנגעפילט אונזער גרוב-הייזל. אויף צומאָרגנס איז דאָס וואַסער איינגעפראָרן. די אַרבעט האָט אונז אָבער געקאָסט פיל מי און האָט געדויערט פיל צייט.—אין דער לופטן האָט זיך שוין דערווייל אָנגעהויבן שפּירן דער נאָענטער ווינטער. דער פראָסט איז שוין געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט. מען האָט געמוזט געשווינד אָפּרייניקן די פעלן פון זייער פעטס,—אַן אַרבעט, וואָס מען וואָלט

אין אַ פּראָכט אַנדערש נישט קאָנען מאַכן, סיידן מען זאָל דאָס פעל צורייסן. צום גליק אָבער איז אַ פּאָר טעג ווידער געוואָרן וואַרים, און אָט האָבן מיר די אַרבעט אָפּגעטאָן. איידער אָבער מיר האָבן באַוויזן צוזאַמענצולעגן די פעל אויפן דאַך, זיינען זיי פאַרפראָרן געוואָרן. האָבן מיר זיי געמוזט אַראָפּלאָזן אין ים, זיי זאָלן זיך באַפרייען פונם אייז און דאַן האָבן מיר געשווינד באַצויגן מיט זיי דעם דאַך.

## קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק.

אויף צומאָרגנס האָבּן מיר זיך געלאָזן גיין צום ים נאָך דעם לעצטן פעל פונם ים-פערד. נאַנסען איז געגאַנגען פאָרויס, איך—אַ ביסל הינטער אים. פלוצלונג האָט נאַנסען זיך אָפּגעשטעלט און געמאַכט אַ פּאָר טריט הינטערווייעכטס. איך גיב אַ קוק,— בּיים בּרעג ים, נעבּן אונזער פעל שטייט אַ גרויסער בּער. נאַנסען האָט זיך געלאָזט גיין צוריק נאָכן בּיקס. איך האָבּ אפילו מיין בּיקס מיט זיך, אָבּער שיסן קאָן איך נישט, ווייל דער בּער איז נאָך צו-ווייט. לעג איך זיך אויף דר׳ערד ער זאָל מיך נישט דערזען, און וואַרט, אַז ער זאָל אונטערקומען נאָנטער. דער בּער אָבּער האָט זיך געלאָזט גיין בּאַרג-אַרויף, צו אונזער הייזל. אָט איז ער שוין צוגעגאַנגען און האָט זיך גענומען בּאַשמעקן דעם דאַך. ווי גרויס איז אָבּער געווען מיין וואונדער, ווען כ׳האָבּ דערזען, ווי פון הייזל איז אַרויסגעקראָכן דורכן דאַך אַ צווייטער בּער און האָט אָנגעהויבּן בּרומען און טרייסלען מיט דער לאַפּע, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געוואָלט געבּן אָן אָנצוהערעניש דעם ערשטן בּער, ער זאָל נישט צוגיין צו זיין נחלה! מיט אַ וואונק האָבּ איך אָנגעוויזן נאַנסענען אויף דערדאָזיקער סצענע און מיר האָבּן זיך איינגעטיילט די אַרבּעט אַזוי: איך גיי אויף יענעם בּער, וואָס זיצט בּיי אונז אויפן דאַך, און נאַנסען אויפן צווייטן. און אָט זיינען מיר פלוצלונג אויפגעשפּרונגען מיט די בּיקסן. ווי נור די בּערן האָבּן אונז בּאַמערקט, האָבּן זיי זיך געלאָזן אַנטלויפן. נאַנסען איז מכבּד זיין בּער מיט אַ קויל. יענער האָט

אָבער געמאַכט ויברח. האָט נאַנסען זיך געלאָזן לויפן נאָך אים. מיין בער ווידער האָט זיך געלאָזן לויפן איבער די הויכע אייז-בערג, און איך האָב אים נישט געקאָנט נאָכלויפן. ווי עס שיינט, האָט דערדאָזיקער בער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן שיק-זאַל פון זיין חבר, דען ער איז געלאָפן גלייך צום ברעג. אַזוי-אַרום איז ער געקומען צו מיר אַזוי נאָנט, אַז איך האָב אים געקאָנט מכבד זיין מיט אַ קויל אין רוקן און דערנאָך מיט אַ צווייטער אין קאָפּ. איך האָב אים תיכף גענומען אָפּשינדן און האָב שוין כמעט געהאַט געענדיקט מיין אַרבעט, ווען איך האָב פּלוצלונג דערזען נאַנסענען, וועלכער איז זיך רוהיק געגאַנגען צוריק, די הענט אין די קעשענעס און די ביקס אויפן אַקסל. קיין שאָס האָב איך נישט געהערט.

—אַ שאָד,—מאַך איך צו נאַנסענען,—וואָס עס איז נישט געלונגען צו כאַפּן אויך יענעם בער.

—ניין, ס'איז יאָ געלונגען!—האָט נאַנסען געענטפערט.—ער ליגט שוין איצט טויט אונטערן אייז-באַרג.

און נאַנסען האָט מיר דערציילט, אַז דער בער האָט זיך אַליין געוואָרפן אויף אים, און דעריבער איז אים לייכט געווען צו טרעפן מיט איין שאָס אין קאָפּ.

דאָס זיינען געווען צוויי גרויסע און דיקע בערן. זייער פלייש איז געווען זייער באַטעמט און מיר זיינען אַזוי אַרום גאָר אום-געריכטערהייט נתעשר געוואָרן מיט אַ גרויסן זאַפּאַס פלייש. דעם דאָך האָט אָבער דער בער אונז קאַליע געמאַכט, און מיר האָבן געהאַט אַ היבש ביסל אַרבעט מיטן פאַריכטן אים. איצט האָבן מיר שוין אויפן דאַך אָנגעלעגט שווערע שטיינער, מען זאָל אים נישט קאָנען אַזוי לייכט פאַנאַנדערוואַרפן.

אַרויסגייענדיק איינמאָל פון הייזל אַ קוק צו טאָן אויפן טערמאָ-מעטער, האָבן מיר דערזען אַ גאַנצע טשערעדע מיט ים-פערד אויפן אייז,ביים ברעג ים. מערקווירדיק, אָט די ים-פערד האָבן זייער אַ פעסטן שאַרבן, מיט וועלכן זיי צוהאַקן דעם גרעבסטן אייז, ווען זיי ווילן נאָר אַרויסקריכן פון וואַסער.

שטיי איך פון דערווייטן און קוק אָט זיינען פון אונטערן אייז

אַרויסגעקומען נאָך ים-פערד. איינער פון די ערשטע, קענטיק,
דער אָנפירער, האָט באַגריסט די ניי-געקומענע מיט אַ הויכן כאָל-
לען, ווי אַ חזיר און מיט אַ שטאַרקן קלאַפּן אויפן אייז מיט זיי-
נע צוויי אַרויסגעשטאָרצעטע גרויסע רייסציין, וועלכע זיינען
ענלאַך צו די רייסציין פון אַ העלפאַנט. אַזאַ סצענע האָבן מיר
שוין איינמאָל געזען. צייטנווייז האָט דערדאָזיקער אָנפירער גלאַט
אַזוי-זיך געקלאַפּט מיט די רייסציין אויפן אייז, קוקנדיק דערביי
מיט גדלות אויף רעכטס און לינקס אויף זיינע חברים, אַ שטיי-
גער, ווי ער וואָלט זיי געזאָגט: „דרך ארץ, שקצים, ווייסט,
ווער עלטער איז!" אַזוי האָט ער אויך געטאָן יעדן מאָל, ווען
פון אונטערן אייז איז אַרויסגעקומען אַ נייער חבר, מסתּם צו
ווייזן יענעם, אַז ער איז דער מנהיג. דער ניי-אָנגעקומענער האָט
זיך טאַקי אַנידערגעלעגט מיט דרך ארץ וואָס ווייטער אויפן אייז-
ברעג.—באַלד איז אונטערגעקומען נאַנסען. מיר האָבן אָנגעציילט
עלף ים-פערד אָבער ווײַלעווייז זיינען אַרויסגעקומען פונם וואַ-
סער נייע חברים. מיר האָבן זיך באַשלאָסן צו טויטן אַ פּאָר, באַ-
זונדערס פון די יונגערע, ווייל זייער פלייש איז געשמאַקער.
פּאַוואָליע האָבן מיר זיך דערנענט צו דער טשערעדע. אָבער ווי
נור די ים-פערד האָבן אונז באַמערקט, האָבן זיי זיך באַלד צו-
גערוקט צום וואַסער. מיר האָבן זיך אָנגעמערקט צוויי יונגערע
ים-פערד אויסגעשאָסן און געטראָפן, אָבער איינער פון זיי איז
געלעגן נישט ווייט פון וואַסער און ס'איז אים געלונגען אַריינ-
צוגליטשן זיך אין וואַסער אַריין; דאָס אייגענע האָט באַוויזן אויך
צו טאָן דער צווייטער. מיר האָבן ווידער געשאָסן, און איינער
איז געבליבן ליגן אויפן אייז. די איבריקע ריזן האָבן זיך דער-
ווייל אַריינגעכאַפּט אין ים. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי
אַן אמתע בהלה. באַזונדערס האָט געאַרבעט מעשים דער אָנפי-
רער. צוויי ים-פערד האָבן זיך גאָרנישט גערירט פון אייז. איך
האָב איינעם פון זיי געטראָפן מיט אַ קויל אין קאָפּ און דער-
הרגעט אויפן אָרט; דער צווייטער איז זיך נאָך אַלץ געלעגן,
כאָטש איך בין צוגעגאַנגען צו אים גאָר נאָנט. נאַנסען האָט די-
דאָזיקע סצענע פאָטאָגראַפירט. דער צווייטער ים-פערד האָט ניי-

גיריק געקוקט אויף אונז און אויף זיין חבר, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס יענער איילט זיך נישט צו קריכן אין וואַסער אַריין. לסוף איז ער שנעל אַריינגעקראָכן אין ים. דאָס וואַסער האָט תחלת אָנגעהויבן קאָכן אַרום ווי אין אַ קעסל, באַלד איז עס שטיל געוואָרן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס וואַסער ווידער אָנגעהויבן צו קאָכן און גאַנצע סנאָפּעס וואַסער זיינען אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון אונטן אַרויס, ענדלאַך האָט זיך באַוויזן אויפן וואַסער דער קאָפּ פון דער ריזן חיה, וועלכע האָט געקוקט אויף אונז מיט רציחה, מיט אויגן פאַרגאָסן מיט בלוט. מען וואָלט געקאָנט מיינעם, אַז דער ריז וויל אַרויס אויפן אייז אונטערצונעמען אַ נקמה-קאַמף מיט אונז, באַלד אָבער איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן. נאָר אָט האָבן מיר דערהערט, ווי ער האַקט אונטער אונז דעם אייז מיט זיין שטאַרקן שאַרבן. קענטיק, אַז ער האָט געוואָלט אויפברעכן אונטער אונז דעם אייז, אַריינשלעפן אונז אין וואַסער און דאָרט זיך נוקם זיין אין אונז. דאָס אייז איז אָבער געווען צו דיק און די זאַך איז אים נישט געלונגען. ביסלאַכווייז זיינען זיך אַלע ים-פערד אַוועק אין ים אַריין, און מיר האָבן זיך גענומען רוהיק שינדן די דערשאָסענע. פלוצלונג האָט דער אָנפירער פון די ים־פערד זיך ווידער באַוויזן גאָר נאָנט נעבן אונז און אָנגעהויבן ברעכן דעם אייז מיט זיינע שאַרפע ציין. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרגעסן זיינע חברים, וואָס מיר האָבן זיי אים געטויט. אַזוי האָט ער זיך באַוויזן נאָך עטלאַכע מאָל.

מיר האָבן אָפּגעשינדן די ים-פערד, אויסגעשניטן זייער פעטס. דאָס איז אָבער געווען אַזאַ גרויסע מאַסע, אַז מיר האָבן עס קוים-קוים געבראַכט צושלעפן אויפן ברעג. דאָס איז געווען דעם 24-טן סעפטעמבער. אַזויאַרום האָבן מיר באַקומען נאָך פעל פאַר אונזער דאַך.

דעם 26-טן האָבן מיר דערשאָסן אַ בער. דאָס איז געווען אַקוראַט אין יענעם מאָמענט, ווען איך בין געשטאַנען ביי די דערהרגעטע ים־פערד און אויסגעשניטן ביי יעדערן זיינע אָדערן אין רוקן וועלכע האָבן אונז געדאַרפט דינען, ווי פאָדעם אין אונזער

שניידעריי. דער בער איז, משמעות געקומען געניסן פונם פלייש פון די ים-פערד. מיר האָבן אים אָנשטאָט דעם מכבד געווען מיט אַ פּאָר קוילן. דער בער איז אָבער געווען זייער אַ שווערער און איז אַרייַנגעפאַלן אין ים. מיר האָבן זיך גענומען אַרויסשלעפּן אים פון וואַסער, אָבער דאָ האָבן מיר באַמערקט, אַז עמיצער האַלט אים צו פון אונטן און שלעפּט אים צו זיך. באַלד האָט זיך טאַקי באַוויזן דער קאָפּ פון אַ ים-פערד. נאָכן האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף אים מיט דער ביקס. דער ים-פערד האָט, משמעות, פאַרשטאַנען, אַז מיט אונז שפּילט מען נישט אַזוי לייכט און איז נלם געוואָרן.

מיר האָבן אים געוואָלט אַרויפשלעפּן אויף האַרטן דיקן אייז און מיר האָבן דעריבער געמוזט אַדורכהאַקן אין דינערן אייז אַ קאַנאַל און אַדורכשלעפּן אים דאָרט מיט שטריק. לסוף האָבן מיר אים אַרויפגעשלעפּט אויפן ברעג. מיר האָבן געהאַט מיט אים אַ סך צו טאָן, אָבער דאָס האָט געלוינט, דען ער איז געווען זייער דיק און זיין פלייש איז געווען געשמאַק. עס איז שוין געווען גוט שפּעט, ווען מיר זיינען ענדלאַך, געקומען צו אונזער הייזל מיט דער רייכער משא; אָבער דאָ האָב איך דערזען פון ווייטן, ווי דריי פרישע בערן — אַ בעריכע מיט צוויי בערלאַך שטייען און פרעסן פון דער קופּע פלייש פון די ים-פערד.

כ'האָב אָנגעוויזן נאַנסענען דערויף. דעם אמת זאָגנדיק, האָט קיינער פון אונז שוין היינט נישט געהאַט קיין חשק ווידער צו גיין אויף יאַגד, איצט האָבן מיר געהאַט אין זין בלויז אונזער שלאָף-זאַק און אַ הייסע זופּ מיט פלייש. אָבער איבערלאָזן די בערן גאָר אַזוי איז עפּיס פאָרט נישט קיין סברא. כאַפּן מיר דעם ביקס און ווילן זיך שוין לאָזן לויפן. אָבער די בעריכע מיט אירע צוויי קינדער האָט אונז באַמערקט און איז געשווינד אַנטלאָפן. אַ דאַנק איר דעם מאָל דערפאַר! מיר זיינען מיד און הונגעריק. נאַנסען האָט אָנגעשניטן פלייש אויף וועטשערע, איך בין אַוועקגעגאַנגען נאָך זאַלצוואַסער און זיס-אייז. דער פראָסט האָט געהאַלטן 20 גראַד. אָבער אָט האָבן מיר דערזען דריי שאָטנס, וועלכע גיין ווידער צו אונזער זאַפּאַס פון פעטס. מיר

האָבן זיך באַלד פאַרבאָרגן הינטער די הויכע שטיינער. נאַנסען האָט זיך צוגעצילט און אויסגעשאָסן אויף דער בעריכע. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו ברומען און איז אַנידערגעפאַלן טויט. די צוויי בערעלאַך זיינען אַנטלאָפן. האָבן מיר אונזער נייען רויב צוגעשלעפט צום ברעג, אָפגעשינדן דאָס פעל און ענדלאַך זיינען מיר געקומען אַהיים, וואו ס׳האָט שוין געוואַרט אויף אונז דאָס אויפגעקאָכטע פרישע בערן-פלייש.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר באַמערקט, אַז די בערעלאַך זיינען ביינאַכט געווען אויפן אָרט, וואו מיר האָבן דערהרגעט זייער מוטער און האָבן זיך אָנגעגעסן מיטן פעטס, וואָס מיר האָבן געהאַט אַרויסגעוואָרפן פון איר מאָגן. דערנאָך האָבן מיר געזען, ווי זיי שפּאַצירן זיך אַרום אויפן אייז, ביים ברעג ים. מיר האָבן זיך משער געווען, אַז זיי וועלן ווידעראַמאָל קומען צו יענעם אָרט, וואו זייער מוטער איז געלעגן. אַזוי איז עס טאַקי געווען; אָבער אונז איז נישט געלונגען צו דערשיסן זיי, ווייל זיי זיי-נען באַלד אַנטרונען געוואָרן. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין אונזער הייזל און ווידער זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דאָס הייזל איז שוין איצט געווען אינגאַנצן פאַרטיק און מיר האָבן שוין פאָרויס געקליבן נחת, וויאַזוי מיר וועלן זיך דאָ איינאָרדנען. נאַנסען האָט גערעכנט דאָ צו אַרבעטן איבער זיינע רייזע-באַמערקונגען. צייט וועלן מיר דאָך האָבן גענוג. אין דער דרום-וואַנט האָבן מיר געמאַכט אַ „פענסטער", ס׳הייסט, פראָסט גערעדט, אַ לאָך, כדי צו קאָנען באַאָבאַכטן, וואָס עס טוט זיך אויפן ברעג ים. שפּעטער אָבער האָבן מיר געמוזט דאָס לאָך פעסט פאַרשטאָפן, כדי נישט אַריינצולאָזן דעם 40—50 גראַד פראָסט צו זיך אין „פּאַלאַץ..."

ווען מיר זיינען דעם 28-טן אַרויסגעקראָכן פון אונזער הייזל, האָבן מיר דערזען אַ בער נעבן אונזער באַרג. תחלת האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז געווען איינער פון די נעכטיקע בערעלאַך. באַלד אָבער האָבן מיר איינגעזען, אַז דאָס איז אַ גרויסער בער. איך האָב אויסגעשאָסן, געטראָפן אים אין קאָפּ, אָבער דער בער

איז ווייניק וואָס נתפעל געוואָרן און האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג ים. אַ צווייטער קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין רוקן, האָט שוין געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקערן איינדרוק. אויך נאָכ-סען האָט אַ פּאָר מאָל געשאָסן, ביז מען האָט אים ענדלאַך גע-טראָפן אין מח. דאָ איז ער שוין געפאַלן טויט. דאָס איז געווען אַזאַ גרויסער בער, אַז מיר האָבן נאָך קיינמאָל אַזעלכן נישט גע-זען. אָבער ער איז געווען זייער מאָגער. איין גאָט ווייס, פון וואַנען ער איז געקומען אַהער, מעגלאַך, אַז סאַמע פון צפון-פּאָל. קיין לויט פעטס האָבן מיר אויף אים נישט געפונען, אָבער אַ פעל האָט ער געהאַט אַ זעלטן שיינע, מיט לאַנגע, דינע, גלאַנ-צעדיקע האָר, „אַזאַ פעלץ איז ווערט 1200 קראָן!"—האָט נאַנסען אויסגערופן. מיר האָבן אַ גאַנצן ווינטער געשלאָפן אויף איר. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דערדאָזיקער בער דערהרגעט אין דער אייגענער נאַכטביידע בערעלאַך, וועלכע זיינען געקומען צו אונז עסן פון אונזער פעטס. דער בער האָט געהאַט אָדערן און מוסקולן—אייזן. וואָס זשע איז דער וואונדער, אַז ער האָט זיך ווייניק געקימערט פון אונזערע קוילן!

דעמזעלבן טאָג האָבן מיר ענדלאַך זיך אַריבערגעצויגן אין דער נייער וואוינונג, אינם „פּאַלאַץ", וואָס איז געלעגן העלפט אין דר'ערד און אַ העלפט איבער שניי און אייז. מיר האָבן דאָרט איינגעאָרדנט באַזונדערע בעטן פון שטיינער, ווייל מיר האָבן שוין לאַנג געבענקט נאָכן פאַרגעניגן צו קאָנען זיך אויסשלאָפן אַליין און זיך אויסציִן, ווי דאָס האַרץ געלוסט. מיר האָבן צו-טרענט אונזער שלאָף-זאַק, יעדערער האָט זיך באַקומען זיין חלק און די פעלן פון די דערשאָסענע חיות האָבן אונז געדינט פאַר אַן אונטערבעט. כדי צו האָבן וואַרימקייט, האָבן מיר זיך איינ-געאָרדנט אַ לעמפּעלע פון ים־פערד-טראָן. דאָס האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט, אַז מיר זאָלן די ערשטע נאַכט פרירן אויף דעם שענסטן אופן, אונטער די דורכגעפראָרענע דעקעס.

ווי נאָר מיר האָבן דערלעבט טאָג האָבן מיר זיך געכאַפּט אויפ-קאָכן דאָס בערישע פלייש מיט אַ פעטער און געדיכטער זופ, כדי צו דערוואַרימען די גלידער; אָבער אויך דאָס האָט נישט גע-

ווירקס—אַזוי שטאַרק האָט אונז דער פראָסט אַדורכגענומען ביי-נאַכט. מיר האָבן דעריבער זיך גענומען צוריק צוזאַמענייען אונ-זער שלאָף-זאַק, צורעכט געמאַכט אַ בשותפותדיקע בעט פון שטיין און—נשקשה!
אונזער פעטס-לאָמפּ האָט אונז אַפילו נישט שטאַרק געוואַרימט, דאָך האָט פון זיין וואַרימקייט אָנגעהויבן שמעלצן דער שניי אויף אונזער סופיט און די פייכטקייט האָט אונז געקאַפּעט אויפן פנים. מען האָט דעריבער געמוזט איבעראַרבעטן דעם סופיט.

די ווענט פון הייזל האָבן מיר באַהאָנגען מיט די פעלן פון די חיות. אין דאַך האָבן מיר געמאַכט אַ שמאָלן קאַנאַל פון בערי-שע ביינער, דאָס האָט באַדאַרפט דינען פאַר אַ קוימען, וועלכער זאָל אונז אָפּציען דעם רויך. אַזוי־אַרום האָבן מיר געקאָנט מאַכן אַ שטאַרקערן פייער און זיך אָפּבראָטן אַ בעפשטיק. אמת, דערביי פלעגט ווידער אָנהויבן שמעלצן דער שניי, אָדער דער אייז און קאַפּען צוזאַמען מיט דער שאַזשע ביי אונז אויפן קאָפּ. מיר האָבן אָבער נישט געקוקט דערויף. זיינען מיר דאָך נישט געקו-מען אַהער נאָך באַקוועמלאַכקייטן!

## קאַפּיטל פֿירצונאַנציק.

אָון אָט האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגווייליקע דריטע פּאָלאָר-נאַכט. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט נישט שלעכט, דען ס'האָט דאָך געקאָנט זיין פיל ערגער. שוין דאָס אַליין האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, וואָס מיר זיינען זיך גוט באַזאָרגט געווען מיט שפּייז אויף אַ גאַנצן ווינטער. אונזער שפּאַכלער איז געווען באַגראָבן טיף אין שניי און געווען איז אין אים פליייש לרוב. מיר האָבן דאָרט אויך באַהאַלטן דאָס שיריים פון אונזערע זאַפּאַסן, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט מיט זיך פון „פראַם". געהאַלטן האָבן מיר עס, ראשית פאַר יענער צייט, ווען מיר וועלן מיט מזל זיך קאָנען לאָזן ווידער אין וועג אַריין און, שנית, אויף אַ רפואה: מען קאָן דאָך נישט וויסן, וויאַזוי ס'וועט איינעם באַקומען דאָס שטענדיקע שפּייזן זיך מיט בערישן פליייש; אפשר וועט מען קראַנק ווערן און מען וועט מוזן האַלטן דיעטע מיט פעמיקאַן...

אונזער צייט האָבן מיר על פי רוב צוגעבראַכט, ליגנדיק אין שלאָף-זאַק. יעדן פרימאָרגן פלעגן מיר זיך קאָכן פליייש און זופּ און אין אָוונט פלעגן מיר זיך צוגרייטן אַ בעפשטיק. קיין מיטאָג האָבן מיר נישט געגעסן. די קיך-אַרבעט פלעגט יעדערער פון אונז באַזאָרגן אַ וואָך לאַנג. אין אָט דער וואָך איז אויף אים געלעגן די פליכט צו דערהאַלטן שטענדיק דאָס פייער אין לאָמפּ. אַזוי איז עס געווען וואַרימער אין מיר האָבן פאַרשפּאָרט צו געברויכן זאַפּאַלקעס, אין וועלכע מיר קאָנען זיך נאָך אַמאָל שטאַרק

נויטיקן. דער קאַלער פלעגט אויך מוזן אַריינברענגען געפראָרן פלייש אין הייזל, עס זאָל אָפּגיין אין דער וואַרימקייט און מען זאָל עס קאָנען לעגן אין טאָפּ אַריין. אמת, דערביי פלעגט דאָס פלייש שרעקלאַך פאַרקאָפּטשעט ווערן און דער זופּ פלעגט זיין שוואַרץ. מיר אָבער האָבן אויף אַזעלכע זאַכן שוין לאַנג אויפ-געהערט אַכטונג צו געבן. בשעת איינער פון אונז האָט אין קיך געאַרבעט, האָט דער אַנדערער געמוזט באַזאָרגן די קיך מיט זיס-אייז און געזאַלצן אייז; קיין זאַלץ האָבן מיר שוין לאַנג נישט געהאַט און מיר האָבן אויך איינגעזען, אַז מ׳קאָן אויסקומען מיטן זאַלץ, וואָס דאָס פלייש ענטהאַלט אין זיך. איבערן לאָמפּ איז ביי אונז שטענדיק געהאָנגען אַ כלי, פול מיט זיס אייז, וואָס פלעגט זיך צושמעלצן און אַזויאַרום האָבן מיר געהאַט וואָס צו טרינקען.

פון הייזל פלעגן מיר במשך פון ווינטער אַרויסקומען נור דאַן, ווען דאָס איז שטאַרק נויטיק געווען, ווייל דער פראָסט האָט געשטיגן און אונזערע מלבושים, וועלכע זיינען געווען איינגע-זאַפּט מיט פעטס, זיינען אַזוי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אַז זיי האָבן גאָר אויפגעהערט צו וואַרימען. נאָר ווען ס׳איז קיין ווינט נישט געווען און דאָס צפון-ליכט האָט געשפּילט אויפן הימל, פלעגן מיר אַרויסקריכן פון הייזל און זיך נעמען מאַכן באַוועגונ-גען—שפּרינגען און טאַנצן, ווי ערשטע קלאָונען.

מיר האָבן אָנגעהויבן באַקומען געסט—בלויע פוקסן, וועלכע פלעגן קומען צו אונז, ווי היימישע חיות און זיך אָנעסן ביי אונז פון אונזער פלייש-זאַפּאַס. מיר האָבן זיי נישט געשטערט, ווייל מיר האָבן געהאַט גענוג פלייש. טיילמאָל פלעגן זיי זיך אָבער אַרויפ-כאַפּן אויפן דאַך און אָנהויבן טאַנצן דאָרט. דאָס האָט אונז באַ-אומרויהיקט. דאַן פלעגן מיר זיך נעמען קלאַפּן אין די ווענט, אָבער די פוקסן האָבן זיך ווייניק וואָס געקימערט וועגן דעם. ערשט, ווען מיר פלעגן פון אונטער דר׳ערד אַרויסקריכן מיט געשרייען, פלעגן זיי זיך דערשרעקן. און וואָס איז דען טאַקי דער וואונדער! ווען האָבן עס די צפון-פוקסן געזען אַזעלכע צוויי-פוסיקע חיות און נאָך וואָס זיינען עס אָט די מאָדנע ברואים

געקומען צו זיי אין זייער מלוכה, וואו מען זעט נאָר פוקסן און ווייסע בערן?

זיי פלעגן ביי אונז אַוועקשלעפּן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר גע-קאָנט, אַפילו אַ טערמאָמעטער האָבן זיי ביי אונז צוגעגנבעט. דער-שיסן זיי האָבן מיר נישט געוואָלט, אַ שאָד די קויל, ווייל פלייש האָבן זיי געהאַט אויף זיך נישט פיל. דערפאַר אָבער האָבן זיי עס געהאַט אַ פעל — אַ פּרעכטיקער פוטער! ווייכע פול פוך, און האָר, ווי זייד! עטלאַכע פוקסן האָבן מיר געטויט. זייער פוטער איז שפּעטער אונז צונוצגעקומען צו באַדעקן די כּלים, וועלכע מיר האָבן געהאַט אָנגעפילט מיט פיש-טראָן.

מיר האָבן זיך ענדלאַך דערוואַרט ניי-יאָר. אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט בין איך געגאַנגען זוכן אַ שטיין, כּדי איינצואָרדנען אַ פּאַסטקע פאַר די פוקסן. כ׳האָב דעם שטיין אַרויפגעבראַכט אויפן דאַך, אונטערגעשפּאַרט אים מיט אַ העלצל. ווי נאָר דער פוקס וועט אַ ריר טאָן דאָס העלצל, וועט ער בלייבן ליגן אונטערן שטיין. ביי דער אַרבעט האָב איך מיר שיר נישט אָפּגעפראָרן די פינגער. מיר ליגן אין שלאָף-זאַק. אָט הערן מיר — אַ פוקס איז געקומען, אַ ריר געטאָן דעם שטיין; שפּרינגען מיר אַרויס פון הייזל: דער שטיין איז אומגעפאַלן, דאָס פּיקסל איז זיך אָבער אַנטלאָפן. משמעות, דער שטיין איז געווען צו קליין. שפּאַרן מיר אונטער אויך אויף אַזאַ אופן אַ גרויס שווער איינגעפראָרן פעל פון אַ ים-פערד. אָבער דער פוקס האָט זיך אויך דאָ אויסגעדרייט. מער שטעל איך נישט קיין פּאַסטקעס פאַר פוקסן!

נאַנסענען איז זייער געפעלן געוואָרן פוקסן-פלייש. און האָב איך פאַר אים אָפּגעבראָטן אַ גאַנצן פוקסן-רוקן. איך האָב אויך טועם געווען, אָבער איך האָב איינגעפונען, אַז בערישע פלייש איז פיל געשמאַקער. אָבער נישט דאָס פלייש פון אַלע בערן איז גלייך באַטעמט. וואָס יונגער דער בער איז, אַלץ געשמאַקער איז זיין פלייש. טיילמאָל ביים אָפּשינדן דעם בער פלעגן מיר אַרויסנע-מען זיין מאָגן, אויסקערן אים אויפן לינקן זייט און אָנפילן מיט בלוט. אויפן פראָסט פלעגט עס ווערן האַרט ווי אַ שטיין. שפּע-טער פלעגן מיר עס צוברעטן אויף אַ פּאַטעלנע, און האָבן אַזוי-

אַרום זייער אַ באַטעמט מאכל. בעסער פאַר אַלץ איז אָבער געבראָטענער בערישער מאַרך.

דער קאָכער איז אויך געווען אַ משמש ביי זיין חבר. ווי נאָר דאָס עסן פלעגט פאַרטיק ווערן, פלעגן מיר זיך אַריינקלייבן אין שלאָף-זאַק, אַנידערשטעלן דאָס טעפל אויף דער שטיינערנער באַנק נעבן אונזער בעט און דער קאָכער פלעגט אָנהויבן אַרויס-נעמען פון טעפל די שטיקער פלייש און זיי פאַרטיילן צווישן אייננאַנדער. עסן פלעגן מיר לאַנג און געשמאַק; געפּטרט דאָס פלייש, פלעגן מיר זיך נעמען צו דער זופּ. באַלד נאָכדעם פלעגן מיר צומאַכן די אויגן און אָנהויבן פאַנטאַזירן וועגן פרילינג און ליכט.

אין הייזל איז די טעמפּעראַטור געווען ביי אונז נישקשהדיק, סך הכל 7 גראַד פראָסט; ביי די ווענט איז אָבער געווען קעל-טער, באַזונדערס, ווען ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט.

מיר האָבן געאיילט זיך אויפנייען קליידער פון די בערישע פעלן, אָבער דאָס איז געווען אומעגלאַך, ווייל זיי זיינען געווען נאַס און געפראָרן. האָבן מיר קוים מיט צרות אויפגעגנייט פון זיי אַ שלאָף-זאַק און הענטשקעס מיט זאָקן. אין פרילינג האָבן מיר דערפאַר זיך אויפגעגנייט מלבושים פון אונזערע וואָלענע קאָלד-רעס...

די האָר אויפן קאָפּ און די באָרד זיינען ביי אונז שרעקלאַך אָפּגעוואַקסן; די הענט און דאָס פנים זיינען געוואָרן שוואַרץ, ווי סאַזשע און פאַרשמאָלצן—עכטע פראים! וואָס פאַר אַן עקל-האַפטע זאַך דאָס איז, ווען מען מוז זיך טענטלען מיט פעטס און שמאַלץ און נישט קאָנען דערנאָך טרוקן אָפּווישן די הענט! אַ שטיקל פאַרגעניגן איז נאָר געווען ווען מיר פלעגן באַלד, ביים שינדן אַ נאָר-וואָס דערהרגעטן בער, קאָנען אָפּוואַשן די הענט אין זיין וואַרים בלוט... אָנשטאָט אַ האַנטוך פלעגן מיר באַנוצן מאָך, וואָס מיר פלעגן אויסהאַקן מיט אַ האַק פון אונטערן אייז און דערנאָך לאָזן עס אָפּגיין אין אַ טעפל איבערן פייער. דאָס בעסטע מיטל איז אָבער געווען: נעמען אַ מעסער און אָפּשאָבן זיך די הענט. נאַנסען איז פון אומריינקייט געבליבן אָן הויט

אויף די פיס, און האָט זיך קורירט מיט די מיטלען פון אונזער היימישער אַפטייק. אָ, ווי מיר האָבן געבענקט נאָך ריינע וועש! אַ ריין העמד, אַ פרישן און וויכן לייבל, אַ פּאָר ווייכע און וואַרימע הויזן, אָנשטאָט אונזערע פאַרשמאָלצענע מיט פעטס און פאַרפּראָרענע מלבושים, וואָס האָבן געדראַפּעט דאָס לייב און זיך געקלעבט צו אים! וועגן זייף, וואַרים וואַסער און אַ באָד האָט דאָך אודאי קיין רייד גאָר נישט געקאָנט זיין!

און מיר האָבן גאָר נישט געוואוסט, אַז אָט דאָ, גאָר נישט ווייט לעבן מענטשן, מיט וועלכע ס׳איז אונז באַשערט געווען שפּעטער זיך צו באַגעגענען! און ווי האָבן זיי געלעבט! מיטן גאַנצן קאָמפאָרט פון ציוויליזירטע מענטשן!

כ׳גיב דאָ איבער עטלאַכע בלעטלאַך פון מיין טאָג-ביכל.

מיטוואָך 11-טן דעצעמבער 1895. היינט האָט זיך געענדיקט מיין אַרבעט אַלס קאָכער און אָט קאָן איך שרייבן. די לעצטע טעג האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ שטורמווינט פון דרום-מזרח, עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזער הייזל און אַלץ באַדעקט מיט טוי-געפריר. איבער אונזער געלעגער טראָגט זיך דער ווינט; ער האָט אַרויסגעריסן מיין קאַיאַק און אַוועגעטראָגן אים הונדערט טריט באַרג-אַרויף. כ׳האָב אים לאַנג געזוכט, איידער כ׳האָב אים געפונען. אַ גליק נאָך, וואָס דאָס אייגענע איז נישט געשען מיט נאַנסענס קאַיאַק, אין וועלכן מיר האָבן איינגעפּאַקט אַלע אונזערע פאָטאָגראַפיעס פון דער עקספּעדיציע.

11-ער דעצעמבער איז שוין היינט? ווי די צייט גייט געשווינד און—גאָט צו דאַנקען! באַלד ענדיקט זיך דאָס יאָר, ס׳וועט קומען אַ נייער, וועלכער וועט באַפרידיקן אַלע אונזערע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, און מיר וועלן ענדלאַך אָנהויבן פירן אַ ניי לעבן. די זון וועט נאָך אַ קורצער צייט זיך באַהאַלטן פון אונז; אָבער סוף חודש וועט זי זיך אַ קער טאָן און וועט קומען נענטער צו אונז. זי וועט אונז ברייגנען אַ גערוס פון יענע ערטער, וואו ס׳לעבן מענטשן. סוף פעברואַר וועלן מיר ענדלאַך דערזען אירע ליכטיקע שטראַלן פון אונטערן ים אַרויס. מיר וועלן צוריסקריכן פון אונזער גרוב, כדי הייס צו באַגריסן דעם

טייערן גאַסט, וואָס האָט אַ קוק געטאָן צו אונז אין עק וועלט. פון אירע שטראַלן וועלן אָפּגיין אונזערע פּאַרגליווערטע אברים, דאָס בלוט אין אונזערע אָדערן וועט אָנהויבן צו פליסן געשווינ־דער, דאָס האַרץ וועט קלאַפּן שטאַרקער, אין קאָפּ וועלן גע־באָרן ווערן געדאַנקען,—מען וועט זיך דאַרפן צוגרייטן ווייטער צו דער רייזע,—צו דער לעצטער נסיעה, וואָס וועט אונז אומ־קערן צו ליכט און לעבן.

דאָנערשטאָג 12-ער דעצעמבער. ס׳איז פאָרט אַ פּאַרגעניגן אַרויס־צוגיין און אָטעמען פרישע לופט, כאָטש ס׳איז קאַלט און פינס־טער. ס׳רייבן זיך פאַנאַנדער די פאַרגליווערטע אברים און ס׳ווערט פרישער אין קאָפּ. דערצו איז נאָך היינט אַ פּרעכטיק וועטער, אין הימל שיינען די שטערן און די צפון-ליכט. מיר שפּאַנען שטיל אַהין און צוריק, יעדער פון אונז איז פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען.—אין דרום און דרום-מערב, דאָרט, וואו דער אויסגע־שטערנטער הימל קומט זיך צוזאַמען מיטן אייז, האָבן מיר דער־זען אַ פינסטערן פּאַס. דאָס איז געווען דער ים, וואָס האָט זיך דורכן לעצטן שטורמווינט באַפרייט פון אייז, און דאָס איז אַ טייל פון יענעם ים, וועלכער באַשווענקט אויך די ברעגן פון אונזער פאָטערלאַנד,—אָ, ווי קומט מען שוין אַהין אין יענעם לאַנד! שוין דריי יאָר באַלד, ווי מיר זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון דער וועלט, ניין חדשים פירן מיר שוין אַ לעבן, ווי ווילדע חיות, וואָס באַוואוינען דידאָזיקע גרויזאַמע לענדער. ניין חדשים האָבן מיר שוין די קליידער נישט אויסגעטאָן נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט, מיר פירן אַן שטייען-אויס די שווערסטע צייטן! נאָר דער געדאַנק וועגן דער ליבע, וואָס וואַרט אויף אונז אינ־דערהיים דערוואַרימט אונז דאָס האַרץ און שטאַרקט אונז מיט טרייסט!—און די גוטע צייט וועט קומען מיטן זומער צוזאַמען!

דינסטאָג 24־ער דעצעמבער 1895.—אָט האָבן זיך אויך אונטער־געריקט די ווינטער־חגאות. כ׳מיין, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל באַגעגענען יום-טוב אַזוי ווי מיר דאָ, אין אונזער שטיין-הייזל, אינם חושך פון דער פּאָלאַר-

נאַכט, ווייט פון דער וועלט און פון יעדער ציוויליזאַציע.—מיר
האָבן פונדעסטוועגן זיך פאָרט צוגעגרייט צום קבלת-פנים. ביי
אונז איז נאָך איבערגעבליבן אַ ביסל פיש-מעל, ברויט, שאָקאָלאַד
און צוויי פּאָרציעס קואָר-זופּ. מילא, שלעכט איז עס אודאי נישט!
אויף חגאות האָבן מיר באַהאַלטן אַ יונגן בערעלע—אַן עכטער
אינדיק! מיר האָבן אים אַפילו נישט געהאַט צושניטן אויף שטי-
קער, נאָר אָט אַזוי, ווי ער שטייט און גייט, האָבן מיר אים
געלאָזט איינפרירן און לאָזן ליגן אונטערן שניי אין אונזער פליישׁ-
שפּייכלער. איצט האָב איך אים צעהאַקט מיט אַ שטיין אויף צוויי
חלקים און דעם הינטער-חלק האָב איך אַריינגענומען אין שטוב,
וואו ער וועט אָפּגיין פון פראָסט. מיר האָבן נאָך אויך אַ היבש
ביסל בערן-שמאַלץ, האָבן מיר עס צעמישט טיילווייז מיט פיש-
מעל, טיילווייז האָבן מיר דערויף צוגעקראָטן ברויט. כ׳האָב אויך
אָנגעגרייט זיס אייז, עס זאָל נישט אויסקומען אום יום-טוב צו
לויפן אַן איבריק מאָל.

אונזערע מלבושים האָבן מיר אויך אַ ביסל איבערגעמאַכט. „ריינ-
קייט איז בעסער, ווי שיינקייט״—האָט אַן אַלטע באָבע אַמאָל
געזאָגט, אויסקערנדיק איר העמד אויף דער לינקער זייט. אויך
מיר האָבן אַזוי געטאָן. דאָס אויבערהעמד האָבן מיר אָנגעטאָן
אונטן, אויפן לייב, און דאָס אונטערשטע אויבן, אויף אים, פּאָרט
בעסער, ווי פריער, ווייל דאָס העמד האָט זיך שטאַרק געקלעבט
צום לייב פונם איינגעזאַפּטן פעטס. אויסערדעם האָב איך אָנגע-
טאָן אַ מלבוש פון קעמל-האָר. כ׳האָב אויך אַראָפּגעשניטן מיט אַ
שער דאָ און דאָרט מיינע לאַנגע קאָסמעס האָר. ווי אַזוי כ׳האָב
אויסגעזען נאָך אַזאַ מין אָפּשערעניש, איז בעסער נישט צו דער-
ציילן. נאַנסען האָט געלאַכט און האָט זיך טאַקי נישט געשאָרן.

„דורך יסורים קויפט זיך דער מענטש גליק אין דער צוקונפט״—
נאָך אָט דער לאַנגער חושכ׳דיקער נאַכט וועט קומען דער גע-
בענטשטער פרימאָרגן מיטן זונען-שיין און פויגל-געזאַנג, און בלו-
מען-בשמים און פערל-טוי אויפן פרישן גראָז... די צייט לויפט
געשווינד. די זון אונטער אונזער האָריזאָנט האָט זיך שוין אַ
קער געטאָן צום צפון און הויבט זיך אויף אַלץ מער און מער,

נאָנטער צו אונז. מיט איר קו-ען וועט חערן וואָרימער, דער שניי וועט שמעלצן, און ס'וועט פאַרשווינדן די אייז-בריק, וואָס שיידט אונז אָפּ פון אונזער ליבער היים. די שטראַלן וועלן אונז ברייגגען אַ פריילאַכן גרוס פון דער היים און מיר וועלן זיך דערויף אָפּרופן. אָ, זון, זון, דו ביזט דער קוואַל פון לעבן! דעמאָלט, ווען מיר האָבן דיך נישט, פאַרשטייען מיר ערשט דיין ווערט!

מיטוואָך 25-ער. לכבוד יום-טוב האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר. דאָס וועטער איז געווען אַזאַ, אַז מיר וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווען מיר זיינען פון אונטער דר'ערד אַרויסגעקראָכן, איז דער הימל געווען בלוטיק רויט, ווי אין אַ שרפה. דאָס צפון-ליכט האָט געשפּילט מיט אַלערליי פאַרבן פון אַ רעגן-בויגן אויפן עק הימל, אין דרום האָט געשיינט די לבנה. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די כחות פון דער נאַטור האָבן זיך צונויפגערעדט צו באַחנען פאַר אונז דעם יום-טוב. דער ווינט איז כמעט שטיל געוואָרן, דער פראָסט האָט געהאַלטן 30 גראַד. אַזאַ וואונדער-שיין וועטער מאַכט אַ פייערלאַכע שטימונג, וואָס איז ווערט דער צאַרטער און ווייכער לבנה-שיין, וועלכער גלעט די נשמה און מאַכט ווייכער די גרויזאַם קאַלטע צפון-נאַטור! דער קאָנטראַסט פון דער גרויזאַמער נאַטור און דער צאַרטער לבנה לאָזט זיך קוים באַגרייפן. צוזאַמען מיטן צאַרטן שמייכל פון דער לבנה גנבענען זיך .אַריין אין האַרצן גוטע געדאַנקען און געפילן, מען ווערט ווייכער און מ'שפּירט זיך גליקלאַך, שפּאַנענדיק אויפן פראָסט אַרום דעם צרהדיקן הייזל ענטציקט פון די פייער-ציגגען און ספּיראַל-פלאַמען פונם צפון-ליכט.

27--ער דעצעמבער. אַ סוף צום יום-טוב, אַ סוף צום שיינעם וועטער. דער פּאָלאַר-ווינטער האָט היינט ווידער איבערגעטאָן די קליידער. די לבנה איז פאַרצויגן מיט וואָלקנס, פון דרום-מזרח טראָגט זיך אַ שטורם-ווינט. מיר זעען ווידער אויפן עק-הימל ווייט אַ שוואַרצן פּאַס, וואָס דערמאָנט אונז אָן דעם ים. נישטאָ מער קיין צפון-ליכט, עס האָט זיך, משמעות, אַריבערגעטראָגן ווייטער צום צפון. אַ שפּאַציר האָבן מיר היינט פונדעסטוועגן געמאַכט מיט פאַרגעניגן, כאָטש דער שניי האָט אונז געשמיסן גלייך אין פּנים אַריין.

## קאַפּיטל פֿינפֿאונצוואַנציק.

שלאָף זשע, שלאָף, דו פּיינלאַך האַרץ,
און פאַרגעס די וועלט פון פּיין!
ס'וועט די האָפענונג דיך פרייען,
וועסט שוין מער נישט עלנט זיין.

כ'פלעג אָפט דערמאָנען אַט די ווערטער רונענבערגס, בשעת איך פלעג ליגן אויף אונזער האַרטן שטיינערנעם בעט. אָ, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט אַריינפאַלן אין אַ טיפן שלאָף און אָפּשלאָפן ביז יענער צייט, ווען מ'וועט קאָנען ווידער זיך לאָזן אין וועג אַריין צום דרום! אַריינקריכנדיג אַלץ טיפער אין זאַק אַריין און אַראָפציענדיק דאָס היטל איבער די אויגן און אויערן, האָב איך געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך—שלאָפן וואָס לענגער. יאָ ס'איז אַ גליק, וואָס די צייט שטעלט זיך נישט אָפּ קיינמאָל!

אין לעצטן טאָג פון יאָר האָט מיר נאַנסען פאָרגעלעגט, מיר זאָלן זיך זאָגן איינאַנדער „דו”. ביז אַהער האָבן מיר זיך אַלץ געאירצט. ערב ניי-יאָר בין איך געוואָרן קאָכער און אָנשטאָט בערישן בעפשטיק האָבן מיר זיך מכבד געווען מיט קאַשע פון מאַיס, צוגעפראַוועט מיט בערישן שמאַלץ. ס'איז געווען אַ מאכל פון גן-עדן! ניי-יאָר האָבן מיר געהאַט אַ פראָסט פון 42 גראַד. אין אונזערע פאַרשמאָלצענע און האַרטע מלבושים איז געווען אַ קנאַפּער פאַרגעניגן צו גיין אין אַזאַ פראָסט שפּאַצירן אָבער די רגילות באַווייזט וואונדער. מיר האָבן געשפּאַצירט און זיינען געווען גליקלאַך. בשעת מיר זיינען דערנאָך אַריינגעקראָכן אין אונ-

זער הייזל, אין דרויסן האָט געקנאַקט דער פראָסט און דער אייז האָט אונטער זיין דרוק געפּלאַצט מיט אַזאַ קנאַקעריי, אַז מ׳האָט געקאָנט מיינען—מ׳שיסט מיט האַרמאַטן.

דעם 11-טן יאַנואַר האָט אַ שטורם-ווינט ביי אַ פראָסט פון 41 גראַד נאָך אַלץ נישט געפּלאַצט. אַרויסגיין אין דרויסן איז נישטאָ קיין שום מעגלאַכקייט, אין הייזל ווערט דאָס וואַסער פאַרפראָרן אין קריג, וואָס שטייט צווישן צוויי לאָמפּן.

21-טער יאַנואַר. אַריבער נאָך אַ וואָך, וואָס איז אונז מקרב צום זומער. פאַר אונז איז דאָס אַן אמתע געשעעניש. אונטערן האָריזאָנט באַמערקן מיר שוין די ערשטע סימנים פון דער נאָנטער זון. דאָס וועטער איז ווייכער געוואָרן. ס׳האָט געהאַלטן נור 20 גראַד פראָסט, און מיר פלעגן אָפּט מאַכן אַ שפּאַציר. פאַר אונז איז דאָס גרעסטע פאַרגעניגן צו קוקן אויפן האָריזאָנט, וואו ס׳ווייזט זיך אַ שטרייכעלע ליכט... שוין באַלד אַ יאָר, ווי מיר האָבן זיך נאָך קיין איינציק מאָל נישט אויסגעטאָן, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט.

23-ער יאַנואַר. אין דער לעצטער צייט האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו באַאומרוהיקן, אַז עס וועט אונז אפשר פאַרפעלן פעטס. די גאַנצע האָפנונג איז איצט אויף די בערן, וואָס דאַרפן זיך באַווייזן מיטן פרילינג. מיר האַלטן אין קלערן, אפשר איז אַ סברא, מיר זאָלן זיך לאָזן מיט דער יבשה צום דרום און זיך דערשלאָגן צו דער אינזל שפּיצבערגען. די צרה איז אָבער, ווי נעמט מען כוח צו שלעפּן מיט זיך די שליטנס מיט די שיפלאַך. ס׳איז נאָך אויך אַ פראַגע, צי וועלן מיר באַקומען פלייש אין וועג. אָ, ווי דערשלאָגט מען זיך צו דער אינזל שפּיצבערגען!

צייטנווייז שניידערן מיר. מיט די נעגל און מיט די ציין האָבן מיר אָפּגעריייניקט די בערישע פעל פונם אייז און שמוץ און אויסגעשניטן פון זיי שטיקער צו פאַרלאַטען אונזערע הויזן.

13-טן פעברואַר. איך האָב שוין לאַנג נישט געשריבן, ווייל כ׳בין צוויי וואָכן צייט געווען קאָכער, ווייל נאַנסען האָט זיך געפילט עטוואָס קראַנק. איצט איז ער שוין קאָכער און איך רו זיך אויס.

די צייט לויפט געשווינד. וואָס אַ טאָג ווייטער ווערט אַלץ ליכטיקער. מיר האַלטן איצט אין איין טראַכטן וועגן אונזער נייער עקספעדיציע צום דרום. מיר זיינען כמעט זיכער, אַז זי וועט אונז געלינגען. וואו מיר געפינען זיך, ווייסן מיר גענוי נאָך אַלץ נישט. די צפון-ברייט איז 81°27 אָבער די מזרח-לענג? מיר האָבן אַ גרונט צו גלויבן, אַז מיר זיינען ווייט פאַרקראָכן צום מערב

כ'האָב אַרויסגעגראָבן פון אונטערן שניי אונזער פראָוויזיע. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן אַ סך געגעסן איבערן ווינטער און געבליבן איז אונז נישט פיל. בייטאָג איז שוין גאָר ליכטיק און וואַרים, אַ פאַרגעניגן צו שפאַצירן. דער שניי און אייז זיינען אַפילו נאָך אַלץ דיזעלבע, אָבער אין דער לופטן שפירן זיך שוין די נאָנטע טריט פון זומער און דאָס אויג קוויקט זיך מיט דער ליכטיקייט.

זונטאָג דעם 16-טן פעברואַר איז געווען אַ פרעכטיק וועטער ביי אַ פראָסט פון 12 גראַד און אַ היבשן ווינט. ביינאַכט איז אַרויסגעפאַלן אַ שניי. אויף צומאָרגנס האָבן מיר ווידער 35 גראַד פראָסט און אַ שאַרפן צפון־ווינט. דאָס וועטער האַלט זיך אין איין וואַקלען.

25-ער פעברואַר. מאָרגן וועט ווידער זיך באַווייזן די זון. אין די וואָלקנס האָבן מיר שוין געזען איר גאָלדענעם אָפשיין. דער הימל אַרום איז געווען באַגאָסן מיט די וואונדערלאַכסטע פאַרבן. אויפן שפאַציר האָב איך פלוצלונג דערזען אַ גאַנצע מחנה פויגעלאַך, וואָס זיינען געפלויגן פון דרום צום צפון; אַ ווײַלע שפעטער האָט אויך נאַנסען געזען אַ מחנה פויגעלאַך אין דער לופטן. דאָס זיינען געווען די אָנזאָגערינס פון פרילינג. אָרימע פויגעלאַך! צו וואָס פליט איר אַזוי פרי צום קאַלטן צפון? פליט בעסער צוריק אין די וואַרימע און מער גאַסטפריינטלאַכע לענדער! ווען איך אַ שטייגער וואָלט געווען אַ פויגל, וואָלט איך געפלויגן נישט צום צפון, נאָר צום דרום!

דעם 27־טן האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערזען די זון. זי איז געווען האַלב-פאַרדעקט מיט וואַלקנס; דאָס וועטער איז געווען

גרוי און נעפלדיק.

דינסטאָג 10-טן מערץ. כ'האָב ווידער אַ צייט לאַנג נישט געשריבן. די גאַנצע צייט איז דאָס וועטער טריב, און טריב איז אויך אויפן האַרצן; איצט איז געוואָרן ליכטיקער. מיר האָבן שוין גערעכנט צו פאַרלאָזן דעם אָרט אין אַפּריל, אָבער אונז פעלט פּעטס אַפילו פאַר די לאָמפּן צו קאָנען קאָכן זיך עסן. נישט-ווילנדיק האָבן מיר אָנגעהויבן קאַרגן און אָנצינדן דעם לאָמפּ נאָר דעמאָלט, ווען דאָס איז אַ נויטווענדיקייט. צום גליק האָבן מיר נאָר 3 גראַד פראָסט. אַ שאָד איז נאָר, וואָס מיר מוזן אויסקומען מיט אַ קאַלטן שטיקל פלייש! אונזער גאַנצע האָפנונג זיינען איצט די בערן.

דידאָזיקע האָפנונג האָט אונז נישט אָפּגענאַרט. איינמאָל, ווען איך האָב זיך גענומען אויפרוימען אונזער הייזל און געוואָלט אַרויסטראָגן אַלץ אויפן אייז, האָב איך פלוצלונג דערזען אַ גרויסן בער, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון הייזל. כ'האָב באַלד אָנגעזאָגט די בשורה נאַנסענען, געכאַפּט די ביקס און געשאָסן גלייך אין טיר אַריין, דאַכט זיך, צום בער אין דער ברוסט. דער בער האָט אָנגעהויבן שרעקלאַך צו ברומען און געמאַכט ויברח צוריק, האָב איך זיך געלאָזן לויפן נאָך אים. לאַנג בין איך געלאָפן און האָב ענדלאַך ווידער אויסגעשאָסן. דער בער איז אַנידערגעפאַלן, אָבער באַלד זיך ווידער אויפגעהויבן און זיך געלאָזן לויפן ווייטער. דאָ איז שוין אונטערגעקומען נאַנסען און, נאָך אַ לאַנגער שיסעריי און לויפעריי, האָבן מיר דעם בער באַקומען. דאָס איז געווען צום גליק אַ פעטער בער און זיין פלייש איז געווען זייער געשמאַק. איצט האָבן מיר שוין אַ זאַפּאַס צו דער רייזע, און אונזער שטימונג איז געוואָרן אַ געהויבענע.

דעם 16-טן מערץ האָט די זון געשיינט אין איר גאַנצער פראַכט. איך האָב זיך צוויפגעקליבן אויף אַ הויכן פעלז—פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פראַכטפול בילד. קיין אָפענער ים אָבער האָב איך אין ערגעץ נישט געזען. ווייט אַרום ציען זיך בלענד-ווייסע פעלדער פון שניי און אייז, איבער וועלכע ס'פליען אַרום פויגלאַך און עס שיינט די ליכטיקע זון. דער פראָסט האַלט סך

הכּל 10 גראַד;
און אָט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונז אַן אָנגעשטריינקטע אַר-בעטסצייט. מיר קלייבן זיך אין וועג אַריין. אַרבעט איז געווען וייער פיל. קודם כּל, אונזערע מלבושים מוז מען צורעכט מאַכן. זיי זיינען אַזוי צוריסן און פאַרשמאָלצן, אַז מ׳קאָן זיך גאָר אין וועג נישט לאָזן. צום גליק האָבן מיר נאָך צוויי וואָלענע קאָלד-רעס, האָבן מיר צוגעשניטן פאַר זיך הויזן און רעקלאַך. מיר האָבן אויך צוטרענט אונזערע זעק פון פּראָוויאַנט און באַקומען אַזוי־אַרום אַ גאַנצן אוצר פון פאָדעם. זיצן מיר איינער נעבן דעם אַנדערן אין שלאָף-זאַק און שניידערן אַ וואָך נאָך אַ וואָך; דער־נאָך האָבן מיר זיך גענומען צו שוסטעריי: פון די פעלן פון ים־פערד האָבן מיר זיך אויפגענייט זאָקן-שטיוול און אויך פאָדעש-ווען האָבן מיר צוגעמאַכט פונ׳ם דיקן פעל פון אַן אַלטן בער. פון איין בער האָבן מיר געהאַט אָפּגעשינדן די פעל פון די פיס און עס נישט פאַנאַנדערגעשניטן. איצט האָבן מיר עס אויסגע-קערט אויף דער לינקער זייט--ווידער אַ פּאָר שטיוול-זאָקן. גאָר ווי די בערן, ס׳איז אי וואַרים, אי באַקוועם. וועגן עלעגאַנץ וועלן מיר טראַכטן שפּעטער, ווען מירן קומען בשלום אַהיים.

אָט אַזוי־אַרום איז ענדלאַך געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן זיך געקאָנט לאָזן גיין אויפן שפּאַציר אין אונזערע נייע מלבושים. וויאַזוי מיר האָבן אויסגעזען אין זיי--אין פּאַריז זעט מען אַזעל-כעס געוויס נישט. מיר האָבן אויך אויסגעלאַטעוועט אונזערע קאַיאַקעס און אויפגענייט זיך אַ נייעם שלאָף-זאַק פונם בערישן פעל.
דעם 2-טן אַפּריל האָבן מיר, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, פּלוצלונג דערהערט עפּיס אַ שווער טרעטן פון לאַפּעס. איך בין אַרויסגע-גאַנגען און האָב דערזען אַ בער, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן אויפגראָבן דעם שניי. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט די שטיקער פלייש פון ים־פערד, וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרגראָבן. דער בער איז געווען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט דער־מיט, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט, ווי נאַנסען איז צוגע-

—

גאַנגען צו אים גאָר נאָנט. ווען ער האָט זיך ענדלאַך אָ כאַפּ געטאָן, האָט ער באַקומען אַ קויל אין מאָרדע. ער האָט זיך באַלד געלאָזט אַנטלויפן, אָבער נאָנסען—נאָך אים, און מיט פינף שאָסן האָט ער אים ענדלאַך אַנידערגעלעגט טויט.

מיטוואָך, דעם 6-טן מאַי. מיר האַלטן נאָך אַלץ אין לאַטען, נייען און צוגרייטן אַלץ צו דער נסיעה. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן מיר ווידער דערשאָסן אַ פּאָר בערן, מ׳קאָן נישט זאָגן, הצלחה האָבן מיר. בערן זיינען פאַראַן לרוב,—אָבער מיר נויטיקן זיך שוין מער נישט אין פלייש. אין דער לעצטער נאַכט איז געקומען צו אונז אַ בעריכע מיט אַ פּאָר קליינע בערעלאַך. האָבן מיר זיי קוים-קוים פאַריאָגט. צו שיסן זיינען מיר שוין קיין בעלנים נישט געווען. אַ שאָד די קוילן, זיי קאָנען נאָך אפשר שפּעטער צונוץ קומען.

מיר האָבן ענדלאַך פאַנאַנדערגענומען דעם דאַך פון אונזער פּאַלאַץ און באַפרייט אונזערע טייערע פוסשליטעלאַך. נאָנסען האָט פאָטאָגראַפירט דאָס הייזל פון אינעווייניק מיר האָבן אויך אויפגעשריבן די געשיכטע פון אונזער עקספּעדיציע בקיצור און אַריינגעלעגט עס אין אַ בלעכענע שאַכטל, וואָס מיר וועלן באַהאַלטן צווישן די שטיינער ביים דאַך. זאָל עמיצער קומען און לייענען!

## קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק.

דער 19-ער מאַי. מיר זיינען שוין פאַרטיק צו דער נסיעה קיין דרום.

מיט עפּיס אַ באַזונדער געפיל האָבן מיר, שוין כמעט פאַרנאַכט זיך געלאָזן אין וועג אַריין. מיר האָבן געהאַט פיל משא, פון גיין אין שפּאַן האָבן מיר זיך שוין כמעט ווי אָפּגעוויינט. מיר האָבן באַשלאָסן זיך נישט אָנצושטריינגען אין די ערשטע טעג, און דעריבער האָבן מיר נאָך אַ קורצן מאַרש זיך געלעגט אין אונזער אויפגעשטעלטן ביידל און זיך בעת מעשה געפרייט, וואָס מיר זיינען דאָך פאָרט אין וועג צו אונזער היים.

דעם 21-טן האָבן מיר, מיד פון וועג, זיך אָפּגעשטעלט; איך האָב זיך גענומען אויפשטעלן ס׳ביידל, נאַנסען איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ פעלז און באַטראַכט די געגנט דורכן שפּאָקטיוו. קומענדיק צוריק, האָט ער געזאָגט, אַז ווייט-ווייט זעט זיך אָן אָפּענער שטיק ים. דאָס איז אַלזאָ געווען דער אָפּענער ים, וואָס מיר האָבן נאָך באַמערקט אין אונזער הייזל! ער האָט אויך געזען צוויי אינזלען באַדעקט מיט אייז.

שבת דעם 23-טן מאַי. נעכטן אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם-ווינט פון דרום. מיר האָבן תחלת זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אָבער באַלד זיינען מיר אַזוי מיד געוואָרן, אַז מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן. דער שטורם האָט געדויערט אַ גאַנצן מעת לעת ביי אַ האַלבן גראַד וואַרימקייט. היינט זיינען מיר געזעסן אויף אונזער אָרט. מיר האָבן בלויז געמאַכט אַ קליינע עקסקור-

ס'יע און זיך אגב דערוואוסט, אַז די יבשה ציט זיך ווייטער צום דרום. מיר האָבן ווידער געזען דעם אָפענעם ים, אָבער ער ציט זיך נישט ווייט. ווען מיר האָבן זיך שוין געלעגט אין שלאָף-זאַק, איז אַ בער אונז פאַרבייגעגאַנגען גאָר נאָנט, אָבער מיר האָבן אים נישט דערשאָסן, ווייל מיר האָבן נאָך דערוווייל גע-נוג פלייש. זאָל זיך דער פעטער בערל גיין געזונטערהייד!

דעם 24-טן מאַי נאָכמיטאָגצייט האָבן מיר זיך געלאָזן גיין אי-בערן אייז צו דער אינזל, ווייט הינטער איר איז געלעגן דער אָפענער ים. מיר האָבן זיך באַנוצט מיטן מזרח-ווינט און האָבן אויפגעהויבן זעגלען אויף אונזערע שליטנס. אַזוי איז געווען באַ-קוועם צו פאָרן. ביינאַכט זיינען מיר שוין געווען ביי דער אינזל, אָבער דאָ האָט זיך פלוצלונג אָנגעהויבן אַזאַ שטורם-ווינט פון דרום-מערב, אַז אונזערע שליטעלאַך זיינען אומגעפאַלן. איך האָב זיך גענומען צורעכט מאַכן די איבערגעקערטע שליטנס און נאַנ-סען איז געגאַנגען אויפזוכן אַן אָרט אויף אַ נאַכטלעגער. געענ-דיקט מיין אַרבעט, האָב איך זיך איינגעשפּאַנט אין די שליטע-לאַך און געלאָזן זיך ווייטער, צו נאַנסענען. פלוצלונג זע איך, ווי נאַנסען ליגט. אפשר איז ער געפאַלן, פאַרוואָס-זשע שטייט ער נישט אויף? גיי איך צו נאָנטער—ער שרייט און רופט צו-הילף. וואַרף איך אַוועק די שליטעלאַך, לויף צו אים און זע, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אייזשפּאַלט, וואָס איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי און צוליב די פוסשליטעלאַך, וועלכע ער האָט אָנגעבונדן אויף די פיס קאָן ער זיך נישט אויפהויבן, נאָר ער זינקט אַלץ טיפער אין שניי. איך האָב אים קוים מיט צרות אַרויסגעשלעפּט פונם אייזשפּאַלט. ער איז שוין געלעגן אַ לענגע-רע צייט און געשריען, אָבער איך האָב נישט געהערט, ווייל דער ווינט האָט געבלאָזן געגן מיר. דאָס איז פאַר אונז געווען אַ גוטע לעקציע, נישט צו גיין ווייטער אויף פוסשליטעלאַך אַליין אויף אַזאַ אייז. ענדלאַך האָבן מיר געפונען אַ באַקוועמען אָרט פאַר אַ נאַכטלעגער. נאַנסען איז תיכף אַריינגעקראָכן אין שלאָף-זאַק און זיינע נאַסע קליידער האָט ער אויפגעהאָנגען צום טרי-קענען.

מיטוואָך דעם 27-טן מאַי זיינען מיר ווייטער נישט געגאַנגען, ווייל ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט און עס האָט גערעגנט און געשנייט. דאָ שוויבלט און גריבלט מיט ים-פערד, זיי ליגן זיך טשערעדעסווייז אויפן אייז און קוקן אויף אונז מי'ט גרויס חדוש. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין לענגויס מיטן ברעג-אייז צום צפון. די ים-פערד זיינען אויך נאָכגעגאַנגען און, ווען מיר האָבן זיך דערווייטערט פון ברעג, האָבן מיר געהערט, ווי זיי האָבן אונטער אונז געבראָכן דעם אייז מיט זייער האַרטע שאַרבנס. קענטיק, אַז זיי גייען אונז נאָך פוסטריט. מיר זיינען זיך אַדורכ-געגאַנגען צום דרום; דאָ האָבן מיר דערזען אַ ווייסן אָפענעם וועג אין ים.

דינסטאָג 2-ער יוני. מאַי איז אַריבער און מיר רירן זיך נאָך אַלץ נישט פון אָרט. דאָס וועטער איז, צו אונזער אומגליק, שלעכט און אָט זיינען מיר געבליבן זיצן אויף דער „געגנזן-אינזל" (אַזוי האָבן מיר זי אַ נאָמען געגעבן, ווייל אין שניי האָבן מיר דאָ געזען שפּורן פון געגנז.) מיר האָבן שוין דאָ אויסגעהאַלטן צוויי שטורמס; איצט ווערט עס אַ ביסל שטילער, און מיר האָפן, אַז מיר וועלן קאָנען זיך לאָזן מאָרגן אין וועג אַריין. אָט אַזוי האָבן מיר אין רעכטן אָנהויב פון אונזער נסיעה געמוזט מאַכן אַ הפסקה פון גאַנצע צוויי וואָכן! ליגן אין נאַסן שלאָף-זאַק און האַלטן אין איין טריקענען די מלבושים, בשעת דער שניי שמעלצט אונטער דיר—ברר! דאָס אַלץ איז אָבער נאָך גאָרנישט געגן דעם, וואָס מיר זעען, ווי די טייערע צייט פאַרשווינד און מיר רירן זיך נישט פון אָרט. אָבער מיר מוזן האָבן געדולט! נאָך אַ ביסל ליידן—און אַ סוף מוז עס דאָך נעמען!—

מיר האָבן ווידער דערזען אַ מחנה ים-פערד. נאַנסען האָט זיך גענומען אָפּפאָטאָגראַפירן זיי. כדי אָבער דאָס בילד זאָל אויסקו-מען לעבעדיקער, האָב איך זיי געררייצט מיט אַ שטעקן. זיי האָבן זיך גענומען וואַרפן איינע צו די אַנדערע און געהאַקט מיט די לאַנגע רייסציין אין אייז. אַנטלאָפן אָבער זיינען זיי נישט. די פאָטאָגראַפיע איז אויסגעקומען זייער געראָטן.

דעם 3-טן יוני אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער

„שטורם-אינזל", כדי צו באַקענען זיך דאָרט מיטן אָפענעם ים. אָבער דאָרט האָט זיך אויך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. דער שטורם האָט אָנגעשלעפּט פיל אייז. מיר האָבן דעריבער זיך גע-לאָזט גיין צום דרום מיט דער יבשה. דער ווינט איז אונז גע-ווען גינסטיק, מיר האָבן אויפגעהויבן די זעגלען אויף די שליטנס, זיך אָנגעשפּאַרט הינטער די שליטנס אויף די פּוסשליטלעך און דער ווינט האָט אונז געטראָגן תּחלת נישט שלעכט, אָבער באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן זינקען אין ווייכן שניי. מיר זעען, אַז ווייטער גיין אַזוי, קאָן מען נישט. האָבן מיר זיך ווידער אָפּגעשטעלט. דאָס פלייש האָט זיך שוין ביי אונז געענדיקט. פאַראַן אַפילו אַ סך פייגל, אָבער זיי פליען צו-הויך, שווער צו שיסן אין זיי. אַ פּאָר פון זיי האָבן מיר דאָך דערשאָסן, האָט עס געקלעקט אויף אַ צאָן. זיינען מיר אַוועק צו דער מחנה ים-פערד. דאָרט האָבן מיר איינעם דערהרגעט און אָנגעשניטן זיך שטיקער פלייש. אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ פעטע וועטשערע, כאָטש נישט אַזאַ באַטעמטע.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ גינסטיקן ווינט. מיר האָבן ווידער אויפגעהויבן די זעגלען און געפאָרן באַקוועם און גע-שווינד צום דרום. און אָט האָבן מיר אויך ענדלאַך דערזען ביים ברעג דעם אָפענעם ים און זיך געלאָזן שוואומען אויף אונזערע שיפלעך מיט זעגלען: דאָס איז געווען אַן אמתע לוסטרייזע, די פייגעלאַך זיינען געפלויפן אַרום אונז מיט אַ פיפּטשריי און אַ קוויטשעריי. אויפן ברעג האָבן מיר באַמערקט אַ פּאָר גענז. אָבער מיר איילן צום דרום!

אַ באַזונדערס גליקלאַכן טאָג האָבן מיר געהאַט דעם 6-טן יוני. מיטן אָפענעם וואַסער האָבן מיר ווייטער נישט געקאָנט פאָרן, ווייל דאָס וואַסער האָט זיך דאָ פאַרקירעוועט צום צפון. זיינען מיר דעריבער געגאַנגען מיט דער יבשה אין דער ריכטונג צו דרום. דער אייז איז דאָ געווען גלאַט, דער ווינט—גינסטיק האָבן מיר מיט די זעגלען אויף די שליטנס געמאַכט די רייזע נאָך באַקוועמער, ווי אויפן וואַסער. אָבער וואו מיר זיינען געווען, האָבן מיר נישט געוואוסט, ווייל די געגנט איז געווען איינגעהילט

אין אַ געדיכטן נעפּל. אַרום מיטאָגצייט האָט אַ שיין געטאָן די זון. נאָכסען האָט געמאַכט מעסטונגען, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר געפינען זיך אונטער 45 $80^0$ צפון-ברייט. פאַר אונז איז איצט קלאָר, אַז מיר געפינען זיך נישט אויף דער פראַנץ-יאָזעף-יבשה, נאָר אויף איינער פון די פיל אינזלען, וואָס זיינען דאָ פאַראַן אין מערב. אַבי נאָנטער צו שפּיצבערגען!

נאָך צוויי טעג זיינען מיר געפאָרן מיט אונזערע זעגלען אויפן אייז. פון מערב האָט זיך געצויגן אַ גרויס לאַנד, באַדעקט מיט אייז-בערג. דער ווינט איז געווען גינסטיק און מיר זיינען געפאָרן, ווי מיט דער באַן. טיילמאָל זיינען מיר אַזוי געשווינד געפלויגן, אַז מיר האָבן זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן און פלעגן אומפאַלן מיטן שליטן. דעם 8-טן יוני האָבן מיר זיך ענדלאַך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שניי-שטורם. אויף צומאָרגנס זיינען מיר געפאָרן ווייטער אויף דעמזעלבן שטייגער. אין איין אָרט בין איך שיר נישט אַריינגעפאָרן מיט מיין שליטן אין ים אַריין. כ'האָב זיך קוים-קוים אַרויסגעראַטעוועט.

דינסטאָג, 9-ער יוני. דערווייל פאָרן מיר נאָך אַלץ גוט. דער ווינט טראָגט אונז צום דרום. אונזער זאַפּאַס פלייש ווערט ווידער קלענער. נאָך צוויי טעג זיינען מיר געפאָרן אויפן אייז מיט די זעגלען; ענדלאַך האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער אינזל און זיך געלאָזן מיטן וואַסער צו אַ צווייטער אינזל צום מערב-צו. דאָס וואַסער איז דאָ געווען פול מיט שווימעדיקע אייז-בערג, מיט וועלכע מיר זיינען גוט באַקאַנט געווען נאָך פאַראַיאָרן. דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער. האָבן מיר צוזאַמענגעבונדן אונזערע שיפעלאַך, אַרויפגעשטעלט אויף זיי די שליטעלאַך, אָנגעצויגן די זעגלען און מאַרש אין וועג אַריין—מיטן ים. אַלס רודער האָט אונז געדינט אַ פּוסשליטל. אָט אַזוי זיינען מיר ענדלאַך געקומען צו דער דרום-זייט פון דער אינזל, אָבער וואו זיינען מיר דאָ פאָרט? נאַנסען האָט שוין ווידער אָנגעהויבן גלויבן, אַז מיר זיינען אויף דער אינזל פראַנץ-יאָזעף. אין אָוונט זיינען מיר צוגעשטאַנען צום ברעג. נאַנסען האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אייז-

באַרג און באַטראַכט דעם ים אַרום. נאָכדעם האָט ער מיך צוגערופן. אונזערע קאַיאַקן זיינען געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ פּוסשליטל, וואָס איז אַריינגעשטעקט געוואָרן אין אייז.

ווען מיר האָבן זיך אַרויפגעקליבן אויפן אייז־באַרג, האָב איך צופּעליק דערזען, אַז אונזערע שיפּעלאַך האָבן זיך אָפּגעריסן פונם פּוסשליטל און זיינען אָפּגעשוואומען פון ברעג. האָבן מיר ביידע זיך אַ וואָרף געטון צום ברעג. נאַנסען האָט, נישט לאַנג טראַכטנדיק, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ טייל מלבושים, דערלאַנגט מיר זיין זייגער און איז אַריינגעשפּרונגען אין ים... דאָס וואַסער האָט אין די שיפּעלאַך אַוועקגעטראָגן אונזער גאַנצן פאַרמעגן: די שפּייז, די מלבושים, די ביקסן, די פּאַטראָנעס—אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר באַדאַרפט האָבן אין דעמדאָזיקן שווערן וועג. אָן דעם זיינען מיר פאַרפאַלן!...

נאַנסען איז שנעל געשוואומען, אָבער די שיפּעלאַך זיינען געשוואומען נאָך שנעלער. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ געפערלאַכער. ווער ווייס נאָך, ווי לאַנג נאַנסען וועט זיך קאָנען האַלטן אינם אייזוואַסער. איך האָב נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט, כ'האָב זיך געוואָרפן אַהער און אַהין, אָבער העלפן האָב איך מיט קיין זאַך נישט געקאָנט!... כ'האָב די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן פון נאַנסענען, אָט ווערט ער מיד און לעגט זיך אויפן רוקן. מיך נעמט אַדורך אַ שוידער: ווי וועט זיין, אַז ער וועט נעמען גליווערן אינם אייזוואַסער און ער וועט דערטרונקען ווערן אויף מיינע אויגן? און ווען אַפילו כ'זאָל זיך אויך אַריינוואַרפן אין ים, מיט וואָס קאָן איך אים אָבער דאָ העלפן?... נאַנסען שווימט אַלץ ווייטער, ווייטער, אָבער קענטיק, אַז ער ווערט שוואַכער און שוואַכער... באַלד וועט ער גאָר בלייבן אָן כּחות... פּלוצלונג זע איך, ווי ער האָט מיט איין האַנט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַיאַק, ער וויל אַרויפגיין אויף אים און האָט נישט קיין כּח; אָט פּרובט ער אַ צווייט מאָל און ס'געלינגט אים—ער זיצט שוין אין שיפל! אַ שווערער שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן.

באַנסען האָט דערווייל געכאַפּט אַ רודער און אָנגעהויבן געשווינד צו אַרבעטן אויף ביידע זייטן פון די שיפעלאַך. ווי ער האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט ער געהאַט צוריק אַ שרעקלאַך שווערן וועג, ווייל ער איז שוין געבליבן גאָר אָן כחות און דער פראָסט האָט אַדורכגענומען זיינע נאַסע מלבושים. ענדלאַך איז ער אָבער צוגעקומען צום ברעג. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים.

—נו, ווי שפּירסטו זיך?—פרעג איך.

—קאַלט, קאַלט!—האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

כ'האָב אים געהאָלפן אַראָפּשלעפּן פון זיך די נאַסע קליידער און אַרויפגעצויגן אויף אים אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געהאַט אין אונזער דלות. לסוף האָב איך אויסגעטאָן מיינע הויזן, אַרויפגעצויגן זיי אויף אים און געבראַכט צום ברעג אונזער שלאָף-זאַק. נאַנסען איז אַריינגעקראָכן אין אים און איך האָב אים נאָך איינגעדעקט מיט די זעגלען. ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף אים: בלאַס, ווי אַ מת, פון מויל האָט ביי אים געשלאָגן אַ שוים, קוים וואָס ער האָט גערעדט, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס, און ס'האָט אים שרעקלאַך געשוידערט.

דאַן האָב איך זיך גענומען קאָכן אַ וואַרים זופּ. צום גליק איז דאָס וועטער געווען נישט שלעכט און איך האָב זיך געקאָנט האַלטן אויפן אייז כמעט אַ נאַקעטער. כ'האָב דערווייל אויסגעקוועטשט נאַנסענס מלבושים און אויסגעהאָנגען זיי צום טריקענען. יעדע מינוט בין איך צוגעלאָפן צו נאַנסענען און געהאָרכט, ווי ס'האָט אים נאָך אַלץ געשוידערט. ענדלאַך איז ער איינגעשלאָפן. איך האָב אים נישט געשטערט, ביז עס איז פאַרטיג געוואָרן אַ וואַרים געקעכטס. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איך האָב אים געפרעגט, ווי ער שפּירט זיך, האָט ער מיר שוין געענטפערט מיט זיין געוויינלאַכער שטים. קענטיק, אַז ער איז שוין ווידער צו זיך געקומען.

מיר האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין מיטן וואַרימען געקעכטס, און דערביי געכאַפּט אַ שמועס וועגן דער געשעעניש. מיר זיינען געווען גליקלאַך, וואָס ס'איז אונז געלונגען אַרויסצוראַטעווען אונזערע זאַכן. אָן דעם וואָלטן מיר זיכער געפונען דעם טויט אויפן אייז.

## קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט פאָרן אויפן וואַסער לענגויס דעם ברעג פון אייז. זונטאָג, דעם 14-טן יוני, זיינען מיר אין איין אָרט אַרויס אויפן ברעג, וואו ס׳איז געלעגן אַ גרויסע מחנה ים-פערד. פיל, ווידער, זיינען אומגעשוואומען אין וואַסער. דאָ זיינען געווען אַזוי פיל ים-פערד, אַז מיר האָבן נאָך פון דערווייטן געשפּירט זייער ריח. אַזאַ גרויסע מחנה האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געזען, אפשר עטלאַכע הונדערט שטיק. מיר האָבן זיך שוין גענויטיקט אין פלייש און פעטס. נאַנסען האָט דערשאָסן צוויי יונגע ים-פערדעלאַך (די עלטערע האָבן זיך אונז שרעקלאַך צוגעגעסן), אָבער אונז איז נישט געלונגען צו באַקומען זייער פלייש, ווייל, אַנטלויפנדיק, האָט זיי די מוטער אַוועקגעשלעפּט מיט זיך. דאַן האָבן מיר זיך געלאָזן צו אַ צווייטער גרופּע און דאָ האָבן מיר דערהרגעט נישט בלויז אַ קליין ים-פערדעלע נאָר אויך זיין מוטער. פון דער מוטער האָבן מיר באַקומען פעטס און פונם קליינינטשקן—פלייש. מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ פרישן און געשמאַקן מיטאָג. די ברוסט פונם יונגן ים-פערד האָט געהאַט אַ טעם פון שעפּסנפלייש. מיר האָבן אַפילו געגאַרט נאָך בעריש פלייש, אָבער די בערן האָבן, ווי אויף צו להכעיס, זיך נישט באַוויזן. איבעריגנס, נאָכדעם ווי מיר האָבן איצט געפּרובט דאָס פלייש פון אַ יונגן ים-פערד, ברויכן מיר שוין נישט קיין בעריש פלייש. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געשמאַק אויסגעשלאָפן און ווידעראַמאָל אָפּגעגעסן האָבן מיר זיך געלאָזן אויף אונזערע

צווײ, פּעסט צונויפגעבונדענע קאַיאַקעס ווײטער אין וועג אַרײַן. מיר האָבן געמוזט שווימען זײער פּאָרזיכטיק, ווײל די ים-פערד האָבן זיך דאָ אַרומגעדרײט אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז אַ קאַמף מיט זײ אין וואַסער וואָלט געווען זײער געפערלאַך.

מיר זײנען געשוואומען ווײטער אַפילו בײנאַכט. דאָס איז געווען אַ פּראַכטפולע נאַכט — אַ וואַרימע און אַ שטילע. די ים-פערד אַרום זײנען ביסלאַכווײז פאַרשוואונדן. צום פרימאָרגן זײנען מיר שוין געשוואומען יעדערער באַזונדער אויף זײן קאַיאַק — איך פאָרויס, נאַנסען אַ ביסל ווײטער, הינטער מיר. פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער ים-פערד און, באַלד ווי ער האָט אונז נאָר דערזען, איז ער ווידער פאַרשוואונדן אין וואַסער.

— ס׳וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי ער וועט זיך ווידער באַווײזן! — האָב איך אַ זאָג געטאָן — דאָס וועט זײן אָבער גוט דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיך אַרויסזעצן אויפן ברעג.

אָבער באַלד ווי מיר האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט בײם ברעג אײז, האָט נעבן נאַנסענס קאַיאַק זיך ווידער באַוויזן דער גרויסער ים-פערד. סאָפּענדיק און קריצנדיק מיט זײנע שרעקלאַכע רײסצײן, האָט דידאָזיקע ריזנחיה פאַרטשעפּעט מיט איר פאָדער-שטער שווימלאַפּע נאַנסענס קאַיאַק מיט דער כּונה איבערצוקערן עס. נאַנסען איז געשווינד אָפּגעשפּרונגען צום שפּיץ שיפל און מכבד געווען דעם ים-פערד מיטן רודער איבער קאָפּ. די צע-רײצטע חיה האָט נאָך מער זיך אַרויסגעהויבן פון וואַסער און ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז זי איז זיך מכוין צו וואַרפן אויף מיר. איך בין געשטאַנען גרײט מיטן רודער צום קאַמף, אָבער דער ים-פערד האָט, משמעות, חרטה געהאַט און זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן וואַסער, פאַרשפּרײטנדיק געוואַלטיקע כוואַליעס אַרום זיך. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַז מיר האָבן שוין געמײנט, עס איז אַ סוף צום קאַמף; אָבער פּלוצלונג האָט נאַנסען אַ זאָג געטאָן:

— געשווינד אויפן ברעג אַרויס, ער האָט דורכגעביסן אַ לאָך אין מײן קאַיאַק.

אַ גליק, וואָס מיר האָבן זיך געפונען האַרט בײם ברעג. אין

נאַנסענס קאַיאַק איז געווען אַ גרויס לאָך, דורך וועלכער דאָס וואַסער האָט געשפּאַרט אַרויף. מיר האָבן דעם קאַיאַק אַרויסגע-שלעפּט אויפן ברעג, די פאַרנעצטע זאַכן האָבן מיר אויסגעלייגט צום טריקענען. צום גליק איז געווען אַ וואַרים וועטער.

דעם 17-טן יוני אין אָוונט. אַ גרויסע געשעעניש: מיר האָבן דער-הערט פון דער יבשה-זייט דאָס בילן פון אַ הונט. פריער האָבן מיר געלעגט אַ לאַטע אויפן קאַיאַק און פאַרגאָסן די נעהט מיט סטעאַרין. נאַנסען איז געווען קאָכער און האָט אָנגעשניטן שטי-קער פלייש פון ים-פערד, אַריינגעלעגט זיי נאָכדעם אין טאָפּ און צוגעשטעלט אויפן פייער. פּלוצלונג שרייט ער צו מיר:

—יאָהאַנסען, כ'הער בילן אַ הונט!

איך בין נישט-טויט, נישט-לעבעדיק אַרויסגעשפּרונגען פון שלאָף-זאַק און אַרויפגעקראָכן אויף אַן אייז-באַרג. איך האָב מיך לאַנג צוגעהערט און נאַנסען האָט זיך עוסק געווען ביי אונזער קיך. דאַכט זיך, כ'הער אויך דאָס בילן פון אַ הונט, כ'בין אָבער נישט זיכער, מעגלאַך, אַז דאָס איז אַ טעות. מעגלאַך, אַז דאָס שרייט אַזוי אַ פויגל, וועלכער זיצט-אויס זיינע אייער אויבן, צווישן די שטיינער. לסוף האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך וועל דאָ בלייבן אויף דער וואַך ביי אונזערע זאַכן און נאַנסען וועט זיך לאָזן טיפער אין דער יבשה, צו דערגיין, וואו בילט עס אַ הונט. ביים עסן האָבן מיר זיך געבראָכן דעם מח איבער דער פראַגע, וואָס פאַר אַ מענטשן קאָנען עס דאָ זיין, אויב זיי זיינען דאָ ווירק-לאַך פאַראַן. צי איז עס נישט אַמאָל די ענגלישע עקספּעדיציע, וואָס האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין, ווען מיר זיינען אָפּגע-פאָרן מיטן „פראַם?..”

נאָכן עסן האָט נאַנסען גענומען מיט זיך די ביקס, אָנגעטאָן די פוסשליטעלאַך, פאַרכאַפּט אויך די שפּאָקטיוו און מאַרש אין אום-באַקאַנטן וועג אַריין. איך האָב דערווייל אַריינגעזעצט אין אייז אַ באַמבוסשטעקן, צוגעבונדן אויבן אַ גרויסע שמאַטע—זאָל עס די-נען פאַר אַ סימן צו וויסן, וואו איך געפין זיך.

ווען נאַנסען איז פאַרשוואונדן געוואָרן, בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַן אייז-באַרג און גענומען צוהערן. דאַכט זיך, אַז דאָס

שרייט אַ פויגל? אפשר ניין? אפשר פּאָרט אַ בילן פון אַ הונט?
אָ-אָ, דאָס בילן קומט אונטער נענטער, אָט הער איך עס אין
איין זייט, אָט אין אַ צווייטער זייט, און אָט הער איך דייטלאַך
עפּיס אַנדערע שטימען אויך... איצט בין איך שוין זיכער געווען,
אַז עס גייען מענטשן מיט אַ הונט. ס'גלויבט זיך מיר גאָר נישט
אַזאַ גליק! נאָך דריי יאָר בלאָנדזשעניש אין די ווייטע אייז־
פעלדער גאָר אַליין, מיט אַמאָל ווידער זיין צווישן מענטשן!
איך ווער אומגעדולדיק, איך שפּרינג אַרונטער פון אייז-באַרג,
איך קלעטער ווידער אַרויף, איך האָרך און האָרך. אָ, נאָנסען,
וואו זיינען דאָ מענטשן און וואו ביזטו אַליין!

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

מיין אומגעדולד איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. מיין אימפּראָ-
וויזירטע פאָן לאָזט זיך מסתמא באַמערקן ווייט-ווייט, ווייל די
ברודנע שמאַטע הייננט, ווי אַ פלעק אויפן ווייכן שניי אַרום.
לסוף האָב איך אין דערווייטן דערזען אַ שוואַרץ פּינטעלע, וואָס
באַוועגט זיך מיטן ברעג אויפן אייז. תחלת האָב איך גערעכנט,
אַז דאָס איז נאָנסען; באַלד אָבער האָב איך דערזען, אַז דער
מענטש גייט נישט אויף פוסשליטעלאַך און אַ ביקס האָט ער אויך
אַ לאַנגע, גאָרנישט ענלאַך צו אונזערער. יאָ, דאָס איז אַ פרעמ-
דער מענטש—דער ערשטער נאָך דריי יאָר צייט! איך בין גע-
שווינד אַראָפּגעלאָפן פון אייז-באַרג און אַ הויב געטאָן אַ נאָרווע-
גיש פאָן-זאָל ער וויסן, צו וואָס פאַר אַ פאָלק מיר געהערן!
איצט האָב איך שוין געקאָנט באַמערקן, אַז ער איז אָנגעטאָן,
ווי אַ ציוויליזירטער מענטש, דאָס פּנים זויבער געוואַשן. אָט הער
איך, ווי ער סאָפּעט שווער, משמעות, מיד פון וועג; כ'זע, ווי
ער פאַלט אַריין אַ פּאָר מאָל מיט זיינע הויכע שטיוול אין טיפן
שניי. דעמאָלט וואַרף איך מיך צו אים. כאַפּט ער אַראָפּ דעם
הוט און באַגריסט מיך, נעם איך אַראָפּ מיין ב׳ידנע פאַרשמאָל-
צענע פאַפּאַכע און ענטפער אים און באַלד דערויף דריקן מיר
איינאַנדער די האַנט.

—אינגליש?—מאַכט ער צו מיר.

—נאָ!—ענטפער איך אים.
ליידער קען איך נישט קיין איינגליש. כ׳הויב אָן ריידן דייטש, פראַנצויזיש—פאַרשטייט ער נישט. מיר פאַרשטייען אָבער מיטן האַרצן איינער דעם אַנדערן אויסגעצייכנט!
מיסטער טשאַילד—דאָס איז געווען זיין נאָמען—האָט זיך תיכף אַוועגעלאָזן צו מיר, ווען ער האָט דערהערט פון נאַנסענען, אַז זיינער אַ חבר איז געבליבן דאָרט אויפן אייז. ער האָט זיך אָבער אַזוי געאיילט, אַז נאַנסען האָט פאַרגעסן אים צו זאָגן, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין איינגליש.
איך האָב אים צוגעפירט צו אונזער ביידל און, ווען ער האָט דערזען אונזער ביסל אָרימקייט, אונזער קאָך-אַפּאַראַט מיט די וואונדערלאַכע מאכלים, האָט ער ער אויפגעהויבן זיינע שיינע בלויע אויגן צו מיר און דאַן ווידער צו אונזערע זאַכן און ער איז געשטאַנען און געגאַפּט און געשטיינט, ווי אַ קינד. האָב איך מיך גענומען געבן אים צו דערקלערן אויף שטום-לשון פונוואַנען מיר קומען. אָבער אָט האָבן זיך באַוויזן נאָך צוויי מענטשן: מיסטער בערדזשיס און דער באָטאַניק, מיסטער פישער. ווידער אַ פריינטלאַכע האַנטדרוק און ווידער געוואַלטיקע פאַרוואונדערונג. איינער פון זיי האָט אַ ביסל גערעדט דייטש און פראַנצויזיש, און אָט האָט מען מיך פאַרוואָרפן מיט אַזויפיל פראַגן, אַז איך האָב קוים באַוויזן צו ענטפערן אויף זיי. זיי האָבן מיט אומגע-דולד געוואַרט אויפן פינלענדער בלאָמקוויסט. ענדלאַך איז ער אויך געקומען מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן; ווי איך האָב זיך דער-וואוסט שפּעטער, זיינען עס געווען דאָקטאָר קעטליץ און מיס-טער ערמיטעדזש, דער שעפגעהילף פון דער איינגלישער עקספּע-דיציע. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ פּאָר פראַכטפולע שליטנס, וועלכע האָבן באַלד צוגעצויגן אויף זיך מיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי האָבן געשיינט צו זיין פון נאָרוועגיען. איך האָב זיך געווענדט מיט אַ גרויסער רעדע צום פינלענדער בלאָמקוויסט.
איך קורצע ווערטער האָב איך אים באַקענט מיט דער באַוועגונג פון אונזער עקספּעדיציע, ווי מיר האָבן פאַרלאָזן דעם „פראַם״, ווי מיר זיינען געווען אונטער 14 °86 צפון-ברייט, ווי מיר האָבן

איבערגעווינטערט אויפן ווייטן צפון, אַזוי, אַז מיר ווייסן אַפּילו נישט, וואו מיר געפינען זיך, ווייל אונזערע זייגערס שטייען און מיר קענען דעריבער נישט מאַכן קיין גענויע אַסטראָנאָמיש-געאָ-גראַפישע מעסטונגען.—

—דערציילט עס איבער אָט די הערן—מאַך איך ענדלאַך צום פינלענדער.

—כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען!—ענטפערט ער מיר—איך געפין מיך שוין אַזוי לאַנג צווישן די אייסלענדער, אַז איך האָב מיין שפראַך כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן און איר האָט גערעט נאָך דערצו אַזוי געשווינד און פליסיג. כ׳מוז יעדעס וואָרט גוט צע-קייען...

ענדלאַך האָב איך מיך באַוויזן צוזאַמענצורייד מיט דאָקטאָר קעטליץ אויף דייטש, דען ער איז געווען אַ געבוירענער פון דייטשלאַנד. איצט האָט ער איבערזעצט פאַר די חברים אַלץ, וואָס איך האָב אים געזאָגט. מיסטער ערמיטעדוש האָט אַרויסגע-נומען זיין וועג-פלאַש, אָנגעגאָסן אַ גלעזל פאָרטוויין און מיר מכבד געווען. אַלע האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און, ווענדענ-דיק זיך צו מיין נאָרוועגישער פאָן, האָבן זיי אויסגערופן „הוראַ!״ לכבוד נאָרוועגיען. וואָס איך האָב דערביי געפילט, איז זיך לייכ-טער פאָרצושטעלן, איידער איבערצוגעבן עס אין ווערטער. אין דער געזעלשאַפט פון אַזוינע האַרציקע מענטשן, בין איך געשטאַ-נען אַ שוואַרצער, אַ שמוציקער, אַ ווילדער מענטש מיט אָפּגעוואַק-סענע קאָסמעס, אין פאַרפּושטע שמאַטעס, צווישן מענטשן, וועל-כע טראָגן זויבערע מלבושים מיט אַ ריח פון גוטן טואַלעטזייף... און אַרום אונז ליגט דערזעלבער אייז, אויף וועלכן מיר האָבן אָנדערטאַלבן יאָר געקעמפט פאַר אונזער קיום... אויפן שנייבאַרג האָט געפלאַטערט די נאָרוועגישע פאָן, און איך בין דאָ געווען דער איינציקער פאַרטרעטער פון נאָרוועגיען... יאָ, קיינמאָל האָב איך נאָך אַזוי נישט געשפּירט דעם פעסטן בונד צווישן מיר און מיין פאָטערלאַנד!... מיט אַ געהויבענעם קאָפּ האָב איך אויסגע-טרונקען מיין בעכער אונטערן הילכיגן „הוראַ״ פון די איינגלענ-דער, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אויף די אייז-פעלדער.

מיר האָבן זיך גענומען צו אונזער נאַכטלעגער. מיט אַ באַזונדער תענוג האָב איך אַרויסגעוואָרפן אונזער זאַפּאַס שמאַלץ מיטן פלייש פונם ים-פערד... גענוג, מער שלעפּ איך עס נישט מיט זיך, די איינגלענדער וועלן שוין מסתמא אונז נערן...—אויפן שנייי זיינען געלעגן עטלאַכע פויגעלאַך, וועלכע מיר האָבן גע-האַט דערשאָסן. די איינגלענדער האָבן זיי אָפּגעשניטן די קעפּלאַך מיט די פיסלאַך „צום אָנגעדענק”. מיר האָט מען גאָרנישט גע-לאָזן אַרבעטן, נאָר מ..אָט מיר געבעטן אָנווייזן, וואָס מען זאָל נעמען און וויאַזוי מ׳זאָל עס פאַרפּאַקן, איך האָב אַלץ געהייסן נעמען, ווייל אין יעדער קלייניקייט איז געווען פאַרבונדן עפּיס אַן אָנדענק פאַר אונז. דאָקטאָר קעטליץ האָט מיר באַלד מכבד געווען מיט אַ לולקע, מיסטער טשאַילד האָט מיר געגעבן אַ גוט-אָנגעשטאָפּטן בייטל מיט אויסגעצייכנטן טאַבאַק. כ׳האָב פאַרוי-כערט, דעם ערשטן מאָל נאָך 18 מאָנאַטן!—און אָט לאָזן מיר זיך צוריק אין וועג אַריין. איך גיי מיר דוקא אויף מיינע פוס-שליטעלאַך, מיינע געסט פירן די שליטנס. און יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן אָפּגערוט, האָב איך געמוזט ווייטער זיך נעמען דער-ציילן וועגן אונזער עקספּעדיציע, ווייל דאָקטאָר קעטליץ ווערט אַלץ גאָרנישט מיד צו פרעגן.—ווען מיר זיינען ענדלאַך געקומען צום צווייטן ברעג און איך האָב דערזען די וואוינונג פון די איינגלענדער, האָב איך געמוזט מודה זיין, אַז זיי האָבן דאָ גע-לעבט אַ קאָפּעטשקע בעסער, ווי מיר אין אונזער „ווינטערפּאַלאַץ”. דאָ איז געשטאַנען אַ גרויס הויז און פיר קלענערע, איינגעריכ-טעט מיט יעדן מעגלאַכן קאָמפאָרט. איך האָב דאָ אויך דערזען נאַנסענען, וועלכן מ׳האָט דאָ פאָטאָגראַפירט אָט אַזוי, ווי ער שטייט און גייט—אַן אָפּגעריסענער, אַן איינגעשמוצטער און באַ-וואַקסן מיט אַ פּאַטלע האָר אויפן קאָפּ און אויפן פנים. איך האָב אים פריילאַך באַגריסט פון דערווייטן מיט מיין פּאַפּאַכע, ער האָט מיר אויך אַזוי פריילאַך געענטפערט.

און אָט איז אויך צורופגעקומען דער שעף פון דער איינגלישער עקספּעדיציע, מיסטער דזשעקסאָן, וועלכער האָט זיך גענומען מיך אויספרעגן אויף איינגליש. אַלס איבערזעצער האָט אונז געדינט

נאַנסען. איך האָב אָבער אויגעגעבן ווייניק ווערט די ווערטער: דער האַנטדרוק, מיט וועלכן מיסטער דזשעקסאָן האָט מיך באַגעגנט און דער פריילאַכער און פריינטלאַכער אויסדרוק פון פּנים האָט מיר געגעבן באַווייזן, אַז די איינגלישע הכנסת-אורחים האָט אין זיין פּערזאָן געהאַט אַ בכּבודיקן פאָרשטייער. מיסטער גערוואָרד, דער איינגלישער קאָכער, האָט זיך באַלד גענומען צוגרייטן הייסע וואַסער מיט זייף פאַר אונז, וואָס מיר האָבן אויסגעזען, ווי ווילדע ברואים...

נאַנסען האָט מיר דערציילט, אַז בשעת ער האָט מיך פריער פאַרלאָזן, האָט ער אַ קורצע צייט געבלאָנדזשעט; באַלד אָבער האָט ער ווידער דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט און תיכּף נאָכדעם האָט ער דערזען פון דערווייטן אַ מאַן, אייראָפּייאיש געקליידעט.

—ווער זענט איר?—האָט יענער געפרעגט פאַרוואונדערט.

—איך בין פּריטיאָף נאַנסען.

—פון וואַנען קומט איר?

—פון צפון-פּאָל!

—וויאַזוי גייט איר?

—צו פוס?

—איך בין דזשעקסאָן, שעף פון אַן איינגלישער צפון-עקספּעדיציע—האָט יענער זיך פאָרגעשטעלט, און ביידע האָבן זיך וואַרים די הענט געדריקט און אויסגעשאָסן מיט די ביקסן לכבוד דער באַגעגעניש.

אַ וואונדער, וואָס איך האָב דאָס שיסן נישט געהערט. משמעות, דער ווינט האָט געבלאָזן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

נאַנסען האָט שוין געגעסן פון זייער טיש. מען האָט אים מכבד געווען מיט אַן אָנבייסן; איצט האָט מען זיך גענומען צו מיר. מ'האָט מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און אָנגעשטעלט דאָרט מכּל-טוב: ברויט, און פּוטער, און סוכאַרעס, און טיי, און שאָקאָלאַד, און בראָטן,—אַלץ, וואָס די ציוויליזירטע וועלט פאַרמאָגט נאָר פאַרן הונגעריקן מאָגן. און אָט בין איך געזעסן אויף אַן אמתן שטול און ביי אַן אמתן טיש און האָב מיך באַדינט

מיט אַן אמתן גאָפּל און מעסער. דערביי האָב איך געקוקט, ווי פאַרשעמט אויף מײַנע בידנע מלבושים, אויף די פאַרוואונדעטע, פאַרשמוצטע הענט און האָב נישט געוואוסט, וווּ זיי צו באַהאַלטן. פּלוצלונג האָט מיר עמיצער אונטערגערוקט אַ שפּיגל. אַי-אַי, טאַטע-פאָטער, ווי זע איך אויס! איך בין שיר נישט דערשטיקט געוואָרן פון געלעכטער, ווען כ'האָב אין אָט דער ווילדער באַשעפעניש געמוזט דערקענען זיך אַליין.

אָבער אָט האָט מען אונז צוגעפירט צום הייס; וואַסער מיט זייף און דערלאַנגט אַ ווייסן, צילטיקן האַנטוך. אָ, דאָס איז געווען דער בעסטער כבוד פאַר אונז! וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן ס'איז געווען צו געזעגענען זיך מיט דער שרעקלאַכער שמוץ און בלאָטע! וואָס פאַר אַ תענוג ס'איז געווען אָנצוטאָן ענדלאַך ריינע פרישע וועש, וואָלענע קליידער, וועגן וועלכע מיר האָבן אַזוי לאַנג פאַנטאַזירט!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונז אַ רוהיק לעבן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען מיר טאַקי געווען אויף דער אינזל פראַנץ-יאָזעף און כמעט אַלע אונזערע מעסטונגען זיינען געווען ריכטיג. נישט ריכטיק זיינען נאָר געווען די מאַפּעס. די איינגלענדער האָבן אונז דערציילט, אַז זיי וואַרטן פון טאָג-צו-טאָג אויף אַ שיף, וואָס באַדאַרף קומען פון איינגלאַנד, דידאָזיקע שיף וועט אונז שוין אָפּפירן אַהיים.

נאַנסענען האָט מען אַריינגענומען אין קאַבינעט פון דעם און דאָקטאָר קעטליץ האָט מיר אָפּגעטראָטן זיין קאַבינעט. אין הויז איז געווען וואַרים. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען בילדער; ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַן אָרגאַן, פאָלקעס מיט ביכער. ניין, דאָס איז נישט אונזער „ווינטערפּאַלאַץ"!

מ'האָט אונז רייך באַזאָרגט מיט ריינע וואָלענע וועש און פאַר יעדער סעודה האָט מען אונז געגעבן הייס וואַסער מיט זייף, וויפיל דאָס האַרץ געלוסט!

# קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק.

די צייט גייט געשווינד און אָנגעניים. די איינגלענדער שיינקן אונז די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און זאָרג. דידאָזיקע גוטע מענטשן באַמיען זיך צו מאַכן וואָס-אַנגענעמער אונזער צייט ביי זיי. זיי שעצן הויך אונזער עקספעדיציע און אינטערעסירן זיך מיט יעדער קלייניקייט. איך האָב אָנגעהויבן תּיכּף צו לערנען איינגליש. ביכער איז פאַראַן גענוג, לערע גוטע אויך,—האָב איך אַ פּעולה אין לערנען, און באַלד דערקלערט שוין נאַנסען, אַז אַנדערש, ווי אויף איינגליש, וועט ער שוין מיט מיר דאָ נישט ריידן.

אונז קומט פאָר זייער אויסטערליש דער אומשטאַנד, וואָס מען זעצט זיך דאָ אַזוי אָפט צו דער אכילה. במשך פון אַנדערטאַלבן יאָר האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו עסן נאָר צוויי מאָל אין מעת-לעת, און דאָ עסט מען 5—6 מאָל אין אַ טאָג. פונדעסטוועגן פעלט אונז נישט קיין אַפּעטיט; מיר עסן אויסגעצייכנט און עס ווייזט אונז גאָרנישט אויס, אַז מען נערט אונז צופיל; פאַרקערט, מיר זיינען העכסט צופרידן יעדעס מאָל, ווען מ׳דאַרף זיך זעצן צום טיש. מערקווירדיק, פאַר די אַנדערטאַלבן יאָר אויף די אייז-פעלדער זיינען מיר נישט געוואָרן מאָגערער, נאָר פאַרקערט, דיקער, מעגלאַך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר זיינען אַ גאַנצן ווינטער געלעגן אויף איין אָרט, און, מעגלאַך אויך דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך געשפייזט מיט בערישן פלייש און שמאַלץ.

בשעת דזשעקסאָן איז אָפּגעפאָרן פון אייראָפּא, האָט מען אים אין נאָרוועגיען געגעבן בריוו פאַר נאַנסענען. די בריוו זיינען גע־ווען פון פאַר צוויי יאָרן, אָבער די „נייעס״ זיינען געווען גוטע און האָבן אונז שטאַרק דערפרייט.

נאַנסען האָט זיך גענומען צוזאַמענשטעלן אַ נייע מאַפּע פאַר דער אינזל פראַנץ־יאָזעף; איך האָב זיך גענומען סיסטעמאַטיזירן נאַנ־סענס טאָגבוך און באַזונדערס זיינע מעטעאָראָלאָגישע באָאָבאַכ־טונגען פאַר די גאַנצע אָנדערטהאַלבן יאָר. דאָס איז געווען אַ זייער שווערע אַרבעט, ווייל די ציפערן און אותיות זיינען גע־ווען שטאַרק פאַרשמוצט און ערטערווייז האָט מען זיי גאָרנישט געקאָנט כמעט לייענען.

איינמאָל האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אונז אַ בער. ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן אַ יאַגד און דזשעקסאָן האָט אים פאָטאָגראַפירט. נאַנסען האָט דאָ דערשאָסן זיין לעצטן ווייסן בער. הינטער אונזער הויז האָט זיך דערהויבן אַ באַזאַלט־פעלז באַדעקט מיט אייז, ווי מיט אַ פּאַנציר. אויבן אין דער הויך זיינען געלעגן פויגעלשע נעסטן. דער יאַגד אויף דידאָזיקע פויגלען איז געווען זייער אינטערע־סאַנט און טאָג־טעגלאַך פלעגן מיר גיין אויף דער יאַגד. די גע־בראָטענע ברוסט פון דידאָזיקע פויגלען איז זייער געשמאַק. אוי־סער דעם האָט דזשעקסאָן צוגעשטעלט אַ לייטער צו די נעסטן, פלעגן מיר קריכן אַרויסנעמען פון דאָרט די אייער און עסן זיי נאָכן אָנבייסן. זייער אַ באַטעמטער מאכל.

מיסטער ערמיטעדזש און דאָקטאָר קעטליץ פאָרן טאָג־טעגלאַך מאַכן אַן עקסקורסיע צוזאַמען מיט מיר אין דער אומגעגנט. דאָס איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן אין דעמדאָזיקן איינזאַמען שטילן קאַנט. מיר פלעגן דערביי אויך זאַמלען רייסציין פון ים־פערד סקעלעטן פון וואַלפישן, פאַרשטיינערט האָלץ, אַלערליי שטיינדלאַך א. אַ. וו. איינמאָל האָט מיסטער ערמיטעדזש דער־שאָסן אַ סאָווע; אַזויאַרום איז דערוויזן געוואָרן, אַז די סאָוועס פאַרפליען אויך אין אָט די ווייטע, קאַלטע מקומות.

אין אָוונט פלעגט מען שפילן אין קאָרטן און שבת פלעגט מען טרינקען פאָרטוויין לכבוד די פריינט אינדערהיים. איך און נאַנ־

סען האָבן איינגעפונען, אַז דאָס איז זייער אַ גוטער מנהג: ס׳איז אי פרום, אי גוט.

מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער שיף, וואָס דאַרף קומען פון לאָנדאָן. ס׳קאָן זיך דאָך אַמאָל טרעפן, אַז די שיף זאָל זיך נישט קאָנען אַדורכשלאָגן דורך די אייז-פעלדער, און מיר וועלן מוזן צום פערטן מאָל איבערווינטערן און ווייטן אייז-צפון. טראַכטן מיר, צי איז נישט אַ סברא צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין צו דער אינזל שפּיצבערגען? מיר האַלטן אָבער ביים חודש יולי, און ס׳איז אַ גרויסער ספק, אויב מיר וועלן קומען אַהין אין דער רעכטער צייט, צו געפינען נאָך דאָרט אַ שיף. ס׳וועט אונז אפשר גאָר אויסקומען צו ווינטערן אויף שפּיצבערגען. ניין, מיר וואַרטן בעסער דאָ.

ערשט איצט האָבן מיר ריכטיק אָפּגעשעצט דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעליטן פאָריגן ווינטער אין אונזער „פּאַלאַץ״. אָבער מיר האָבן נישט קיין חרטה. אונזער ליידן האָט געבראַכט נוצן דעם מענטשהייט. די ידיעות וועגן ווייטן צפון זייבען דאָך באַרייכערט געוואָרן דורך אונז!

# קאַפּיטל נײַנאונצוואַנציק.

איצט קוקן מיר שוין גאַנץ ערנסט אויפן עק הימל און וואַרטן אויף אַ שיף. פיר פערזאָן פון דער איינגלישער עקספּעדיציע קלייבן זיך אויך אַהיים; אָבער ס׳גייט אַוועק איין וואָך, אַ צווייטער און קיין נייעס איז נישטאָ; נאָר דער ווינט שלעפּט אָן אַלץ נייע אייזמאַסן צו די ברעגן. באַלד וועט שוין די גאַנ-צע געגנט אַרום זיין באַדעקט מיט אייז-פעלדער. די בײַנקשאַפט נאָך דער אַלטער היים פאַרשטאַרקט זיך ביי אונז.

מאָנטאָג, דעם 27-טן יוני. אַ נײַ קאַפּיטל אין אונזער עקספּעדי-ציע. בײַנאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, דערהערנדיק אין זײַ-טיקן צימער אַ פריילאַכן שמועס צווישן די חברים, וועלכע זײַ-נען אַרויסגעשפּרונגען האַלב נאַקעט. ווייזט זיך אַרויס, אַז פון לאָנדאָן איז געקומען די לאַנג דערוואַרטע שיף און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג פונם אייז. דאָס איז געווען אַ ריזנשיף מיט דריי זעגלען. און ווי נאָענט זי איז צום ברעג צוגעגאַנגען!

דער צפון-ווינט, וואָס האָט אין דער נאַכט געבלאָזן, האָט באַ-פרייט די ברעגן פון אייז. „אויגדוואָרד"—אַזוי האָט געהייסן די שיף—האָט זיך געפונען אַ וועג פון דער גרויסער וועלטשטאָט אַהערצו, אין אייביקן אייז, ברענגענדיק מיט זיך ידיעות פון דער רוישיקער וועלט.

מיסטער דזשעקסאָן און בלאָמקוויסט זײַנען די ערשטע אַוועק צום שיף; דער לעצטער איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז דער „פראַם" איז נאָך צוריק פון זיין נסיעה נישטאָ און קיין שום ידיעות פון אים איז נישטאָ. נאַנסען איז באַלד אַוועק צום שיף. אונזער הויז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט די מענטשן פון דער שיף. מען האָט גערעדט הויך און געשווינד. אַלע האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן און יעדערער האָט געוואָלט האָבן וואָס גיכער אַן ענטפער. כ׳האָב פריער געהערט, אַז צווישן די שיפסלייט דאַרפן זיין נאָרוועגיער; בין איך אין מיינע נאַכטקליי-דער אַראָפּגעשפּרונגען און געפרעגט אויף נאָרוועגיש: „ווער פון אייך איז אַ נאָרוועגיער?"-„איך, איך!—האָט זיך אָפּגערופן איי-

נער, אַ צווייטער און דערנאָך אַ דריטער. — האָב איך פּשוט אויפֿגעלעבט. כ׳האָב אָנגעהויבן פֿרעגן; אַלע האָבן געענטפֿערט. גאָט צו דאַנקען, אין נאָרוועגיען איז אַלץ, ווי געהעריק. כ׳יגען מיט יאַפּאַן האָבן זיך געשלאָגן, און כ׳ינע האָט באַקומען אַ געזונטע פּאַרציע; אין רוסלאַנד איז אַ נייער קייזער און אין פֿראַנקרייך אַ נייער פּרעזידענט. אין נאָרוועגיע זאָגט מען, אַז דער „פֿראַם" איז אומגעקומען אין די אייז-פֿעלדער, אָבער די עקספּעדיציע איז געווען ביים פּאָל און איצט געפֿינט זי זיך אויף די ניי-סיבירישע אינזלען. מיר האָבן געמוזט קלאָר מאַכן אונזערע לאַנדסלייט, אַז זיי ווייסן גאָרנישט. אויפֿן צפֿון-פּאָל זיינען מיר נישט געווען, אָבער מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלאַך געווען.

אויפֿן „אוינדוואָרד" האָט מען אונז אויפֿגענומען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. דער פּעיקער און פֿריינטלאַכ׳ער קאַפּיטאַן בראָון האָט אָנגעווענדעט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט איינצוֹאָרדנען פֿאַר אונז אַ צימער וואָס בעסער. מיט אים זיינען געקומען צוויי פּאָלפֿאָרשער: דאָקטאָר בריוס און מיסטער אוילטאָן, וועלכ׳ע האָבן געדאָרפֿט איבערבלייבן אויף ווינטער ביי דזשעקסאָנס עקספּעדיציע.

איך האָב צוזאַמען מיט נאַנסען טאָג-טעגלאַך באַזוכ׳ט די שיף און דער קאָכ׳ער האָט אונז דאָרט מכבד געווען מיט אַלעם בעסטן. יעדן אָוונט פֿלעגן זיך אַלע פֿאַרזאַמלען אין זאַל פֿון „אוינדוואָרד"; ס׳איז געווען זייער פֿריילאַך, מען האָט געשמועסט און געזונגען.

די שיפֿסלייט האָבן זיך געאיילט וואָס געשווינדער אויסצולאַדעווען די געבראַכטע זאַפּאַסן און פֿאַרשידענע אינסטרומענטן. מ׳האָט אויך געבראַכט פֿיל צפֿון הירשן, כּדי אונטערצונעמען אין פֿרילינג אַן עקספּעדיציע אויף שליטנס. די הירשן זיינען אָבער באַלד אַוועקגעפֿאַל׳ן, כ׳אָטש קיין יאגעליי-מאָך האָט פֿאַר זיי נישט געפֿעלט. די שעפֿסן, וואָס מ׳האָט אַהער געבראַכ׳ט האָבן שוין בעסער איבערגעטראָגן דעם שווערן קלימאַט. די אויסלײדונג פֿון שיף איז געענדיקט געוואָרן אין איין וואָך און דאָס שיף האָט

נאָר געוואַרט אויף די בריף, וואָס מען האָט געדאַרפט צוגרייטן פאַר אייראָפּא.

איינמאָל, אויפכאַפּנדיק זיך אינדערפרי, האָבן מיר דערזען, אַז די שיף איז נישטאָ. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן פיל אייז און מען האָט זי געמוזט אָפפירן צום מערב; אָבער אויך דאָ האָט אָנגעהויבן אָנשפּאַרן דער אייז און מען האָט זיך געשראָקן, אַז דער אייז וועט אַרויסשטויסן די שיף אויף דער יבשה. צום גליק איז דעם קאַפּיטאַן געלונגען צו באַפרייען די שיף פון אייז. איצט האָט מען שוין מער נישט געטאָרט צוזוימען. דעם 7-טן אויגוסט האָט די שיף אָנגעהייצט די מאַשין. מיר האָבן זיך קוים-קוים אַדורכגעשלאָגן דורכן אייז אויף אַ שיפל צום „אוינד-וואָרד". און אָט זיינען מיר שוין אויפן שיף. ס'פעלט נאָר מיס-טער פישער, וועלכער דאַרף אויך פאָרן מיט אונז און אויך דאָק-טאָר קעטליץ מוז אָפגעפירט ווערן צוריק אויף דער יבשה, וואו ער פאַרבלייבט מיט דער עקספּעדיציע. די פּאָסט האָט מען נאָך אַלץ נישט געבראַכט. ענדלאַך אָבער איז אויך פישער געקומען מיט דער פּאָסט און מיט קאַסטנס מיט מינעראַלנזאַמלונגען און אַנדע-רע מערקווירדיקייטן. דאָקטאָר קעטליץ איז אַראָפּ פון שיף און שפּרינגנדיק פון איין שטיק אייז צום צווייטן איז ער ביים הויכן הוראַ-געשריי גליקלאַך אַרויף אויף דער יבשה.

און אָט זיינען מיר אויפן אָפענעם ים. באַלד האָבן מיר באַ-געגנט אייז-בערג, אָבער קאַפּיטאַן בראַון איז אויסגעצייכנט גע-ניט, און ווייס וויאַזוי צו לאַווירן אין אייז־ים. טאָג-און-נאַכט זיצט ער זיך אין זיין באָאָבאַכטונגספּאַס און גיט זיינע הויכע באַפעלן. „אוינדוואָרד" האָט זיך אַדורכגעריסן דורכן אייז און דעם 11־טן אויגוסט האָב איך מיט נאַסענען זיך אַנטגילטיק גע-שייט מיט די אייז-פעלדער, אין וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט דריי יאָר צייט. באַלד האָבן מיר אויפן ים דערזען אַ שיף און נאָכדעם—עטלאַכע שיפן. מיר שפּירן, אַז מיר קומען נאָנטער צום ציל פון אונזערע הייסע שטרעבונגען און ס'איז שוין נישט ווייט די גליקלאַכע שעה, נאָך וועלכער מיר האָבן אַזוי שטאַרק גע־בייגקט מיטן גאַנצן האַרצן.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר ווייט-ווייט אויפן עק הימל דערזען ענדלאַך די נאָך נישט דייטלאַכע קאָנטורן פון אונזער היים, פון נאָרוועגיען. נאָך איין טאָג, און אָט האָבן מיר שוין דערזען די פעלזנבערגן און מיר לאַווירן צווישן די שטערן צום דרום-צו. מיר האָבן באַגעגנט נאָך שיפן, וועלכע האָבן אונז באַגריסט. איינמאָל איז אַרויף צו אונז אַ לאָצמאַן מיט זיין זון. אינם שמועס מיט זיי, האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעוויזן אויף נאַנסענען און אויף מיר און געפרעגט, צי קענען זיי אונז. דער לאָצמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אונזערע אָרימע מלבושים און האָט געענטפערט, אַז ער ווייס נישט, ווער מיר זיינען. ווען דער קאַפּיטאַן האָט אים געזאָגט, אַז איינער פון אונז איז נאַנסען, האָט דער לאָצמאַן ברייט אויפגעעפנט די אויגן און אויף זיין פנים האָט זיך אויס-געגאָסן אַ פרייד. ער האָט אונז הייס געדריקט די האַנט און באַ-גריסט מיטן אומקערן זיך אַהיים. נישט ער, און נישט קיינער האָט געקאָנט גלויבן. אַז ס׳לעבט נאָך עמיצער פון „פראַם״. וועגן פראַם גופא האָט מען קיין שום ידיעה נישט געהאַט.
„ווינדוואָרד״ איז בינו-לבינו אַריינגעקומען אין פּאָרט און אויפן שיף איז אַרויפגעקומען דער אויפזעער פון פּאָרט. מען האָט אָנ-געהויבן פאַראַנקערן די שיף. איך און נאַנסען מיטן לאָצמאַן זיי-נען אָפּגעפאָרן צום ברעג. דאָרט זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען אויף דער טעלעגראַפסטאַציע, און דער לאָצמאַן האָט אונז געוויזן דעם וועג. אַלע האָבן זיך געוואונדערט, ווער קאָן עס גיין אין גאַס אין אַזעלכע מלבושים, ווייל ס׳איז קענטיק געווען, אַז די קליי-דער זיינען געניית נישט פאַר אונז. איך האָב נאָך געהאַט אויף זיך דאָס רעקל, וואָס איך האָב זיך אויפגענייט פון דער קאָלד-רע. אין איין גאַס האָבן מיר דערזען אַ קו און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון איר! אַזאַ מין חיה האָבן מיר שוין לאַנג נישט געזען...
אויף דער סטאַציע האָט נאַנסען דערלאַנגט דעם דירעקטאָר אַ גאַנצן פּאַק טעלעגראַמען, זאָגנדיק: „כ׳וואָלט זייער געוואָלט, אַז איר זאָלט זיי תיכף עקספּעדירן.״—דער דירעקטאָר האָט לאַנגזאַם גענומען דעם פּעקל און געגלאָצט מיט די אויגן אויף נאַנסענען.

אָבער ווי נור ער האָט דורכגעלייענגט די ערשטע טעלעגראַמע, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער איז געשווינד אַרויס־געלאָפן צו אונז און האָט נאַנסענען הייס באַגריסט. דערנאָך האָט ער דערקלערט, אַז ער פאָדערט תּיכּף אַרויס פון שטאָט אַלע רעזערוועטעלעגראַפיסטן און זעצט זיי אַנידער ביי דער אַר־בעט טאָג־און־נאַכט, כּדי איבערצוגעבן תּיכּף אַלע טעלעגראַמען. דאָס איז טאַקי געווען אַ היבשער פּאַק. נאַנסען האָט געשיקט צוויי טעלעגראַמען צו די צייטונגען, יעדע צו עטלאַכע טויזנט ווערטער. ער האָט זיי געהאַט אָנגעשריבן נאָך אויף דער אינזל פראַנץ־יאָזעף, איינע אויף נאָרוועגיש און די צווייטע אויף ענגליש. אויסערדעם האָבן מיר געהאַט לערך 15 טעלעגראַמען פון אונזערע חברים אויפן „פראַם”. צוערשט האָט מען אָבער עקספּע־דירט טעלעגראַמען צום קעניג, צו נאַנסענס פרוי, צו מיין מוטער און צו אַנדערע פריינט, ווי אויך צו דער נאָרוועגישער רע־גירונג.

דאַן זיינען מיר אַוועק אין שטאָט אַריין, וואו ס׳האָט זיך דע־מאָלט גראָד געפונען פּראָפעסאָר מאָן, ווי עס האָט אונז דער־ציילט דער טעלעגראַפדירעקטאָר. אין האָטעל, וואו ער איז גע־ווען, האָט מען אָבער אונז באַגעגנט קאַלט. דען מען האָט נישט געגלויבט, וואָס פאַר אַ עסקים קאָנען עס האָבן אַזעלכע אָרימע סוביעקטן מיטן באַוואוסטן פּראָפעסאָר. מען האָט אונז אָבער אָנ־געוויזן זיין נומער, און נאַנסען האָט זיך אַהין אַריינגאַריסן, ווי אַ שטורמווינט. כ׳האָב קיינמאָל אין לעבן נישט געזען אַזאַ שטיי־נונג, אַזאַ פאַרוואונדערונג, ווי די, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן ביים פּראָפעסאָר אויפן פּנים, ווען ער איז אויפגעשפּרונגען פון קאַנאַפּע און האָט דערזען דעם ריז, וואָס איז פאַר אים געשטאַ־נען.

—פריטיאָף נאַנסען? צי איז עס מעגלאַך?...

ווען אָבער ער האָט דערהערט נאַנסענס שטימע, האָט ער זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אומענדלאַכע פראַגן; באַלד האָט זיך באַוויזן אַ פלאַש שאַמפּאַניער און עס זיינען געקומען דעם פּראָפעסאָרס באַקאַנטע. אין שטאָט האָט

מען, משמעות, שוין געהערט וועגן אונזער צוריקקער, ווייל אַרום דעם האָטעל האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער עולם, אויף אַלע שיפן האָט מען צוגעשטעלט נאַציאָנאַלע פאָנעס און ביי אונז אונטער די פענסטער האָט די מוזיק אָנגעהויבן צו שפּילן דעם נאַציאָנאַלן הימן: „יאָ, מיר ליבן אַט די פעלזן"—יאָ, איצט זיינען מיר שוין געווען אינדערהיים.

מיר האָבן זיך באַלד באַזאָרגט מיט נייע קליידער; אויסערדעם האָבן מיר שוין גענומען אַן אמתע וואַנע און באַפרייט זיך פונם רעשט שמוץ. ערשט דאָ איז אונז געלונגען אָפּצעוואַשן די גאַנצע סאַזשע פון אונזער לייב, וואָס האָט זיך אויף אים אָנגעקליבן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין די אייז-פעלדער און אין „ווינטער-פּאַלאַץ".

פון דאַנען זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין האַמערפעסט, וואו נאַנסענס פרוי איז אַרויסגעקומען באַגעגענען אונז; מיט איר איז אויך געקומען זיין סעקרעטאַר, כריסטאָפערסען, וועלכער האָט זיך געזעגנט מיט אים פאַר דריי יאָרן אין כאַבאַראָוו.

אָ, ווען מיר זאָלן נאָר וויסן, וואָס איז געוואָרן מיטן „פראַם" און אונזערע חברים!

אָבער אָט האָט מען דעם 20-טן אויגוסט דערלאַנגט נאַנסענען אַ טעלעגראַמע. נאַנסען האָט דערשפּירט, אַז דאָס איז אַ וויכטיקע נייעס. געשווינד האָט ער די טעלעגראַמע אויפגעריסן, און אָט וואָס מיר האָבן דאָרט געלייענט.

„סקעווערע. 20-טן אויגוסט 1896. דאָקטאָר נאַנסען. „פראַם" איז היינט אָנגעקומען אַהער גליקלאַך. אַלע זיינען געזונט. מיר פאָרן באַלד קיין טראָמסע. מיר באַגריסן אייך אינדערהיים!

אָטאָ סווערדרופ".

ווי אַ שטורמווינט, איז די ידיעה אַריבערגעפלויגן אין דער גאַנצער שטאָט. מיר זיינען באַלד אָפּגעפאָרן קיין טראָמסע און אויף צומאָרגנס האָבן מיר דערזען די זעגלען פון „פראַם". זיינע זייטן זיינען געווען אַ היבש ביסל אַרומגעשונדן און אַרומגעריבן, אָבער גאַנץ און שטאַרק איז ער נאָך געווען.

אויף אַלע שיפן האָבן זיך דערהערט אויסרופן „הורא, פראַם"!

מיר האָבן זיך געוואָרפן איינע די אַנדערע אויפן האַלז.
אָ, ווי גרויס די פרייד איז געווען! אַזאַ פרייד דערלעבט מען מען נאָר איינמאָל אין לעבן!
און אָט וואָס מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם „פראַם": דער אייז האָט איהם פאַרטראָגן אַזש $86^{o}$ צפון-ברייט. ווען דער אייז האָט אים שוין צו-שטאַרק אָנגעהויבן צו דרוקן, האָט מען דעם אייז אויפגעריסן מיט מינעס. באַפרייט האָט ער זיך פון אייז ענטגילטיק ערשט דעם לעצטן 13-טן אויגוסט. דאַן איז ער גע-פאָרן צו שפיצבערגען. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט אַ שיף. מען האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף נאַנסען, אָבער די שיפסלייט האָבן געענטפערט, אַז מען הערט וועגן אים גאָרנישט. די לייט פון „פראַם" האָבן גערעכנט, אַז מיר זיינען שוין אַ יאָר לאַנג אינ-דערהיים...
פאַר אונז האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון פייערונגען. די גאַנ-צע וועלט האָט אונז באַגריסט. אין נאָרוועגיען האָט מען אונז אין יעדער שטאָט, וואו מיר זיינען אַדורכגעפאָרן, געמאַכט גרוי-סע אָוואַציעס. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די התלהבות-דיקע אויפנעמונג אין כריסטיאַניע. בשעת מיר זיינען אַראָפּ אויפן ברעג, האָט געהערשט אַ פייערלאַכע שטילקייט און דאַן האָט אַ גראַנדיעזער כאָר אָנגעהויבן צו זינגען אַ קאַפּיטל תהלים...
יאָ, מיר זיינען אינדערהיים, און די אייביקע אייז-פעלדער זיינען איצט נאָך וויסטער געוואָרן. קיין שיף שטערט שוין דאָרט נישט דעם ווילדן קאַמף צווישן די אייז-בערג, קיין איינציקער מענטש וויל שוין דאָרט נישט אַדורכדרינגען דעם אייביקן פּאָל-סוד. מעגלאַך, אַז דער שטורעם איז דאָרט איצט נאָך מער ווילד, און דער אייז-מדבר קערט וועלטן דערפאַר, וואָס מענטשן האָבן פאָרט אויפגעהויבן דעם אייביקן פאָרהאַנג און זיינען אַריינגעדרונגען אַהין, וואו ביז איצט איז נאָך קיין מענטשלאַכער פוס נישט גע-ווען.
ווייט זיינען איצט די אייז-בערג פון מיר, אָבער עס וועלן קומען אַנדערע מענטשן, מעגלאַך דרייסטערע, ווי מיר און זיי וועלן נאָך אויסרייסן אַ גרעסערן סוד פון יענעם ערדווינקל, וואָס ליגט אין די געפּאַנצערטע אָרעמס פון נאַכט, שניי און אייז.